STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01117

MOMENTN FUN A LEBN

A. Almi

Permanent preservation of this book was made possible
by Ralph & Trudy Jaffe
in memory of
Shyia Leib, Rochel & Neche Minna Jaffe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אלמי

מאָמענטן פון אַ לעבן

די הכנסה פון דעם בוך איז באשטימט פאר דער
קולטור־הילף לטובת דער שארית־הפליטה.

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 40

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פייגנבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

א. אלמי

מאמענטן פון א לעבן

זכרונות, בילדער און עפּיזאָדן

★

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1948

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
A. Almi, New York

A. ALMI

MOMENTN FUN A LEBN

(EPISODIOS DE UNA VIDA)

Buenos Aires, 1948

אינהאַלט:

עטלעכע באַמערקונגען — 7
1. איך כאַפּ זיך אויף — 11
2. די וואַנט — 19
3. חלומות און לידער — 24
4. אַ הויז אויף גענשע גאַס — 29
5. מיין מלמד און דאָס פאָלק ישראל — 35
6. קינדערישע ליבעס — 42
7. קינדערישע מלחמות — 47
8. גרויסע קשיות — 52
9. בריוו קיין אַמעריקע — 60
10. די ברידער מילטאָן — 67
11. שווער צו זיין אַ בכור! — 73
12. די באָבע חיה — 77
13. די באָבע שרה-הינדע — 80
14. דער בונט אויף אַן אָקסן-שיף — 85
15. לידער-פּאַרפאַסער און העלדן — 92
16. אין קראָקע — 100
17. באַגעגענישן אין ווין — 106
18. אין קאָך פון אַ וואַרשעווער טאָג-צייטונג — 114
19. אַן אויסטערלישע איבערלעבונג — 121
20. י. ל. פּרץ — 129
21. הלל צייטלין — 140
22. אַנאַרכיזם און ציוניזם — 150

23.	ליבע און טויט	155
24.	בערזעס פון אידעאַלן	161
25.	סאַניניזם	169
26.	„פרעמדע" יידן אין פוילן	175
27.	דער מיסיאָנער לעווערטאוו	188
28.	דאָס יידישע היטעלע און דער קאפעלוש	192
29.	די ערשטע טעג אין דער נייער וועלט	198
30.	ווייבערישע פסעוודאָנימען	205
31.	מאָרים ראָזענפעלד	214
32.	פראָפעסאָר געצל זעליקאָוויץ	224
33.	בראָנזוויל — א פויליש שטעטל ביי ניו-יאָרק	229
34.	אמעריקאַנער מנחם מענדלס	235
35.	פיטאַגאָראַס אין ווארשע און ניו-יאָרק	241
36.	די ווייסל ביים האָדסאָן	246
	נעמען-רעגיסטער	250
	ביכער-רשימה	254

עטלעכע באַמערקונגען

דער נאָמען פון דעם בוך — „מאָמענטן פון אַ לעבן" — איז אַ קלאָרער אָנדייט, אַז ס'איז אַ פראַגמענטאַריש בוך. אָבער די גרויס־געריסענע בלעטער און קאַפּיטלען פון מיין ספר־החיים, די זכרונות, בילדער און עפּיזאָדן, זענען אַלע געצייכנט אויפן פאָן פון איין באַשטימטער סביבה — די יידיש־פּוילישע. אויך די עטלעכע אַמעריקאַנער קאַפּיטלען געהערן דאָ אַהער, וואָרום זיי זענען אַלע פון מיינע סאַמע ערשטע יאָרן אין דער נייער וועלט, ווען פּוילן, דער עיקר וואַרשע, האָט נאָך געלעבט אין מיין געמיט און דורך זיי רייסן זיך דורך יידיש־פּוילישע מאָמענטן.

הגם מעמוארן, פאַרנעמט דער ריין־פּערזענלעכער עלעמענט זייער ווייניק אָרט אין די שילדערונגען. דער עיקר קומען צום אויסדרוק די סביבה און דער לעבנסשטייגער, פּאַסירונגען פון אַלגעמיינעם אינטערעס און פאַרשידנאַרטיקע געשטאַלטן, סיי אין די אָרימע יידישע קוואַרטאַלן, אין די געדיכטעגישן פון פאָלק, סיי אין דער ליטעראַרישער וועלט.

איך האָב יאָרן־לאַנג זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק אויסצופילן די בלויזן צווישן די אָפּגעריסענע קאַפּיטלען, פון די פראַגמענטן אויפצושטעלן אַ גאַנצן בנין. אָבער אין דער לעצטער צייט, אין די יאָרן פון דער מלחמה און זינט דעם סוף פון דער מלחמה, וואָס האָט אויף אונדזער פאָלק געבראַכט דעם מוראדיקסטן חורבן

אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע, האָב איך זיך פון דעם געדאַנק אָפּגעזאָגט. בעת די יידישע וועלט אין אייראָפּע ליגט אין חורבות, האָב איך זיך פּשוט דערפילט אוממעכטיק און אומבאַהאָלפן פאַר אַזאַ אונטערנעמונג.

אויך די פראַגמענטאַרישע זכרונות מיינע, וואָס איך האָב אין פאַרלויף פון יאָרן פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע אויסגאַבן, וואָלטן מסתמא קיינמאָל נישט דערזען די שיין פון דער וועלט אין בוכפאָרם — און דאָס צוליב אַן אַנדער סיבה: די ירידה פון דעם יידישן וואָרט — פּרעסע, טעאַטער, ליטעראַטור — אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. נאָך אַ בוך אַרויסגעבן פאַר די פאָליצעס און קעלערס פון די בוכהאַנדלונגען? אָט־די טרויעריקע פראַגע שטייט דאָ פאַר די אויגן פון אַ סך יידישע שריפטשטעלער און פאַראַליזירט זייערע שעפערישע כוחות.

נאָר דאָ איז עפּעס געשען: פון אַרגענטינע האָבן מיר דאָ אָנגעהויבן קריגן די ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בוך נאָך בוך, אָפט עטלעכע ביכער מיטאַמאָל, אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע. ס'האָט מיטאַמאָל דאָ אַ בלאָז געטון אַ פרישער יידיש־שעפערישער ווינט פון די אַנדן, אַ ווינט, וואָס איז אפשר קאַפּאַבל צו פאַרטראָגן אַהער פרוכטבאַרן זאָמען פאַר אַ נייעם אויפבלי פון יידישן וואָרט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

מיין איינדרוק איז, אַז דער יידישער ישוב אין אַרגענטינע געפינט זיך איצט אין אַזאַ סטאַדיע פון יידיש־קולטורעלער שפע, וואָס מיר האָבן דאָ איבערגעלעבט מיט 25־30 יאָר צוריק. אויב דער דרום־אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ זאָל לערנען פון אונדזערע דערפאַרונגען, טעותן און פעלערן און דרינגען פון זיי דעם געהעריקן מוסר־השכל, וועט ער, לאָמיר האָפן, אימשטאַנד זיין ניט נאָר אויסצומיידן אונדזער מערכה, די ירידה פון דעם יידישן וואָרט, נאָר נאָך אפשר משפיע זיין דעם עלטערן און פיל־גרעסערן יידישן קיבוץ אין צפון־אַמעריקע צו אַ נייעם רענעסאַנס. אַזעלכע

זאַכן האָבן שוין פּאַסירט נישט בלויז אין דער יידישער געשיכטע.

לעת-עתה האָט די בוענאָס-איירעסער אונטערנעמונג שוין משפּיע געווען אַ שיינע צאָל יידישע שרייבער אין אונדזער מדינה — וגם אני בתוכם — זיך אָפּצוטרייסלען פון דער לעטאַרגיע און זיך נעמען צו דער אַרבעט, איבערהויפּט צו ווערק פון אַ באַשטימטן כאַראַקטער, וואָס די רעדאַקציע פון דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט. דאָס באַוווסטזיין, אַז ס'איז דאָ אַ פאַרלאַג, וואָס מאָנט פון אים אַ בוך און וואָס וועט דאָס בוך פאַרשפּרייטן — דאָס איז די שטאַרקסטע און די נאַטירלעכסטע אָנרעגונג פאַר יעדן שרייבער.

דער אַרגענטינער אויפטו איז אַ היסטאָרישער, וואָס וועט גלייכצייטיק ברענגען אומגעהויערע נוצן און דער באַלדיקער קעגנוואַרט.

א. אַלמי (א. ח. שעפּס)

ניו-יאָרק,
זומער 1947.

I

איך כאַפּ זיך אויף

...פּלוצלינג האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און פאַרוואונדערט זיך אַרומ־געקוקט... אַ יונגע פרוי האָט מיך פעסט געהאַלטן ביי אַ הענטל און מיך ערגעץ געפירט... פון ווייטן האָב איך געזען אַ פּוסט, ליידיק פעלד און אויפן פעלד אַ ווייסע מויער. אַרום האָבן זיך געצויגן שמאָלע, קליינע געס־לעך... אָן אַלטע יידענע איז אונדז אַנטקעגנגעקומען מיט אַ קעסטעלע נאַש־וואַרג, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ רימען אַרום איר האַלדז. איך האָב אַ צי געטאָן ביים קלייד די יונגע פרוי, וואָס האָט מיך געפירט און אויף וועלכע איך האָב געשפּירט, אַז זי איז מיין מאַמע — און זי האָט מיין „צי" פאַרשטאַנען. געקויפט ביי דער אַלטער יידענע עפּעס אַ נאַשעריי און עס מיר דערלאַנגט.

ווייטער פאַרלירט זיך דער וועג, אָפּגעמעקט פון געדעכעניש, ווי פאַר־לוירן עס איז דער וועג פריער, איידער איך האָב זיך מיטאַמאָל אויפגע־כאַפּט אין מיטן גאַס.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס האָט מיין מאַמע מיך דעמאָלט געפירט פון אַלטן יידישן שפּיטאָל אין וואַרשע — די ווייסע מויער טאַקע, וואָס איך האָב געזען פון ווייטנס — וווּ איך האָב געשוועבט צווישן לעבן און טויט און ווו דער טויט האָט אָן רחמנות געקאָסעט קינ־דערישע לעבנס, וואָס האָבן דאָרט געפיבערט אויף דיפטעריע. איך בין דאָס געוועזן פון די ווייניקע, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון טויט.

מיין באבע איז אָבער זיכער געווען, אַז זי האָט דאָס געפּועלט אויפן „גוטן אָרט", ווי זי האָט פאַר מיר „קברים געריסן" און „פעלד געמאָסטן"...

אַלעמאָל, ווען איך פלעג זיך פאַר איר פאַרזינדיקן, פלעגט זי מיר באַלד אַ וואַרף טאָן אין פּנים אַריין:

— נו, געווען פאַר וועמען קברים צו רייסן...

אָט אַזוי איז געווען מיין אויפכאַפּן זיך אויף דער וועלט — אין עלטער פון דריי יאָר...

אויפגעכאַפּט זיך ווי פון מיטן אַ חלום, אין מיטן דער גאַס, אין מיטן אַ פרעמדער וועלט.

אויפגעכאַפּט זיך — און צוריק איינגעשלאָפן.

וואָרום ביזן עלטער פון אַ יאָר זעקס אָדער זיבן געדענק איך מער גאָרנישט פון יענעם מאָמענט אָן. דערפאַר האָט זיך יענער מאָמענט פון אויפכאַפּן זיך אין לעבן שאַרף אַריינגעשניטן אין מיין נשמה.

איך געדענק אַלץ אַזוי קלאָר פון יענעם מאָמענט, ווי עס וואָלט נעכטן געווען. איך זע דייטלעך די מויער און די יידענע מיטן נאַשוואַרג, אַז איך וואָלט זי איצט דערקענט.

נאָכמער:

איך זע זיך אַליין, אַ קליינס, אַ פאַרלוירנס, מיט אַ ציטעריק הענטל אין דער מאַמעס האַנט, מיט אַ דערשראָקענעם בליק אויף דער ווילד־פרעמדער וועלט, אין וועלכער איך האָב זיך נאָר־וואָס אויפגעכאַפּט.

איך זע, דאַכט זיך, די פאַרוואונדערונג און שרעק אין מיינע אייגענע אויגן. וואָס לויפן אין אַלע זייטן, ווי זיי וואָלטן וואָס געזוכט...

ווי קומט צו מיר אַזאַ בילד פון זיך אַליין?

מיר פלעגט זיך אין יאָרן שפּעטער דאַכטן, אַז בעת איך האָב זיך אַזוי אויפגעכאַפּט אין מיטן דער וועלט, מיט אַ ציטערדיק הענטל אין דער מאַמעס האַנט, בין איך געווען נישט נאָר אין זיך, אין דעם קליינעם, נאָך שוואַכן גופל, נאָר אויך אין דרויסן פון זיך...

איך האָב אָפט אַזאַ געפיל געהאַט, אַז בעת איך האָב דעמאָלט פון זיך אַרויסגעקוקט אויף דער אַרומיקער וועלט, בין איך צו דער זעלביקער צייט אויך געשטאַנען אָן אַ זייט פון זיך און געקוקט — אויף זיך...

נאָר שאַרפער פון אַט דעם געפיל איז ביי מיר פאַרבליבן — ביזן היינטיקן טאָג — דאָס געפיל פון אויפכאַפּן זיך, פון פּלוצלינגן איבער־וועקן זיך. נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן, ווען נאָר איך פלעג אויף דאָסניי איבערלעבן דעם אויפוואַכונגס־מאָמענט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז פאַר אַט דעם אויפוועקן זיך, האָב איך איבערגעלעבט עפּעס אַן אַנדער לעבן. נישט די דריי קורצע יאָר און נישט די לאַנגע וואָכן אין שפּיטאָל, נאָר עפּעס אַ סך ווייטערס און לענגערס...

נישט איינמאָל פלעג איך אין דער פריער יוגנט זיך ברעכן דעם קאָפּ און זיך אַלץ געוואָלט דערמאָנען, וואָס ס׳איז פריער געווען — איידער איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

טיילמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אָט דערמאָן איך זיך... עפּעס איז ליכטיק געוואָרן אין מוח... ס׳האָט זיך וואָס גענומען וויקלען פון אַ נעפּל אַרויס... נאָר באַלד האָט אַ שוואַרצע כמאַרע אַלץ צוריק פאַרדעקט. דער מלאך האָט, ווייזט אויס, מיר נאָכאַמאָל אַ שנעל געטאָן אין נאָז אַריין...

פיל מאָל איז מיר צו חלום געקומען דאָס פריערדיקע לעבן — פון פאַר דעם מאָמענט פון מיין אויפוואַכן נעבן יידישן שפּיטאָל, אָבער אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין אַ קאַלטן שוויים, האָב איך גאָרנישט גע־דענקט... נאָר עפּעס איז מיר געווען אַזוי גרינג און שווער צוזאַמען, אַזוי ליכטיק און פינצטער... און איך האָב געשפּירט בילדער, קלאַנגען — ווייַ־טע... ווייטע... און זיכער בין איך געווען, אַז איך האָב טאַקע אין חלום דערזען דעם „פריער”, וואָס איך בין אַזוי נייגעריק געווען צו זען, זיך צו דערמאָנען — נאָר דאָס וואַכע באַוווסטזיין האָט נישט דערכאַפּט דעם חלום...

איך בין מסתמא אַלט געווען אַ יאָר זעקס, ווען איך האָב פּלוצ־לינג אָנגעהויבן צו זען חלומות אויפן וואָר. איצט טראַכט איך, אַז אַט די האַלוצינאַציעס זענען געווען דער פּועל־יוצא פון דער כסדרדיקער אָנ־שטרענגונג אַרויסצורופן אין זיך דאָס בילד פון אַ פריערדיק לעבן.

מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אין אַ דירה אויפן לעצטן — דריטן — גאָרן — מיט ווענט געהויקערטע צום פענצטער צו, ווי זיי וואָלטן זיך

געצויגן צום דרויסן ארויס און זיך איינגעבויגן, כדי פון די קליינע פענצ־טערלעך צו קענען ארויסקוקן אויף גאַנס וועלט...

האָט פּאַסירט, אַז איינמאָל כאַפּ איך זיך אויף און מיטן ביינאַכט און דערזע ווי דורך אַ פענצטער קוקט אריין אַן אַלטער ייד, אין טלית און תפילין, שאָקלט זיך און מאַכט מיט די ליפּן.

אַ מוראדיק געשריי האָט זיך פון מיר ארויסגעריסן. אַלע אין שטוב האָבן זיך אויפגעכאַפּט און צו מיר צוגעלאָפן.

איך ווייז צום פענצטער און שריי:

— אָט-אָט איז ער!

אָבער קיינער זעט גאָרנישט...

— נאַר! גולם! — בייזערן זיך טאַטע-מאַמע, — וואָס איז דיר איינ־געפאַלן? ס'איז דאָרט קיינער נישטאָ...

אָבער איך הער נישט אויף צו שרייען. איך בין זיכער, אַז זיי זעען אויך... ווי איז עס מעגלעך, אַז זיי זאָלן נישט זען? נאָר זיי ווילן מיך, הייסט עס, פאַררעדן, באַרואיקן... איך וואַרף זיך אין בעט ווי אין קדחת און איך בין שוין אינגאַנצן איין ווילד קול, איין פאַרצווייפלט געשריי אין דער נאַכט אריין.

ענדלעך הערט זיך מיין טאַטע אויף צו שפּאַרן מיט מיר. ער פאַר־הענגט דאָס פענצטער — און דער ייד אין טלית און תפילין פאַרשווינדט. איך שלאָף איין...

די אַנדערע נאַכט איז נאָך ערגער.

איך כאַפּ זיך אויף און זע דעם זעלבן ייד אין טלית און תפילין... און ווי נעכטן באַוועגן זיך זיינע ליפּן... פון דרויסן קוקט ער דורכן פענצ־טער צו אונדז אין שטוב אריין... אַזוי דייטלעך האָט זיך זיין בילד אין מיר אָפּגעפּרעסט, אַז ווען איך בין אַ מאַלער, וואָלט איך אַצינד געקענט פון אים אַ בילד מאָלן.

דאָס בלוט גליווערט אין מיר און איך שטופּ אריין אַ ברעג פון דער פּערענע אין מויל אריין, צו דערשטיקן דאָס געשריי, וואָס רייסט זיך פון מיר... און מיטאַמאָל דערזע איך אין מיטן שטוב אַ גאַנצע כאַלאַס־טרע... אַלטע יידן און יידענעס און קליינע קונדייסים האַלטן זיך ביי די

הענט און דרייען זיך אין א ראָד. א יונג קונדסל ווינקט צו מיר מיט אן אייגל און רופט מיך מיטן ווונק, אז איך זאָל ארוים פון בעט און זיך אָנ־שליסן אין ראָד...

שרייען קאָן איך שוין נישט. איך גיב א ריס מיין טאַטן, וואָס צו אים ליג איך צוגעקטוליעט און דער טאַטע כאַפּט זיך אויף מיט א דער־שראָקענעם:

— וואָס איז דאָס? וואָס?

איך ווייז אים מיט די הענט אויף דער כאַלאַסטרע און אויפן אַלטן ייד אין פענצטער...

מיין טאַטע, א פאַרשלאָפענער, לויפט נאָך מיטן בליק מיין הענטל, מיט וועלכן איך ווייז אים אין דער פינצטערער שטוב אריין, כאַפּט אויף מיר א קוק — און מסתמא האָב איך אויסטערליש אויסגעזען, ווייל מיין טאַטע איז אראָפּ פון בעט, אָנגעצונדן דאָס קעראָסין־לעמפּל און — די שטוב איז ליידיק געוואָרן. די כאַלאַסטרע איז אַנטלאָפן פון געבעבדיקן פלעמל, און דער דאָווענענדיקער ייד אין דרויסן האָט זיך אויף שנעל אָפּ־געטראָגן...

אזוי נאַכט נאָך נאַכט.

ווי לאַנג עס האָט אזוי אָנגעהאַלטן, געדענק איך נישט, איך ווייס נאָר, אז מיין באַבע (מיין טאַטנס מוטער, די זעלבע, וואָס האָט בעת מיין קראַנקהייט קברים געריסן), האָט זיך דערנאָך דאָס גאַנצע לעבן באַרימט, אז זי האָט מיך געראַטעוועט פון „יענע לייט". און געראַטעוועט האָט זי מיך אויף אַזאַ אופן: קודם האָט זי געלאָזט איבערקוקן די מזוזות; דערנאָך איז זי געפאָרן צו א „גוטן ייד", האָט דער „גוטער ייד" פאַרשריבן עפּעס א וואַסערל, וואָס מען זאָל מיר יעדע נאַכט, נאָך קריאת שמע לייע־נען, איינגעבן; א חוץ דעם זאָל זי גיסן וואַקס — און מיין באַבע האָט טאַקע געגאָסן וואַקס — איבער א בעזים. זענען פון וואַקס ארויס, האָט זי דערציילט, אזעלכע הינטעלעך, קעצעלעך און אַלערליי מענטשעלעך — וואַקסענע, פאַרשטייט זיך.

פון דעמאָלט אָן — ווי מיטן האַנט אוועק. פריער, — האָט זי גע־

זאָגט מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל — פריער גאָט און דערנאָך דער רבי...

אין יענער צייט האָב איך אויך צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיטן טויט... זיך באַגעגנט מיט אים, אָבער נישט געוווּסט, ווער ער איז און וואָס ער איז...

געהאַט אַ ברודערל, יאָסעלע האָט ער געהייסן, מיט צוויי יאָר יינגער פון מיר. פלעג איך זיך מיט אים שפּילן, ס׳רוב אונטערן טיש, מיט אָפּגעבראָכענע שווּעבעלעך, שטיקלעך האָלץ, בלעכלעך, פון וועלכע מיר פלעגן אויפשטעלן גאַנצע שטעט און לענדער — אַ גאַנצע וועלט פון קינדערישע חלומות אונטערן טיש.

דאָס איז געווען אונדזער שפּילפּלאַץ.

אויפן הויף האָט מען אונדז מורא געהאַט אַרויסצולאָזן. ווער ווייס וווּ מיר קענען פאַרקריכן. האָבן מיר כסדר פאַרבראַכט אין דעם בוידעם-שטיבל און אַפילו אין מיטן שטוב זיך שפּילן נישט געקענט, די דער-וואַקסענע זאָלן אונדז נישט צעטרעטן...

האָבן מיר אונטערן טיש געבויט אונדזער וועלט און אָפט, בעת מיר האָבן זיך פאַרגעסן און אַ הייב געטאָן, זיך די קעפּלעך צעשלאָגן...

איך, דער עלטערער, פלעג זיך פון צייט צו צייט יאָ אַראָפּכאַפּן אויפן גאַס, וווּ איך האָב אויפגעקליבן אַלערליי אַנטיקן, וואָס די גרויסע האָבן אַוועקגעוואָרפן. קום איך איינמאָל אַרויף פון גאַס, אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס, און וויל זיך אַ לאָז טאָן צו מיין ברודערל און אים באַווייזן מיין עשירות. דערזע איך ווי טאַטע-מאַמע שטייען ביים בעט און וויינען. אין בעט ליגט יאָסעלע מיט פאַרמאַכטע אויגן און דאָס פּנימל איז אַזוי ליכ-טיק, אַז איך בלייב שטיין אַ פאַרוווּנדערטער.

נאָר באַלד דערמאָן איך זיך אָן די מציאות, וואָס איך האָב אָנגע-בראַכט פון גאַס, פאַרגעס איך, אַז יאָסעלע „שלאָפט", און מיט שמחה גיב איך אַ געשריי:

רייזל־גיטל און שלמה־זלמן שעפּס

א. אלמיס עלטערן.

— יאָסעלע, יאָסעלע, זע נאַר, וואָס כ'האָב!

טאַטע-מאַמע גיבן זיך האַסטיק אַ דריי צו מיר מיט זייערע פאַר-וויינטע פּנימער און צוזאַמען שרייען זיי אויס:

— שווייג, דו, נאַר!...

פאַרשטיי איך נישט, מיט וואָס איך האָב זיך פאַרזינדיקט; אָבער אַז טאַטע-מאַמע צעכליפּען זיך נאָך שטאַרקער, ווייל איך ווייסן:

— פאַרוואָס וויינט מען?

— שאַ... שאַ... שווייג... — יאָמערן זיי.

נאָר איך לאָז נישט אָפּ. מיין נייגעריקייט וואַקסט.

— געשטאָרבן... ווי איז אונדז... געשטאָרבן... — צעכליפּען זיך נאָך שטאַרקער טאַטע-מאַמע...

פאַרשטיי איך ערשט רעכט נישט, פאַרוואָס זיי וויינען... וואָס גע-שטאָרבן איז, איז מיר נישט קלאָר... און איך פרעג:

— פאַרוואָס געשטאָרבן?

— ווייל דו ביסט אַ נאַר! — ענטפערט אָפּ מיין טאַטע און די טרערן גיסן זיך אים איבער די באַקן.

די טיר עפנט זיך, טאַטע-מאַמע לויפן אַנטקעגן און צערעדן זיך מיט אַ שכנה, העשענדיק שווער. איך באַנוץ זיך מיט דער געלעגנהייט, נעם מונטערן יאָסלען:

— יאָסעלע, יאָסעלע, זע, נאַר, וואָס כ'האָב געבראַכט... קום, וועלן מיר זיך שפּילן אונטערן טיש... קום!

נאָר יאָסעלע רירט זיך נישט. מאָרע איך אים שטאַרקער:

— יאָסעלע... שטיי אויף, יאָסעלע, גענוג געשטאָרבן... זע, וואָס איך האָב אַלץ — אַ רויט פּודעלע... אַ רעדעלע... צוויי פּערלמוטערנע קנעפּלעך... האָסט שוין אַמאָל געזען אַזעלכע קנעפּלעך?...

טאַטע-מאַמע דערהערן מיך, לויפן האַסטיק צו און טרייבן מיך אַוועק... גיי... גיי אַראָפּ אין הויף אַריין, זיך שפּילן...

— און יאָסעלע? — ווייל איך ווייסן.

— יאָסעלע, — ברעכט די מאַמע די הענט, — אוי, יאָסעלע וועט זיך מער נישט שפּילן...

פאַלט מיר איין דאָס הערצל און איך קאָן אַלץ נישט באַגרייפן:
— אָט איז דאָס זעלביקע יאָסעלע... גאָרנישט פעלט פון אים... אַלץ ווי אַלעמאָל... די הענטלעך... די פיסלעך... דאָס מיילעכל... און ער שלאָפט... דאָך וויינען טאַטע-מאַמע — און ער וועט זיך שוין מער נישט שפּילן...
שפּעטער איז געקומען אַ ייד, מיט אַ ברייטער-לאַנגער באָרד, אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, אַ שוואַרץ היטל, מיט אַ שוואַרץ קעסטל אונטערן אָרעם... האָט גענומען יאָסעלען, אים אַריינגעלייגט אין קעסטל... דאָס קעסטל ווי פריער גענומען אונטערן אָרעם, עפּעס אַ מורמל געטאָן צום טאַטן און — צו דער טיר צו...
איך האָב דעם ייד אַ כאַפּ געטאָן ביים פּאָלע... געריסן... געשריגן:
— גיט מיר אָפּ יאָסעלען, גיט מיר אָפּ!...
האָבן מיך טאַטע-מאַמע אַ כאַפּ געטאָן און צוגעהאַלטן... דער ייד איז אַוועק מיטן שוואַרצן קעסטל אונטערן אָרעם...
עטלעכע טעג האָב איך נישט געגעסן, פון כעס אויף טאַטע-מאַמע, וואָס זיי האָבן דעם שוואַרצן ייד געלאָזט יאָסעלען אַוועקטראָגן. זיכער געווען, אַז ווען נישט דער ייד, וואָלט נאָך יאָסעלע פון בעט אַראָפּ און מיט מיר אונטערן טיש אַוועק זיך שפּילן.
און יאָרן לאַנג האָב איך דעם טויט געזען אין געשטאַלט פון יענעם ייד מיטן שוואַרצן קעסטל אונטערן אָרעם.

II

די וואַנט

אַרום פיר יאָר צייט איז צווישן מיר און דער וועלט געשטאַנען אַ וואַנט, אַ דיקע, גרויע וואַנט. דאָס איז געווען אויף ניזקע גאַס, נומער 43. ניזקע — און די שכנותדיקע גאַסן — סטאַווקע, סמאָטשע, וואָלינסקע, קאַרמעליצקע, געגנשע צום יידישן בית־עולם צו — דאָס זענען געווען די נעסטן פון דער וואַרשעווער יידישער אָרימקייט. אָרימע בעלי מלאכות, טרעגערס, גאַסן־הענדלערס, ווי אויך אַ צומיש פון אונטערוועלט, וואַלגערן זיך צוזאַמען אין די גאַסן און הייזער, אָן פרייד, אָן האָפענונג, אָן דעם באַוווסטזיין אַפילו פון עפּעס בעסערס און שענערס...

פון אויסנאַמען רעד איך נישט. יעדער אויסנאַם איז אַ וועלט פאַר זיך.

און ניזקע 43 איז געווען דער פאַרשידנאַרטיקער עלעמענטן־געמיש אין מיניאַטור. אַ צווילינג־הויז, פון וועלכער דער פאָדערשטער פליגל, צו דער גאַס צו, איז געווען אַ הילצערנער; און דער הינטערשטער פליגל — אַ געמויערטער. ביידע פליגל קויטיק, עלנט. די שטיבער — חושכדיקע נאָ־רעס. קיין שום מענטשלעכע באַקוועמלעכקייט. קיין וואַסערלייטונג. און אין מיטן הויף — אַ גרויסער מיסטקאַסטן, וווּ פון ביידע פליגלען וואַרפט מען אַ גאַנצע וואָך דאָס מיסט. איין מאָל אין וואָך קומט אַ וואָגן און פירט ערגעץ אַוועק דעם אוצר שמוץ, אויפראַיענדיק די שרעקלעכע ריחות, וואָס שטיקן געגנוג אַ גאַנצע וואָך. אין רייניקונגס־טאָג איז פּשוט נישט איבער־צוטראָגן דעם ריח ניחוח...

אונדזער דירה — אין דער נידער פון הינטערשטן פליגל. איין שטוב

— אפשר פיר שפאן אינגאנצן — און איין פענצטער, אויף א דיקער גרויער וואנט ארויף... קיין ליכט, קיין טראפן זון קומט קיינמאל אין אונדזער שטוב נישט אריין. בייטאג אפילו, אז מ'וויל עפעס טאן, מוז מען אנצינדן דאס קעראסין־לעמפל, ווערט אזא קאפיטש און דער נאפט לייגט זיך אזוי אויפן הארץ, אז מ'מוז עס וואס שנעלער פארלעשן.

די מוראדיקע וואנט! ביז היינט שרעקט זי מיך, ביז היינט זע איך זי אין חלום — און איך כאפ זיך אויף מיט שרעק. און אפילו, ווען איך זע זי נישט, פיל איך זי. מיר דאכט זיך אמאל, אז צווישן מיר און דער גרויסער ליכטיקער וועלט שטייט נאך יענע דיקע, פינצטערע וואנט. יעדעס מאל, וואס איך וויל עפעס דערגרייכן, ערגעץ דערגיין — שטעלט זיך מיר די וואנט אוועק. אין די פריידיקסטע מינוטן פון לעבן — גיט זיך פלוצלינג די וואנט א רוק ארויס און איר שאטן דעקט איבער די פרייד.

די וואנט איז געווארן דער סימבאל פון אלץ, וואס איז טרויעריק און שלים־מזלדיק אין מיין לעבן, אבער נישט קיין סימבאל, א מליצה, ווארום זי איז ממשותדיק. זי איז מיין פערזענלעכער כותל־מערבי, וואס דערמאנט מיך אן חורבנות פון לעבן, אן צעבראכענע פריידן און האפענונגען, אן צע־שטערטע אמביציעס...

געוועזן זענען מיר שוין דעמאלט א „געזינט זאלבע אכט און בעטן נאר צוויי", ווי ביי אברהם רייזענען אין ליד... איך, דער בכור, פלעג זיך אויס־בעטן אויף שטולן און בענקלעך לעבן פענצטער, אבער זייער ווייניק פלעג איך שלאפן אויף אט דעם הארטן געלעגער. ס'האט מיר פשוט פארפעלט לופט צו אטעמען. זומער, ווען דאס פענצטער איז געווען אפן, איז נאך ווי עס איז געווען צו דערליידן, כאטש נישט קיין אנגענעמע ריחות האבן זיך פון דרויסן געטראגן; ס'רוב פלעג איך גאר אין די זומער־נעכט שלאפן אין דרויסן, אויף א „פלאטפארמע" (א ברייטער וואגן), אויף איינעם פון די, וואס די בעלי עגלות פון יענעם הויז האבן געלאזן אויפן הויף איבער נאכט. אדער פשוט אויף דער ערד, אויף א שעניק, וואס איך האב פון שטוב ארויסגעטראגן. און איך בין דארט נישט געווען איינזאם. אזוי האבן אין די זומער־נעכט פארבראכט די מיינסטע איינוווינער פון הויז. מענער, פרויען,

קינדער, בחורים און מיידן — אלץ האט זיך געוואלגערט אויף דער ערד און אויף די וועגענער.

מען פלעגט דערביי האבן אביסל שפאס אויך, מ'האט זיך אזוי ליגנ-ריק אין דרויסן דערציילט מעשיות, געזאגט וויצן, געזונגען לידלעך. בעת מעשה פלעגן קעץ שפרינגען איבערן עולם. טיילמאל, אז דער עולם איז שוין געשלאפן, פלעגט א בחור פארבלאנדזשען צו א מויד — און קיין מחיצות זענען דאך נישט געווען... נישט איינמאל האט א בעל עגלה אפגעטאן א שפיצל: גענומען אינדערפרי דאס פערדל, איינגעשפאנט אין זיין גרויסער „פלאטפארמע”, אויף וועלכן ס'זענען געשלאפן עטלעכע יונגען און מיידן, און זיי ארויסגעפירט אין גאס אריין, ווייט אוועק פון הויז, צוריק אויסגע-שפאנט דאס פערדל און עס אפגעפירט אין שטאל אריין. די גאנצע גאס איז אויף געווען און די געלעכטערן האבן די אויערן געשניטן. חברה אויפן וואגן האט זיך אויפגעכאפט, זיך אין די קאלדרעס און לייללעכער איינגע-וויקלט און אזוי איבערן גאס אהיימגעלאפן.

ביטער איז געווען ווינטער. מיר האט פשוט לופט פארפעלט צו אטע-מען. פלעג איך אביסעלע דעם לופטשיק עפענען, האט דער טאטע, אדער די מאמע באלד דערפילט דאס קילע ווינטל, איבערגעוועקט זיך, פארמאכט און מיר מיטן הארבן ווארט אנגעזאגט, דאס נאך אמאל נישט צו טאן. האב איך זיך געקליגט און אין די זייטן שטיקלעך שויב אויסגעשניטן און גע-שלאפן אזוי מיטן מויל צו די שטיקלעך אפענע שויב צו און געצויגן אין זיך לופט... א לאנגע צייט האט זיך עס מיר איינגעגעבן און קיינער האט נישט געקענט פארשטיין, פון וואנען דאס ווינטל גנבעט זיך אריין אין שטוב. סוף כל סוף האט מען עס אנטדעקט — און מער האב איך נישט געקענט אפנארן...

אונטער אונדזער שטוב האט אין קעלער-שטוב געוווינט א קראנקער שאכער מיט זיין ווייב. דאס איז געווען א קליין, שמאל, בלאנד יידל, מיט א שיטער בערדל. ער איז געווען אין דער לעצטער סטאדיע פון שווינד-זוכט — און שעהן לאנג איז ער אפגעזעסן אונטער אונדזער פענצטער — און געשפיגן שטיקער בלוט, שטיקער לונג. דאס איז געווען די מוזיק, וואס איך האב געהערט אין יענע יארן, די מוזיק פון קראנקע לונגען אין א

שטאַרבנדיקן מענטש. דער גאַנצער ייִד האָט דעמאָלט געמוזט אַלט זיין אַ יאָר דרייסיק, אָבער קיין כוח צו שטיין אויף די פיס האָט ער שוין נישט געהאַט. דאָך האָט ער נאָך געמוזט ציען חיונה, פלעגט ער פאַרוואַרפן דאָס זעקל אויפן פּלייצע, זיך אָנשפּאַרן אָן ווייב און גיין עטלעכע שעה אין טאָג פון הויז צו הויז — און זי, דאָס ווייב זיינס, האָט פאַר אים גע־שריגן:

— האנדעל! האנדעל! אַלטוואַרג קויף איך!

ער האָט שוין נישט געהאַט מיט וואָס צו שרייען. דערנאָך, אַז מ׳איז אַהיים געקומען, האָט מען צעלייגט דאָס ביסל שמאַטעס ביי אונדז אונ־טערן פענצטער, געסאָרטירט און געלופטערט עס. דער שטויב איז גע־פלויגן כמאַרעסווייז צו אונדז אין שטוב אריין און צום שווינדזיכטיקן אין די לונגען אריין... האָט דער קראַנקער נאָך שרעקלעכער געהוסט און געשפּיגן שטיקער רויט לעבן, און דאָס ווייב האָט אים נישט אויפגעהערט צו יאָדען:

— נו, אַ מענטש! נאָר ס׳הוסט און כראַקעט... כראַקעט און הוסט... ווי שעמסטו זיך נישט פאַר לייטן!

אָדער אַזאַ שטאָך:

— נאַדיר אַ מאַנצפּערפּלוי צום טיש! אַ שיין פּנים וואָלסטו גע־האַט אָן מיר...

און דער קראַנקער האָט זיך טאַקע געפילט שולדיק. זיך פאַרענט־פערט, אַז ס׳וועט מסתמא באַלד איבערגיין... טיילמאָל האָב איך באַ־מערקט, ווי ער שטרענגט זיך אָן צו דערשטיקן אַ הוסט. איז אים דאָס ביסל פאַרבליבענע בלוט געקומען אין פּנים אריין. מער אויסהאַלטן האָט ער נישט געקענט, האָט ער מיט איינמאָל געגעבן אַ שאָס אַרויס אַ שטראָם שוואַרץ געוואָרן בלוט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן קייכיקן הוסט.

טאָג נאָך טאָג האָבן זיך אָפּגעשפּילט די אייגענע סצענעס און ביי־נאַכט האָט זיך דאָס הוסטן און כאַרכלען געריסן פון קעלער אַרויס — פון דעם פינצטערן, שמוציקן גרוב, אַנטקעגן וועלכן אונדזער שטוב האָט שוין אויסגעזען ווי אַ פּאַלאַץ.

עטלעכע יאָר — מיר דאַכט זיך, אַז אַ יאָר דריי — האָט דער

שווינדזיכטיקער שאַבער געהוסט און געשפּיגן אונטער אונדזער פענצטער, געשטויבט די שמאַטעס, וואָס ער מיטן ווייב האָבן איינגעהאַנדלט, און אַלץ געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן זיין פאַרכמורעטער יידענע, אַז עס וועט מסתמא באַלד איבערגיין. זי פלעגט אים שוין מער נישט גלויבן און זיך בייזערן:

— האַלטסט מיר אין איין פאַרזיכערן, אַז באַלד... שמאַלד... צום סוף הוסט עס און כראַקעט אַלץ מער און מער.

אָבער ס׳איז באמת באַלד איבערגעגאַנגען. א שבת פאַרנאַכט איז דאָס געווען. דער שאַבער איז געזעסן אונטער מיין פענצטער און נהנה געווען פון עונג שבת... קינדער האָבן זיך געדרייט אין א רינגל-ראָד אי־בערן הויף, מאַמעס האָבן זיך איבערגעשריגן דורך די פענצטער, זיך אויס-דערציילט די הערצער איינע פאַר די אַנדערע, אַזוי אויפן קול. איטשקע־לע, דער קעשענע-גנב, האָט זיך שוין אַרויסגעלאָזט פון הויף, נאָך דער שבת-רו, אויסצולייידיקן א פּאָר קעשענעס, און א מחנה טרעגערס און בעלי עגלות האָט זיך מיט באַלעבאַטישע טריט געלאָזט אין שול אַריין, צו מנחה-מעריב, איז פלוצלינג געוואָרן א גערודער אין הויף. מען איז זיך צונויפגעלאָפן אונטער אונדזער פענצטער, וווּ דער שווינדזיכטיקער שאַ־בער איז זיך פאַרגאַנגען אין א קייך און נישט געקענט דעם אָטעם כאַפּן. דאָס ווייב זיינס איז געלאָפן רופן דעם פעלדשער שפּאַק, וועלכער איז געווען אַן אָפּגאָט ביי דער אָרימקייט פון יענער געגנט — א כפּרה צען פּראָפעסאָרן פאַר אים! — האָבן די ווייבער געזאָגט. אָבער ווען שפּאַק איז געקומען, האָט דער שאַבער שוין מער נישט געקייכט. ביי דער גרויער, דיקער וואַנט, אונטער אונדזער פענצטער, האָט ער דאָס לעצטע פּיצעלע לעבן אַרויסגעהוסט...

אין א וואָך — אָדער אפשר צוויי — אַרום האָט דאָס ווייב זיינס, די וויסטע אַלמנה, א קינד געהאַט, א יינגל — און אין איר קעלער, אין דעם לעבעדיקן קבר, האָט מען געפּראַוועט א ברית — און יידן האָבן גע־זונגען, געפּאַטשט מיט די הענט, זיך משמח געווען....

מזל-טוב, א נייעם בירגער פון דער מוראַדיקסטער אָרימקייט און פאַרצווייפלונג איז אויף דער וועלט געקומען.

III

חלומות און לידער

אַ וואַנט צווישן מיר און דער וועלט, באַשאַף איך זיך אַן אייגענע וועלט. פון וואַנען אין עלטער פון ניין און צען יאָר האָבן זיך צו מיר גענומען אַזוינע געדאַנקען און אידעען וועגן גאָט, וועלט, לעבן און טויט, איז מיר איצט שווער צו באַגרייפן. אָבער זיי זענען געקומען, גערעגט די יונגע פאַנטאַזיע, דאָס יונגע האַרץ און פאַרטראָגן מיך ערגעץ ווייט. ווייט...

ליג איך גאַנצע נעכט אויפן האַרטן געלעגער און מיט אָפענע אויגן זוך איך אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס באַאומרואיקן מיך: איז דאָ אַ גאָט, אָדער נישט? יאָ, איך בין זיכער, אַז אַ גאָט איז דאָ... אָבער... וואָס איז ער? ווי זעט ער אויס? און פון וואַנען האָט ער זיך גענומען — ער, דער באַשאַפער פון אַלצדינג? בייטאָג, אין די שעהן, ווען מען איז פריי פון חדר, דיסקוטיר איך די זעלביקע פראַגן מיט מיינע חברים.

נאָר דאָס זענען נישט געווען די איינציקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן באַשעפטיקט מיין מוח, אַז אָפט האָב איך געפילט ווי איך גיי פּשוט פון זינען אַראָפּ פון צופיל טראַכטן... זייער שטאַרק האָב איך אין יענע יונגע יאָרן געוואָלט וויסן דעם זין פון לעבן. די אומפאַרמיידלעכקייט פון טויט האָט מיך געשראָקן און — באַליידיקט. סטייטש, וואָס הייסט עפּעס, מ׳וזן שטאַרבן? און שוין דעמאָלט, כאָטש איך האָב נאָך אַ זייער שוואַכע פאַר-

שטעלונג געהאַט וועגן שרייבעריי, האָב איך דאָך מיר שוין אויסגעקליבן די קאַריערע פון אַ שרייבער און אַפילו טעמעס אויסגעאַרבעט פאַר די קומענדיקע ווערק... איז איינע פון די טעמעס געווען אַ ראָמאַן, ווו עס ווערט געשילדערט די צוקינפטיקע מענטשהייט, וואָס לעבט אין גליק און אין וווילטאָג, אָבער טאַקע דערפאַר איז די טראַגעדיע פון טויט נאָך שרעקלעכער, נאָך טיפער, וואָרום אַוועקגיין פון אַ גליקלעכער, שיינער וועלט איז נאָך שווערער ווי פון אַ וועלט אַ טרויעריקע, אַ יאָמערטאַל...

נישט נאָר געטראַכט וועגן שרייבן האָב איך דעמאָלט, נאָר טאַקע שוין געשריבן אויך... אייגנטלעך קאָן איך זיך כמעט נישט דערמאָנען קיין צייט, ווען כ'האָב נישט געשריבן... נאָך איידער איך האָב געוווּסט, אַז אויף דער וועלט זענען דאָ געשריבענע לידער, האָב איך „פאַרפאַסט" לידער. איך זאָג געשריבענע, ווייל זינגען לידער האָב איך געהערט סיי מיין מאַמען, סיי פרעמדע. און מיינע ערשטע לידער, וואָס כ'האָב גע־שריבן אין אַזאַ סביבה און אַנטקעגן דער שרעקלעכער וואָנט, זענען דווקא, ווי אויף צו־להכעיס דער ווירקלעכקייט, געווען וועגן — רויזן... יאָ, רויזן, וואָס איך האָב זיי אַפילו אין חלום נישט געזען. איינס פון די לידער, וואָס כ'האָב דעמאָלט אָנגעשריבן און וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורות: „ווי לאַנג האָבן רויזן מיין גאָרטן באַצירט און פייגל באַזונגען דעם מאַי", איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אָפּגעדרוקט געווען אין וואַר־שעווער זשורנאַל „די ראָמאַן־צייטונג" (1907), אונטער דער רעדאַקציע פון ה. ד. נאָמבערג. דער אַרויסגעבער איז געווען מאַגנוס קרינסקי.

אָבער נישט בלויז וועגן רויזן האָב איך דעמאָלט געשריבן אין דער עלטער פון ניין ביז צוועלף יאָר, נאָר אויך וועגן „אַקטועלע" ענינים און אויף סאָציאַלע מאָטיוון...

קודם האָב איך באַזונגען די ווירטין פון הויז 43 אויף דער ניזקע גאַס... דאָס איז געווען אַן אַלטע, פעטע יידענע, אַן אַלמנה, וואָס אוי־סער דאָס הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, האָט זי געהאַט נאָך עטלעכע היי־זער אין וואַרשע, און חוץ דעם, אַ לאָמבאַרד, ווו אָרימעלייט האָבן פאַר־זעצט זייערע חפצים, כדי צו האָבן אויף שבת, אָדער אויף אַ דאָקטאָר — האָט זי פון זיי געריסן פּראָצענטער אָן רחמנות און אַלע האָבן זי געשאָל־

טן. זי פלעגט קיינעם נישט אַנטרויען אויף דאָס מינדעסטע, אפילו נישט אירע צוויי חסידישע זין און אפילו דאָס דירה-געלט פלעגט זי אַליין אַרומגיין אויפמאָנען. איינמאָל, ווען זי איז אַריינגעקומען צו אונדז אין הויז און קיין גראָשן אויף דירה-געלט איז נאָך נישט געווען, האָט זי געעפנט אַ מויל אויף מיין מאַמען, האָט עס מיך אַזוי אויפגעקאָכט, אַז איך האָב געכאַפּט אַ האַק און זיך אויף איר פאַרמאָסטן. פון דעמאָלט אָן האָט זי פאַר מיר געציטערט און צו אונדז פלעגט זי שוין אַריינשיקן דעם „סטרוזש" אויפמאָנען דאָס דירה-געלט.

אָט וועגן איר האָב איך אָנגעשריבן אַ ליד. אין אַן אָוונט האָבן זיך אויסגעזעצט אין הויף יונגען און מיידן, בעלי עגלות, טרעגערס און גנבים, פּראָסטיטוטקעס און סתם אָרימע בחורים און מיידלעך — און איך אין דערמיטן האָב פאַר זיי איבערגעלייענט דאָס ליד וועגן דער גראָבער ווירטין, די פּראָצענטניצע, האָט עס חברה אויפגעכאַפּט, מאָמענטאַל צוגעפּאַסט דערצו אַ פּאָפּולערע מעלאָדיע און עס געזונגען אויפן קול. אין זעלביקן הויף האָט געוווינט אַ קאַטערינטשיק, אַ יידל מיט אַ הויקער, אַ פריילעכס, אַ רירעוודיקס, איז ער געווען דער פּאָפּולערסטער „סטאַר" צווישן די קאַטערינטשיקעס, וואָס האָבן מיט זייערע קאַטערינקעס זיך געשלעפּט פון גאַס צו גאַס, הויף צו הויף, געשפּילט און געזונגען. אָט דער קאַטערינטשיק האָט מיט ביידע הענט צוגעכאַפּט מיין „פּאָעזיע" וועגן דער אַלטער פּראָצענטניצע און טאַקע גלייך אויפן אָרט געמאַכט „פּראָבע" דערמיט און דער גאַנצער עולם האָט ווי אַ כאָר אונטערגעהאַלטן. די ווירטין האָט דעם קאָפּ פון פענצטער אַרויסגעשטעקט, פאַרנומען עטלעכע ווערטער און איר קאָפּ איז שנעל פאַרשוווּנדן... דער קאַטערינטשיק האָט דערנאָך דאָס דאָזיקע ליד געזונגען איבער גאַנץ וואַרשע — און דורך מיין ליד האָט די אָרימקייט נקמה גענומען אָן דער הויטשינדערין...

, איינמאָל האָב איך פאַרן זעלבן „אַודיטאָריום" אויפן הויף פאָרגעלייענט אַ ליד, ווו איך האָב באַקלאָגט דעם שווינדזיכטיקן שאַכער, וואָס איז אונטער אונדזער פענצטער אויסגעגאַנגען... די מיידן האָבן זיך געווישט די אויגן, ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַ שלוכצן; האָט עס

אויך די יונגען אַנגעשטעקט — און ס'איז געוואָרן אַ תשעה־באב. אַט אַזוי זיצנדיק אויף דר'ערד און קלאָגנדיק, איז עס טאַקע געווען אַ תשעה־באב־סצענע. איבערהויפּט געיאָמערט האָבן די צוויי פּראָסטיטוטקעס, קליינשטעטלדיקע מיידלעך, וואָס זענען געקומען קיין ווארשע „דינען" און אַריינגעפאַלן צו אַלפאָנסן... איז זיי שטענדיק געלעגן אַ טרויער אויפן האַרצן און דעמאָלט, ווען זיי האָבן געוויינט אויפן פאַרשטאָרבענעם שאַ־כער, האָבן זיי אויך — ווי מיר האָט זיך אין יאָרן שפּעטער אויסגעוויזן — באַוויינט זייער אייגן צעבראָכן לעבן.

אויך די יונגען, צווישן זיי אַ בייטל־שניידער, אַ פּאַסקע־שפּילער און צוויי, וואָס האָבן „אַרויסגעשיקט נקבות" אין גאַס אַריין, האָבן נעקריגן רויטע אויגן פון טרערן... איך האָב דעמאָלט שוין באַמערקט, אַז אַט די אונטערוועלט־מענטשן, וואָס באַראַבעווען עמיצן, אפילו אַ מעסער „אַריינ־פּעצן" איז ביי זיי געווען פון די קלענסטע קלייניקייטן, זענען בטבע געווען גוטע מענטשן און זיי האָבן זיך ממש מוסר־נפש געווען, ווען ס'איז געקומען יענעם צו העלפן. ווען דער שווינדזיכטיקער שאַכער איז גע־שטאָרבן און די שאַכערקע איז געגאַנגען צו קינד, האָבן זיי איר אָנגע־טראָגן אַ פולע שטוב מיט עסן און טרינקען. געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און פאַר איר אויפגעקליבן. ווייי איז געווען יענעם, וואָס האָט זיך אָפּגע־זאָגט צו געבן...

זייער גוטסקייט האָט אָבער אָנגענומען אַ קאָמישן כאַראַקטער. גע־ווען אין יענעם הויף אַן עלטערער, אויסגעהאָרעוועטער טרעגער, וואָס מער אַרויסגיין אין גאַס אַריין טראָגן שווערע משאות האָט ער נישט גע־קענט און אין הויז איז געווען אַ קראַנק ווייב מיט צען קינדער... האָבן זיך די „ווילע יונגען" פון יענעם הויז דערוווסט, אַז דער טרעגער מיט דער טרעגערקע און די קליינע טרעגערלעך גייען אוים ווי די ליכט, האָבן צוויי ווילע יונגען — צוויי דעמבעס — גענומען אַ פּאַטשיילע און ווי פרומע גבאיטעס געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און צונויפגעמאַכט אַ שיי־נע פּאָר רובל. אָבער דער טרעגער האָט נישט געוואָלט נעמען קיין קצבה, זיך אָפּגעקערט פון זיי.

— נעמסט, צי נישט? — האָט איינער פון די יונגען א דונער גע־טאָן.

— מ׳דאַרף נישט! — גייטס! — האָט דער טרעגער זיך געעקשנט.

— נעמסט, אָדער מיר טרייבערן דיר אויף דעם בויך! — האָט דער יונג א קנאַק געטאָן מיט א לאַפּע איבערן טיש.

דער טרעגער האָט זיך איינגעקאָרטשעט, אָבער נעמען קצבה אַליין נישט געוואָלט.

ס׳קראַנקע ווייב האָט זיך געבעטן:

— נעם, זעסט דאָך, אז דו ביסט ביי די רשעים אין די הענט, נעם!

אָבער דער טרעגער האָט געציטערט מיט דער אויסגעטראָגענער פּלייצע: ניין און ניין: ער קאָן דאָס נישט.

די צוויי יונגען האָבן זיך איבערגעקוקט. אין א מינוט אַרום האָבן זיי זיך א לאָז געטון צו אים, כלומרשט גרייט אים צו שלאָגן...

די קראַנקע פרוי איז אַרויס אין דרויסן מיט אויסגעשפּרייטע הענט און א צעשראָקן געשריי:

— יידן, ראַטעוועט, מ׳קוילעט מיין מאַן!

דער אָנגעלאָפענער עולם האָט געטראָפן דעם טרעגער אויף דר׳ערד א צונויפגעקאָרטשעטן ווי א שלאַנג פון שרעק, און די צוויי יונגען זענען געשטאַנען איבער אים:

— נו, ווּעסט שוין נעמען, א רוח אין דיין טאַטן אַריין!? ווּעסט נעמען, ווילן מיר וויסן?

— כע נעמען, כע נעמען, מערדערס! — האָט דער טרעגער גע־דערכעט.

האָבן די צוויי „רחמנותדיקע” יונגען אים א שטופּ געטון די פּאַטשיילע מיטן געלט אין די הענט אַריין, א קלאַפּ געטון מיט דער טיר, אַריינגעוואָרפן א קללה דעם אָנגעלאָפענעם עולם און אוועק...

IV

אַ הויז אויף גענשע גאַס

פון ניזקע 43 האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אויף גענשע 47 — ווי-דער איין שטוב, אָבער אַביסל גרעסער ווי אויף ניזקע און אָן אַ וואַנט אנטקעגן פענצטער, דערצו האָט די שטוב געהאַט אַ הילצערנעם דיל, אָנ-שטאָט אַ שטיינערנעם... מיר האָבן אין דער איינער שטוב געוווינט עט-לעכע יאָר, ביז איך האָב אָנגעהויבן אַביסל צו פאַרדינען און מיר האָבן אין דעם אייגענעם הויז גענומען אַ דירה פון צוויי שטובן מיט אַ קיך.

***

מיין פאָטער איז געווען אי אַ בעל־מלאכה, אי אַ הענדלער. ווען ס׳האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל שניידערשע אַרבעט פאַר אַ שכן, האָט ער עס אויפגענייט מיט דער האַנט, ווייל קויפן אַ ניי־מאַשין איז נישט גע-ווען מיט וואָס. די איבעריקע צייט פלעגט ער האַנדלען מיט פרוכטן אויפן מוראַנאָווער מאַרק. פון ביידע מלאכות זענען געווען ווייניק ברכות און אין שטוב האָט געפייפט דער דלות. איך האָב כמעט נישט געהאַט וואָס אָנצוטון און מיין טאַטע פלעגט צייטנווייז „איבערמאַכן" זיינעם אַן אנצוג לויט מיין מאָס. אפילו ווען כ׳בין שוין געווען אַ דערוואַקסן יינגל, פון אַ יאָר 15, און איך האָב שוין אַביסל פאַרדינט, סיי פון לידער, וואָס כ׳פלעג שרייבן פאַר דעם קאַטערינקע־שפּילער און גאַסן־זינגער, סיי פון אַרבעט אַלס לערן-יינגל, האָט זיך אונדזער עקאָנאָמישער מצב ווייניק געביטן.

פון יענער צייט קומט מיר אויפן זינען אַזאַ קאָמישע פּאַסירונג:

מיר — א חברה ייִנגלעך — זענען אין אַ שבת אַרויסגעפאָרן אויף אַ שיפל אויף דער ווייסל. צווישן אונדז איז געווען גדליה ווייסבאַרד, וואָס ער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס דערציילער און זשורנאַליסט. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע, שוואַרצע פּעלערינע, כאָטש ס'איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזער נסיעה און גענומען אַרויסגיין פון שיפל, האָבן זיך מיינע הויזן פאַרטשעפּעט אָן אַ טשוואָק, דערצו פּונקט אויפן ריכטיקן אָרט, און געמאַכט אַזאַ לאַנגן ריס, אַז אַזוי אַהיים גיין איז געווען אוממעגלעך.

איך האָב אַפּעלירט צו ווייסבאַרדן, אַז ער זאָל מיר געבן זיין פּעלערינע. ער אָבער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. אַלע מיינע געבעטן זענען געווען אַרויסגעוואָרפן. איך האָב געמוזט בלייבן ביים ברעג פון דער ווייסל, ביז ס'איז גוט פינצטער געוואָרן און דאַן זיך געשאַרט ביי די ווענט, ביז איך בין אַהיימגעקומען. דער גאַנג האָט מיר גענומען עטלעכע שעה. קיין געלט אויף אַ דראָשקע האָב איך נישט געהאַט.

אינדערהיים האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה. די הויזן זענען געווען נישט מיינע, נאָר מיין טאַטנס. מיין טאַטע פלעגט שבת נאָכמיטאָג זיך לייגן שלאָפן און אָפּליגן אין בעט עטלעכע שעה, פלעג איך „גנבענען" זיינע שבתדיקע הויזן און זיך אוועקלאָזן אָדער אין פּאַרק אַריין „אויף הצלחה" (אָדער צלאכע, ווי מען פלעגט דאָס אַרויסרעדן) — דאָס מיינט: — אויף פלירט צווישן ייִנגלעך און מיידלעך; אָדער — אויף אַ שיפל.

מיין טאַטע האָט מיר מוחל געווען. אָבער איך האָב ווייסבאַרדן נישט מוחל געווען. איך האָב וואָכן־לאַנג צו אים נישט גערעדט, ביז איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט ביי יהושע פּערלען אין שטוב, מאַכט ער צו מיר:

— שוטה, וואָס ביסטו ברוגז! ווי האָב איך דיר געקענט לייען מיין פּעלערינע? פאַרוואָס האָב איך דען געטראָגן אַ שווערע פּעלערינע אין אַזאַ הייסן טאָג? — ווייל מיינע הויזן זענען אויך געווען צעריסן...

***

מיין טאַטע האָט מיך אָפּגעגעבן אויף דער „לער" ביי פאַרשידענע

מלאכות: שמוקלעריי, שניידעריי, קאמאשנמאכעריי. אבער לאנג האב איך זיך נישט געהאלטן. מיר איז אוממעגלעך געווען צו זיין פארשפארט אין א ווארשטאט 10, 12 און 14 שעה. פונדעסטוועגן וואלט איך זיך ווי-ס'איז געצוווּנגען דערצו, ווען נישט די ברידער־ארבעטער... יא, די ארבעטער, וואס א סך פון זיי האבן געהערט צו רעוואלוציאנערע פארטייען, „בונד", „פ. פ. ס.", אנארכיסטן און אנדערע, און האבן געקעמפט פאר זייערע אינטערעסן, זענען געווען אמתע טיראנען לגבי לערן-ייִנגלעך.

אנשטאט ארויסצוהעלפן און לערנען דאס ייִנגל, פלעגן זיי אים ארומשיקן איינקויפן פאר זיי עסנווארג, פאפיראסן און אנדערע זאכן. זיי פלעגן בכלל אויף אלערליי אופנים זיך „איזדעקעווען" איבער אים און אמאל אפילו נישט קארגן א קלאפ. אז מ'האט אזוינס געדארפט אויסשטיין פון „מייסטער", פון באלעבאס, הייסט עס, איז — מילא, ער איז דאך דער „קאפיטאליסטישער קלאס"... אבער דו, ברודער-ארבעטער! דאס איז צופיל געווען פאר מיר.

פון דעמאלט־אן האב איך אנגעהויבן פארשטיין, אז דאס, וואס איינער איז א פראלעטאריער, אפילו א „באוווסטזיניקער", איז נאך נישט קיין גאראנטיע, אז ער איז א בעסערער מענטש, א מענטש מיט מער יושר און גוטסקייט, ווי דער נישט-פראלעטאריער. אט-די איבערצייגונג לעבט אין מיר ביזן הייִנטיקן טאג — די איבערצייגונג, אז נישט סתם פראלעטאריער, נאר די בעסערע, ערלעכערע מענטשן, צו וואס פארא קלאס זיי זאלן נישט געהערן, וועלן שאפן די בעסערע וועלט, די פרייע און יושרדיקע וועלט.

***

אזוי ווי איך בין קיין לייט נישט געווען, נישט קענענדיק האלטן זיך אין קיין שום ווארשטאט, האבן שכנים מיין טאטן געראטן, אז ער זאל מיך פשוט ארויסווארפן. דעמאלט וועל איך מוזן זיך עפעס אויסלערנען, צו פארדינען אויף חיונה. ער וואלט עס אפשר געטאן, נאר ער האט מורא געהאט, אז ווען איך וועל זיין אינגאנצן הפקר, קאן איך נאך, חלילה, פארקריכן אויף געפערלעכע וועגן, אפשר ווערן א גנב... דערוויי̈ל האט פאסירט א גרויסע פאסירונג: מיין ערשט ליד איז אפגעדרוקט געווארן.

איך האָב אויך אָנגעהויבן אריינקריגן ליטעראַרישע פאַרדינסטלעך, וואָס נח פּרילוצקי, פאַר וועמען איך האָב געזאַמלט פאָלקלאָר, האָט מיר צוגע־שאַרט.

נאָכן ערשטן ליד האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן נאָך לידער מיינע אין פאַרשידענע זשורנאַלן. מיין טאַטע האָט גרויס דרך־ארץ געקריגן פאַר מיר. אַזוי זענען געגאַנגען חדשים און יאָרן. אין עלטער פון 16 יאָר, ווען כ׳האָב זיך שוין באַטראַכט פאַר אַ „קלאַסיקער" פון דער יידישער ליטע־ראַטור, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַן „אייראָפּעאישער נסיעה", פריער קראָקע און דאַן ווין.

ווען איך בין אין עטלעכע חדשים אַרום צוריקגעקומען קיין וואַרשע, איז ווידער נישט גוט געווען. קיין שטענדיקע, איינגעפונדעוועטע פרנסה צו קענען העלפן סיי זיך אַליין, סיי מיינע עלטערן, האָט זיך נאָך אַלץ נישט געזען. נאָר פּלוצלינג איז געקומען די ישועה. איין פרימאָרגן האָט זיך אין אונדזער פינצטערער שטוב אַריינגעשטעלט נחמן, נח פּרילוצקיס יינגערער ברודער, וועלכער איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן אַלס ד"ר נחמן פּרילוצקי, אַ מעדיקער אין ביאַליסטאָק און אַ פיינער שריפטשטעלער אי־בער מעדיצינישע פראַגן.

איך האָב זיך שטאַרק פאַרלוירן, ווען ער איז אַריינגעקומען אין אונ־דזער אָרימער, פינצטערער דירה און איבערראַשט אים אָנגעקוקט. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע. ס׳איז געווען פון נח פּרילוצקי. נח וויל מיך תיכף זען. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט לאַנג געוואַרט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס וויכטיקס האָט געמוזט געשען. נח האָט מיר מודיע געווען, אַז ס׳ווערט צוגעגרייט אַ נייע יידישע טאָג־צייטונג אין וואַרשע — דער „מאָמענט" — און איך וועל זיין סעקרעטאַר און מיט־אַרבעטער. נאָר וועגן דעם באַריכותדיקער אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל.

***

האָנאָראַר פאַר מיינע לידער האָב איך אָנגעהויבן קריגן פריער ווי איך האָב געזען מיין נאָמען אין דרוק. מיין ערשטער רעדאַקטאָר איז גע־ווען דער דערמאָנטער קאַטערינקע־שפּילער, דער הויקער, וואָס פלעגט אַרומגיין מיט זיין קאַטערינקע איבער די גאַסן און הייף שפּילן; פלעג איך

— אין עלטער פון 10, 11 און 12 יאָר — פאַר אים שרייבן לידער אויף צייט-טעמעס, דער עיקר וועגן היימישע ענינים, פּאַסירונגען אין די יידי-שע געגנטן פון וואַרשע; ער פלעגט דאָ און דאָרט „אויסבעסערן", אָדער ענדערן אַ וואָרט, צופּאַסן צום ליד עפּעס אַ פּאָפּולער שטיקל מוזיק, מיר באַצאָלן ווי אַמאָל — פון 50 גראָשן ביז 2 רובל — און דערנאָך זינגען עס פאַרן יידישן עולם.

דער קאַטערינקע-שפּילער פלעגט פון ניזקע 43 קומען צו אונדזער נייער דירה אויף גענשע און מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער זיך אויך אַהער אַריבערגעצויגן. אויך דאָס דאָזיקע הויז איז, ווי ניזקע 43, געווען אַ מין נחס תיבה פון אַלערליי מענטשלעכע מינים: פרומע יידן, אַפּיקורסים, הענדלער, גנבים, פּראָסטיטוטקעס און מעסער-שטעכער. זומער אין די היצן פלעגן אַלע שלאָפן אין דרויסן, ווהין מ'האָט אַרויסגעטראָגן די שעניקעס און בעטגעוואַנט; ווער ס'איז געשלאָפן אויף דר'ערד און ווער אויף די פורן, וואָרום צווישן די שכנים האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע פורמאַ-נעס (בעלי-עגלות).

אויף אָט דעם מענטשן-געמיש פלעגט דער „קאַטערינאַזש" אויספּראָ-בירן מיינע שאַפונגען. ביינאַכט, ווען דער עולם האָט זיך אויסגעלייגט אין הויף אונטערן פרייען הימל, האָב איך פאָרגעלייענט מ יי נ ע שאַפונ-גען — און אויב זיי האָבן אויסגענומען ביי דעם דאָזיקן עולם, האָט דער קאַטערינקע-שפּילער געוווסט, אַז ס'וועט „אָנרייסן"...

איינער פון די גרעסטע פאַרערער פון מיין טאַלאַנט איז געווען כאַצ-קעלע שפּיגלגלאַס. אָט דער שפּיגלגלאַס איז געווען איינער פון די גרעסטע, פון די באַרימטסטע וואַרשעווער קעשענע-גנבים, אָדער בעסער געזאָגט, אַ רבי פון קעשענע-גנבים; אַז ער האָט עמיצן געגעבן „סמיכה", האָט מען געוווסט, אַז יענער וועט אויסוואַקסן אַ קעשענע-גנב, וואָס דער רבי זיי-נער וועט זיך מיט אים נישט דאַרפן שעמען.

כאַצקל אַליין פלעגט אויך אַריינרוקן די האַנט אין אַ פרעמדער קע-שענע. ער האָט זיך, נאַטירלעך, אויך נישט אָפּגעהאַלטן פון „אַריינזעצן" אַ מעסער אין דער זייט אַריין, ווען ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר נייטיק פאַר דער „אַלגעמיינער זאַך".

איינמאָל האָב איך אַליין געהאַט די „זכיה" צו זען, ווי אין אַ גע־פּאַקטן טראַמוויי האָט כאַצקל שפּיגלגלאַס אַריינגעלאָזט זיינע פלינקע פינגער אין דער בוזעם־קעשענע פון אַ חסידישן ייד. ער האָט מיך דערזען, האָט ער אַ ווינק געטאָן צו מיר און פריינדלעך אַ זאָג געטאָן, גריבלענדיק זיך בעת־מעשה אין דעם חסידס קעשענע:

— נו, האָסט שוין נאָך עפּעס אָנגעשריבן? שראַב, שראַב!

די וואַרשעווער קעשענע־גנבים זענען, דאַכט זיך מיר, געווען די חוצפּהדיקסטע אויף דער וועלט. אָפן, פראַנק און פריי, פלעגן זיי, פאַר אַלעמען אין די אויגן, ציען טייסטערם פון די קעשענעס. אַזאַ גנב פלעגט, למשל, נאָכגיין אַ יידענע, פון הינטן אויפהייבן איר קלייד, נאָך אַ קלייד און אַמאָל נאָך אַ קלייד, ווו איר געלט איז געווען פאַרשטעקט, אַרויסנע־מען דעם טייסטער און רואיק אַוועקגיין. ער האָט דאָס געטאָן אַזוי פלינק, אַז די יידענע האָט גאָרנישט געשפּירט. פון דעם גאַסן־עולם האָט קיינער קיין פּיפּס נישט געטאָן.

איינמאָל, בעת אַ קעשענע־גנב האָט אויף נאַלעווקעס, נעבן קראַ־שינסקים גאָרטן, „באַאַרבעט" אַ יידענע, האָט אַ פאַרבייגייענדיקער יידי־שער סטודענט צו איר אַ געשריי געטאָן, אַז מען באַרויבט זי.

אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט אַ צווייטער פאַרשוין זיך פאַרבייגע־טראָגן פאַר דעם סטודענט און — דער סטודענט איז אומגעפאַלן מיט אַ מעסער אין זייט.

V

מיין מלמד און דאָס פאָלק ישראל

אין די מיינסטע אויטאָביאָגראַפיעס פון יידישע שרייבער פאַרנעמט דער מלמד אַ חשוב אָרט, אָבער אומעטום איז עס כמעט דער זעלבער מלמד פון דעם אַלטמאָדישן חדר. ווײַל איך דעריבער נישט זיך פאַרנעמען מיט מיינע מלמדים. איך וועל מאַכן אַן אויסנאַם פאַר בלויז איין מלמד מיינעם, ר' אברהם יצחק. זיין חדר האָט זיך געפונען אויף סמאָטשע גאַס. איין גרויס צימער איז געווען איבערגעפּאַקט מיט תלמידים, מיט וועלכע ער האָט געלערנט חומש און רש"י; אין אַ צווייט צימער האָט זיין זון, מרדכי, געקנעלט גמרא.

אברהם יצחק איז געווען אַ ברייטער, קרעפטיקער ייד, מיט אַ באָרד, וואָס וואָלט געווען ווייס, ווען זי וואָלט נישט פאַרגעלט געווען פון טאַ-ביק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין שטופּן אין דער נאָז אריין. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער קלייבט געלט, כדי ווען ס'איז צו קענען פאָרן שטאַרבן קיין ארץ ישראל. ער און זיין זון זענען געווען גערער חסידים. אוןביידע זענען געווען זייער שטרענג צו זייערע תלמידים.

פאַר דעם מינדסטן עברהלע פלעגן זיי די תלמידים באַשטראָפן. דריי סאָרטן שטראָף האָבן זיי געהאַט: אוועקשטעלן דעם פאַרזינדיקטן אין אַ ווינקל מיט אַ בעזים אין האַנט; שלאָגן אים מיט אַ ווירע איבער די שפּיץ פינגער, אָדער אים אַריבערלייגן איבערן שטענדער און אים שמייסן מיטן גאַנצן כוח — מיט אַ גומענעם קאַנטשיק, אָדער מיט די בלויזע

העגט. אויב א תלמיד איז געווען שטאַרק און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, האָט דער טאַטע גערופן צו הילף זיין זון. דערפאַר האָט ער אים אָפּגעצאָלט, אַז ווען דער זון, אַ ייד אַ גבר, האָט געדאַרפט הילף, האָט דער טאַטע אים אַרויסגעהאָלפן.

באַשרייבן די סצענע ווי דער אַלטער פּלעגט שמייסן אַ תלמיד איז אוממעגלעך. דער ליבעראַלסטער צענזאָר וואָלט אַזוינס נישט אַדורכגעלאָזט... דאָס איז געווען אַן עקלדיקע און סאַדיסטישע סצענע — פאַר די אויגן פון אַלע תלמידים. פּונקט ווי דאָס שמייסן איז געווען עקלדיק-מיאוס, איז דאָס שלאָגן מיט דער ווירע איבער די שפּיץ פינגער געווען ברוטאַל. דאָס ייִנגל פלעגט ווערן ברויז און בלאָ, זיך קאָרטשען פון יסורים, אָבער דעם אַלטן גערער חסיד, וואָס האָט כסדר גערעדט מיט גאָט און געחלומט פון ארץ ישראל, האָט דאָס אַן אומגעהויערן תענוג פאַרשאַפט.

איך בין צוויי מאָל באַשטראָפט געוואָרן מיט די האַרבע שטראָפן. איינמאָל דערפאַר, וואָס איך האָב „אויסגעריסעוועט" אַ מגן-דוד אויפן שער-בלעטל פון מיין חומש. רב אברהם יצחק איז אַזש פאַרציטערט געוואָרן: אַזוי גאָר? אַ ציוניסט, אַן אַפּיקורס? ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט, אָבער איך האָב זיך געריסן און געבריקעט, האָט ער אַריינגערופן זיין זון צו הילף און ס'איז זיי געראָטן מיך צו זעצן מיט דער ווירע איבער די פינגער. מיין שנאה צו זיי ביידע, טאַטע און זון, איז געווען אַזוי גרויס, אַז טאָג און נאַכט האָב איך געטראַכט ווי זיך אָפּצורעכענען מיט זיי.

מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט דער אַלטער צו אונדז גערעדט וועגן — ליבע, ווי מיר דאַרפן ליב האָבן דעם רבונו-של-עולם און זיין פאָלק ישראל. צו הערן פון דעם אַלטן סאַדיסטס ליפּן רייד וועגן ליבע, איז געווען צופיל פאַר מיר — און איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, פאַר וואָס דאַרף מען ליב האָבן אַלע יידן? פאַראַן אַזוינע יידן, וואָס מען מוז פיינט האָבן... דער אַלטער האָט מיך צוגערופן צו זיך, מיך אַ כאַפּ געטאָן מיטן גאַנצן כוח. אָבער איך האָב מיט דער קני אים אַ זעץ געטאָן אין בויך אַריין, אַז דער אַלטער האָט אַזש אויסגעשריגן פון ווייטיק. באַלד איז זיין זון אויסגעוואַקסן. ביידע האָבן זיי מיך געוואָלט אַ וואָרף כּאָן

אויף א שטענדער פון א באנק. אבער איך האב ביי זיך אפגעמאכט: וואס־וואס, נאר נישט ד י שטראף — שמייסן!

איך האב זיך געראנגלט מיט אלע כוחות. דער צארן האט מיך שיער פארברענט און וועלנדיק זיי וואס שטארקער ווי טאן, האב איך אויסגע־שריגן: „א מיתה-משונה אויף אייך און אייער גערער רבין!". טאטע און זון זענען אזוי איבערראשט און צעטומלט געווארן פון דער אומגעריכטער קללה, אז אויף א רגע האבן זיי מיך אפגעלאזט. איך האב די רגע אויס־גענוצט, א כאפ געטאן א גרויסן טינטער מיט טינט, א שפרונג געטאן צו דער טיר און פון דארט דעם טינטער א שליידער געטאן דעם אלטן גלייך אין פנים אריין. איך בין ארויסגעלאפן, און ווי איך פלעג אלעמאל טאן אין אזעלכע פאלן, ווען כ'בין אנטלאפן פון חדר און מורא געהאט אהיים צו גיין, בין איך אוועק צו מיין מומע מלכה, מיין טאטנס האלבע שוועס־טער, וועלכע האט מיך שטארק ליב געהאט און האט מיך אלעמאל בא־שיצט.

אויף מארגן האב איך אויסגעפונען, אז איך האב דעם אלטן ריכטיק צעדמט און אז ער גייט פארבאנדאזשירט ס'פנים. דאס האט מיך אנגע־פילט מיט פרייד, פונקט ווי ס'האט מיר הנאה געטאן מיט א סך יארן שפעטער, שוין אין אמעריקע, ווען כ'האב זיך דערוווסט, אז אברהם יצחק איז אין ארץ ישראל אראפגעפאלן פון אן אייזל און זיך שטארק צעקלאפט...

**
*

די קשיא, פארוואס מען דארף ליב האבן דאס פאלק ישראל, צוליב וועלכן דער מלמד האט מיך געוואלט מקיים־פסק זיין און מיך דערפירט צו בלוט-פארגיסונג, האט מיך באאומרואיקט פון מיין קינדהייט ביזן היינ־טיקן טאג. קודם האב איך, אדאנק ר' אברהם יצחקן, געלערנט, אז דאס ווארט ליבע בנוגע פאלק, אדער מענטשהייט איז א פוסט ווארט, א ווארט וואס מיינט גארנישט פאר די, וואס טראגן עס כסדר אויף זייערע ליפן. יארן שפעטער האט מיך דאס בילד פון דעם גרויסן טאלסטאי, וואס האט כסדר גערעדט מכוח ליבע, דערמאנט אן אברהם יצחקן. טאלסטאיס פנים, ווי מיין מלמדס, איז געווען שטרענג און בייז. א שטארקן איינדרוק האט אויף מיר דעריבער געמאכט, ווען א יידישער סטודענט, א טאלסטאיאנער,

וועלכער האָט באַזוכט טאָלסטאָיען אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און שטאַרק אַנטוישט געוואָרן פון טאָלסטאָיס שטרענג פּנים, האָט דעם קאָנטראַסט צווישן טאָלסטאָיס לערע און טאָלסטאָיס פּנים געוואָלט אויסגלייכן מיט אַ מעשה פון מדרש וועגן משה רבינו.

אָבער אַ סך שווערער איז אויסצוגלייכן דעם קאָנטראַסט, אָדער ווי־דערשפּרוך אין מיר צווישן מיין יידישן נאַציאָנאַליזם און מיין אינדיווי־דואַליזם — דאָס איז נאָך איינע פון אַ סך „סתירות" אין מיין כאַראַקטער.

***

מיין יידישער נאַציאָנאַליזם איז קודם, ווי ביי יעדן נאַציאָנאַליסט, אַן אויסדרוק פון נאַטירלעכן פאָלקס-געפיל — אָדער משפחה-געפיל: ס'איז אייגנס, אייגענע סביבה, שפּראַך, קולטור. דאָס דאַרף נישט קיין אַפּאָ־לאָגיע, בפרט ביי אַ פאָלק, ווי דאָס יידישע, אַרומגערינגלט פון שונאים, אייביק פאַרפאָלגט, שפּילט אין יידישן נאַציאָנאַליזם אויך אַריין דער עלע־מענט פון שותפותדיקן ליידן און שותפותדיקן שוץ. און נאָך אַן עלעמענט — יעדנפאַלס ביי געוויסע יידן און אומבאַוווסטזיניק אפשר ביי יעדן ייד — דער עלעמענט פון להכעיס דער וועלט: איר ווילט אונדז אומברענגען — וועלן מיר דווקא לעבן.

אָבער מיין נאַציאָנאַליזם באַהעפט זיך אויך שטאַרק מיט דעם אַלטן אתה־בחרתנו-געפיל, וואָס לעבט אין וועזן פון די גרויסע, גלויביקע יידישע מאַסן. דער אָרטאָדאָקסישער מאַסן-ייד איז נישט קיין נאַציאָנאַליסט. דער באַגריף „נאַציאָנאַליזם" איז אים פרעמד, ס'איז אַ פרעמד געוויקס. ביי אים איז עס אמונה — און די אמונה זאָגט אים, אַז מיר זענען גאָטס אויסדערוויילט פאָלק. דאָס גלויבן דאָך פרומע קריסטן — אויך קריסט־לעכע רעליגיעזע פילאָסאָפן — אַז מיר זענען „גאָטס אויסדערוויילטע אומה". דאָס איז בשום אופן נישט קיין ראַסיזם, מחמת יעדער מענטש, פון וועלכן פאָלק ער זאָל נישט קומען, קאָן טיילן מיט אונדז דעם אתה־בחרתנו, אויב ער נעמט אָן די יידישע אמונה.

***

ביי מיר אָבער — און ביי אַ צאָל אַנדערע יידישע נאַציאָנאַליסטן פון מיין אַנשויאונג, — דערגייט דער נאַציאָנאַליזם יאָ צו אַ פּונקט, וואָס

קוקט אוים ביי געוויסע ליבעראַלע און ראַדיקאַלע יידן, ווי — ראַסיזם. וואָרום ביי מיר איז דער „אתה-בחרתנו" נישט אמונה־זאַך — דאָס מיינט אַן איניקסטע, אוממיטלבאַרע איבערצייגונג, וואָס דאַרף נישט קיין באַ־ווייזן, קיין אַרגומענטן. איך האַלט — און מיר דאַכט זיך, אַז איך קאָן דאָס באַווייזן — אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַן עם-סגולה, אַן אויבער־פאָלק. איך האָב דעם דאָזיקן געדאַנק געפּרוווט ברייטער אַנטוויקלען אין מיין בראָשור „פּאַן-אָריענטאַליזם" און ש. דובנאָוו האָט מיר דעמאָלט וועגן דעם געשריבן אין אַ בריוו, אַז ער איז שאָקירט...

דאַרף מען טאַקע שאָקירט ווערן? פּונקט ווי אין איין משפּחה קענען זיין גאונים און אידיאָטן, צדיקים און אויסוואורפן, קאָן אַזוינס אויך זיין אין דער זעלבער מענטשהייט. אָט איז אַ קליין פאָלק, דאָס יידישע, אין אַ קליין לאַנד, ארץ ישראל, און דאָס דאָזיקע קליינע פאָלק אין דעם קליינעם לאַנד — איז משפּיע די גאַנצע מענטשהייט איבערן גאַנצן כדור־הארץ. דאָס דאָזיקע קליינע פאָלק גיט דער מענטשהייט די דריי גרעסטע רעליגיעס; דאָס דאָזיקע קליינע פאָלק לעבט איבער די מוראַדיקסטע ליידן און בלייבט לעבן; די מעכטיקסטע אימפּעריעס, וואָס האָבן גרויסע פעל־קער פאַרשלונגען און אומגעבראַכט, קענען זיך קיין עצה נישט געבן מיט אָט דעם קליינעם פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָ־רער וועלט, אומעטום אַ מיעוט.

אַן ענלעכן ביישפּיל האָבן מיר אין נאָך אַ קליין פאָלק אין אַ קליין לאַנד — די גריכן. אויך דאָס קליינע גריכישע פאָלק האָט משפּיע געווען די גאַנצע מענטשהייט, דאָמינירט — גייסטיק, ווי דאָס יידישע פאָלק — די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע. ווי אַנדערש קענען מיר דערקלערן די דאָזיקע וואונדער פון די יידן און די גריכן, ווי מיט סופּעריאָריטעט? און אויב מיר האָבן אין זינען, אַז דאָס גריכישע פאָלק איז אַראָפּ פון דער וועלט-אַרענע און דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן — פּריש, מוטיק, קעמ־פעריש — מוזן מיר די סאַמע בכורה און בחירה געבן דעם יידישן פאָלק.

דאָס מיינט בשום אופן נישט, אַז אָט די מיסטישע אויסדערוויילט־קייט באַרעכטיקט אונדז צו באַהערשן אַנדערע, צו אַ ביטול-בליק אויף

אנדערע פעלקער — אויף קיין פאל נישט. קיין שום ייד האט קיינמאל נישט דערפון געחלומט.

***

אין דער איינגענער צייט רעדט דער אינדיווידואליסט אין מיר און פרעגט מיך א הארבע קלאָץ-קשיא: האסטו טאקע ליב יידן בכלל, דער־פאר, וואס זיי געהערן צו דעם אויסדערוויילטן פאלק? וואס הייסט בכלל: ליב האבן מענטשן, סתם מענטשן? פאלק איז איין זאך און יחיד איז אן אנדער זאך. ווי א פאלק האט זיך דאס יידישע פאלק — אויף אן אומ־פארשטענדלעך-מיסטישן אופן — ארויסגעהויבן, אריבערגעהויבן איבער אלע אנדערע אומות ולשונות; אבער פאלק איז א מאסע פון יחידים, און ווען דו קוקסט זיך צו צו די יחידים פון אונדזער פאלק, זעסטו, אז עס איז, ווי אין יעדן אנדערן פאלק, א געמיש פון גוטע און שלעכטע, קלוגע און נארישע, ערלעכע און אומערלעכע, צדיקים און רשעים.

בעת איך טראכט אזוי, כאפ איך זיך, אז ליב האב איך געוויסע יידן, יידן, וואס געפעלן מיר, וואס איך באטראכט זיי פאר פיינע, ערלעכע לייט, און די צאל פון אזעלכע יידן צווישן מיינע פריינט און באקאנטע איז נישט קיין סך גרעסער פון דער צאל נישט-יידן, וואס איך בין באפריינ־דעט מיט זיי, צוליב זייערע מעלות.

אויב אזוי — פרעג איך זיך אמאל — וואס רעדסטו וועגן נאציאנא־ליזם? איז נישט לאגישער צו זאגן, אז נאענט זענען דיר אלע, וואס מאכן אויף דיר א גוטן איינדרוק, אלציינס צי זיי זענען יידן, הינדוסן, קריסטן, אדער טערקן? און פונקט אזוי זענען דיר דערווידער און דו מיידסט אויס יענע אלע, וואס זענען דיר נישט צום הארצן, וואס זייערע מידות און הנהגות שטויסן דיך אפ, אלציינס, צי זיי זענען יידן, צי נישט־יידן, אדער אפילו יידישע שרייבער?...

איך ווייס, אז איך בין נישט דער איינציקער, וואס זיין גלויבן, אדער איבערצייגונג, קומט אין קאנפליקט מיט דער טאג-טעגלעכער פראקטיק און דערפארונג. דאס פארגלעט, נאטירלעך, נישט די סתירה. דער איינצי־קער ענטפער קאן דא ווידער זיין: אט אזוי איז עס! אונדזער אינדיווי־דועל לעבן, ווי די גאנצע וועלט, איז פול מיט ווידערשפרוכן. אבער ער־

גענ, הינטער אלע סתירות, מוז זיין הארמאָניע, שלמות, אין אונדז און אין דער וועלט.

***

נאָך עפּעס: איך בין זייער אַפּגעהיט מיט די לייט, וואָס האָבן שטענ־דיק אויף זייערע ליפּן פּארטיי-אידעאליזם, פּאָלק, אָדער מענטשהייט. אַט די לייט, וואָס ווארפן זיך מיט די דאָזיקע פיינע אידעאליסטישע טער־מינען, האָבן אָפט נישט די מינדסטע איינזעעניש מיט דעם יחיד האָרט ביי זייער נאָז. זיי זענען אָפט אומגערעכט און ברוטאַל צו אים. זיי זענען אָפט טיראַנען אין זייער אייגענעם פאמיליע-קרייז. זייער „איזם" — סאָ־ציאַליזם, נאַציאָנאַליזם, אָדער הומאַניטאַריזם — זענען אָפט אַ רויך־פאָרהאַנג, אַ טומאַן, וואָס זיי באַנוצן, צו פאַרדעקן זייערע מיאוסע מעשים בנוגע יחידים, וואָס קומען מיט זיי אין קאָנטאַקט.

די ערשטע פליכט, האַלט איך, איז צום יחיד. קאָלעקטיוו, רבים — פאָלק, מענטשהייט — זענען אַבסטראַקטע טערמינען, וואָס זענען צו גאָרנישט מחייב. יחיד אָבער — דער מענטש פאַר די אויגן — ער איז מחייב. אים קאָן מען נישט אָפּפּטרן מיט צוקונפט-מוזיק.

האָט דאָך מיין מלמד, אברהם יצחק, ליב געהאַט גאָט, ליב געהאַט דאָס יידישע פאָלק, ליב געהאַט ארץ ישראל — כסדר געהאַט די דאָזיקע ליבע אויף זיינע ליפּן — אָבער צו זיינע תלמידים, קליינע און אָרימע יידישע קינדער, איז ער געווען סאַדיסטיש-ברוטאַל.

מיין מלמד האָט מיך געלערנט אַ לעקציע אויפן גאַנצן לעבן. איך האָב, זינט יענע פריע יאָרן פון מיין לעבן, זיך אַלעמאָל צוגעקוקט צו די מעשים פון „אידעאַליסטן", צו זייערע האַנדלונגען אין זייער אייגענער פאַמיליע, צו זייערע מיטאַרבעטער, צו זייערע אָנגעשטעלטע — און איך בין אַזוי אָפט אַנטוישט און שאָקירט געוואָרן!

VI

קינדערישע ליבעס

אויב קינדערישע ליבע קאָן טאַקע באַצייכנט ווערן מיטן וואָרט ליבע, ווי מיר פאַרשטייען דאָס אין שייכות צו דערוואַקסענע, האָב איך מיין ערשטע ליבע געפּירט אין עלטער פון 8-9 יאָר. איר נאָמען איז געווען זעלדוניאַ שאַבאַשעוויטש, אַ מיידעלע אין מיינע יאָרן. זי האָט געהאַט אַן עלטערע שוועסטער, העלענאַ, אַ חנעוודיקע, אָבער ווייט נישט אַזוי שיין ווי מיין „געליבטע". זי האָט אויך געהאַט אַ ברודער, סטאַשעק, אַ גימנאַזיסטל, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט עטלעכע יאָר.

איך האָב שטאַרק מקנא געווען זיין גימנאַזיסטישן אוניפאָרם, אָבער איבעריק ליב האָב איך אים נישט געהאַט, ערשטנס דערפאַר, וואָס ער פלעגט בלאָזן פון זיך, זיך גרויסהאַלטן מיט זיין אוניפאָרם; צווייטנס דערפאַר, וואָס ער פלעגט שטערן מיין ליבע מיט זיין שוועסטערל, אונדז נאָכשפּיאָנירן און אויף אונדז מסרן. דאָך פלעג איך אים אַלעמאָל פאַרטיידיקן און זיך פאַר אים אָננעמען.

די אַנדערע יינגלעך האָבן אים אויך נישט ליב געהאַט, טאַקע אויך צוליב זיין אוניפאָרם. כאָטש אין האַרץ האָבן זיי אַלע מקנא געווען זיין גאַרניטור מיט די מעשענע קנעפּלעך און דאָס שטערנדל אויף זיין היטל, האָבן זיי חוזק געמאַכט פון זיין גאַנג און דערביי געזונגען דאָס באַרימטע קינדערישע לידל:

סטודענט, סטודענט —
די הויזן צעטרענט,
די שיך צעריסן —
אין הינטן אריין געשמיסן.

ווארשעווער יידן האבן אפילו א גימנאזיסט גערופן „סטודענט". איז מילא א סטודענט ביי רייכע: אבער אז ביי קבצנים זאל זיך ארומדרייען א „סטודענטל" — דאס האט זיך ממש נישט געלייגט אויפן שכל. און די שאבאשעוויטשעס זענען געווען קבצנים. די מוטער, א שטילע, איידעלע פרוי, וועלכע איז געגאנגען אין די „אייגענע האר", וואס דאס איז אויך געווען אן אויסערגעוועלעכע זאך צווישן די באשייטלטע ווייבער אין די ווארשעווער יידישע געגנטן — האט געוווינט מיט אירע דריי קינדער אין איין צימער, וואס האט אבער געהאט א באלקאן אין הויף אריין. אויפן באלקאן זענען געשטאנען בלומענטעפ — ווידער עפעס אזוינס, וואס האט געשמעקט אנדערש, נישט-יידיש...

די פאמיליע שאבאשעוויטש איז דעריבער געווען עפעס ווי פרעמדע אין דעם גרויסן פיר-עקיקן הויז אויף דזשעלנע גאס — און קיינע פון די אנדערע ווייבער האט זיך מיט איר נישט געחברט. די פרוי שאבאשע-וויטש האט געלעבט דערפון, וואס איר מאן, וועלכער האט זיך געפונען אין אמעריקע, אין באסטאן, האט איר געשיקט. דערפון האט זי געשפייזט און באקליידט זיך און אירע קינדער און סטאשעקן נאך געשיקט אין גימנאזיע אריין.

יעדעס מאל, וואס די יינגלעך האבן אין הויף זיך צעזונגען וועגן סטאשעקן, ווי נאר ער האט זיך באוויזן, האב איך זיך איינגעשטעלט פאר אים. די יינגלעך האבן אבער פארשטאנען, אז איך טו דאס, ווייל איך האב ליב זיין שוועסטערל זעלדוניא, פלעגן זיי מיר אויך אריינזאגן...

אונדזער ליבע האט זיך אויסגעדריקט דערין, וואס מיר פלעגן קלעפן איינע צו די אנדערע און מיר פלעגן זיך באהאלטן אין ווינקעלעך, אמאל ערגעץ הינטער א שטעלכל אויפן גרויסן הויף און אמאל אין א קארידאר,

ווו מיר האָבן אומגעשטערט געקענט זיך לאַסטשען און אַפילו קושן זיך. איך פלעג זי כסדר שטאָפּן מיט שאָקאָלאַדעס, אייזקרעם און קוכן.

אויף די דאָזיקע נאַשערייען האָב איך אויסגעגעבן יעדן גראָשן, וואָס די מאַמע, אָדער דער טאַטע האָט מיר געגעבן. אויב דאָס האָט נישט גע־קלעקט, האָב איך פּשוט געגנבעט אַביסל געלט אין דער היים, דער עיקר ביי מיין זיידן, אָדער ביי דער באָבען, מיין פאָטערס עלטערן, וואָס האָבן דעמאָלט געוווינט מיט אונדז.

איינמאָל האָט מיר זעלדוניאַ אָנגעזאָגט די פינצטערע בשורה, אַז זיי האָבן באַקומען פון זייער טאַטן אין באָסטאָן שיפסקאַרטן און געלט און אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיי אַלע פאָרן קיין אַמעריקע. מיין קינ־דיש הערצל האָט זיך ממש אָפּגעשטעלט און איך האָב ווי פאַרלוירן דאָס לשון. אָבער מעשה מאַנסביל האָב איך זיך געשטאַרקט און ביסלעכווייז געקומען צו זיך.

איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך צו געזעגענען מיט זעלדוניאַן אויף גאָר אַ גרויסן שטייגער, דורך אַ „באַל", ווי וואַרשעווער יידן פלעגן רופן יעדעס שטיקל סעודה. אָבער ווו נעמט מען געלט? נו, ליבע קאָן דורכברעכן ווענט... צוליב זעלדוניאַן האָב איך זיך פאַרנומען אויף דער גרעסטער גנבה אין מיין לעבן.

מיין זיידע פלעגט בייטאָג זיך צולייגן שלאָפן — און געשלאָפן איז ער געשמאַק. דעם טייסטער מיט געלט האָט ער שטענדיק געהאַלטן צו־קאָפּנס, אונטערן קישן. אויף די שפּיץ פינגער האָב איך זיך צוגעשאַרט צום בעט, פאַמעלעך אַרויסגעשלעפּט דעם טייסטער פון אונטערן קישן און מיט ציטערדיקע פינגער געעפנט דעם שלאָס. אַז דאָס האַרץ איז מיר דערביי שיער אַרויסגעשפּרונגען, איז גאָר איבעריק צו דערציילן. אָבער די גנבה איז געווען דערפאָלגרייך. איך האָב אַרויסגעלאַטכנט אַ גאַנצן אוצר, אַ ריזיק פאַרמעגן — אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס...

מיט דעם געלט האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט צום „גרעק". אין וואַר־שע זענען געווען אַ סך טערקישע קראָמען פון אַלערליי געבעקס, געשמאַקע טאָרטן, „טשאַסטעס" און ראָזשינקע־ברייטלעך. אָבער פאַרוואָס די וואַר־

שעוועריידן האָבן דעם טערק דווקא גערופן „גרעק" — דאָס איז פאַר מיר אַ סוד ביזן היינטיקן טאָג.

אָט צו אַזאַ „גרעק" בין איך אַוועק און אויסגעגעבן דאָס גאַנצע גע־גנבעטע פאַרמעגן אויף נאַשעריי. צוריקקומענדיק מיטן פּאַק נאַשערייי צו אונדז אין הויף, האָב איך פאַרבעטן דאָס גאַנצע קליינוואַרג, יינגלעך און מיידלעך צום „באַל" לכבוד זעלדוניאַן. דער „באַל" איז פאַרגעקומען אויפן בוידעם, ווו מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד אויף דר'ערד — מיט זעלדוניאַן אין מיטן...

מיר האָבן זיך אָנגעשטאָפּט מיט דעם זיסוואַרג און זיך באַלעקט פון גרויס הנאה. אָבער אין מיטן דער שמחה איז איינער פון אונדזערע געסט, אַ יינגעלע, פאַרשוווּנדן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב זיך דערוווּסט די סיבה פון זיין פאַרשווינדן. איך האָב דערהערט ווי מיין מאַמע רופט מיך דורכן פענצטער פון אונדזער דירה און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער פאַרשוווּנדענער גאַסט, וואָס האָט זיך פריער גוט אָנגעפרעסן מיטן נאַשוואַרג, האָט מיך פאַרמסרט פאַר מיינע עלטערן.

מיר איז איינגעפאַלן דאָס האַרץ, אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אַראָפּצוקומען אין שטוב אַריין, ווייסנדיק, אַז דאָרט דערוואַרט מיך אַ שווערער פסק פאַר מיין גנבה. האָב איך אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל פון בוידעם, וואַרטנדיק צו זען, וואָס דאָ וועט זיין.

איך האָב דערזען מיינע עלטערן אויפן הויף. דער הויף איז געווען אַ היפּשער און פון דאָרט זענען געווען עטלעכע אַריינגאַנגען צו וווינונ־גען — דורך לאַנגע קאָרידאָרן. מען האָט געקענט אַריין פון דער רעכטער זייט הויף און דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר זיך אַוועקלאָזן לינקס, צו דער אַנדערער זייט. אַזוי אויך פאַרקערט.

די סטראַטעגיע פון מיינע עלטערן איז דעריבער געווען צו „אַטאַ־קירן" פון ביידע זייטן, כדי איך זאָל נישט קענען אַנטלויפן. דער טאַטע האָט זיך געלאָזט פון רעכטס און די מאַמע פון לינקס. זעענדיק, אַז איך בין אין אַ פּאַסטקע, האָב איך געטאָן אַ קלייניקייט: איך האָב זיך אַרויס־געכאַפּט אויפן רונדיקן פענצטערל פון בוידעם, זיך אַוועקגעזעצט מיט די פיס אין דרויסן אַרויס און אַריבערגעשריגן צו מיינע עלטערן, אַז אויב

זיי וועלן נישט אָפּשטעלן זייער געיעג אויף מיר און דערביי מיר שווערן, אַז זיי וועלן מיר גאָרנישט טאָן — דאַן, דאַן וועל איך אָט-שוין, די מי-נוט אַראָפּשפּרינגען פון פענצטער...

מיינע עלטערן האָבן זיך באמת דערשראָקן פון מיין „אולטימאַטום" און זיי האָבן מיר פייערלעך געשוווירן, אַז זיי וועלן מיר גאָרנישט טאָן, אַבי איך זאָל באַלד אַראָפּקומען אין שטוב אריין. זיי האָבן געהאַלטן וואָרט. זיי האָבן אַפילו מיט קיין וואָרט נישט דערמאַנט מיין גנבה.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען די שאַבאַשעוויטשעס אַוועקגעפאָרן. איך און זעלדוניאַ האָבן מיר פאַרגאָסן ביטערע טרערן — דאָסמאָל אָפן, אין דער קעגנוואַרט פון איר מוטער, שוועסטער און ברודער. אַזוי ווי קיי-נער פון די שכנים איז נישט צוגעקומען זיך געזעגענען מיט דער פרוי שאַבאַשעוויטש, ווען זי האָט אַרויפגעפּאַקט אירע טשעמאָדאַנעס אויף דער דראָזשקע, וואָס איז אַריינגעפאָרן אין הויף אַריין, האָט מיין געזע-גענען זיך געמאַכט אויף דער איידעלער פרוי אַ טיפן איינדרוק.

פרוי שאַבאַשעוויטש האָט מיך אַרומגענומען, מיך צוגעדריקט צום האַרץ און מיך געקושט. דעם ביישפּיל האָבן באַלד נאָכגעטאָן אירע טעכ-טערלעך און אויך איר זונדל אין גימנאַזיסטישן אוניפאָרם, מיט וועלכן ער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן.

נאָך זעלדוניאַס אַוועקפאָרן בין איך עטלעכע וואָכן געווען קראַנק, אויסגעצערט געוואָרן פון נישט עסן און נישט שלאָפן. אָבער ביסלעכ-ווייז האָב איך זיך „אויסגעהיילט". פונדעסטוועגן איז מיר ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן אַ ציטערדיקע בענקשאַפט אין האַרץ נאָך יענעם פרעכ-טיקן מיידעלע, נאָך דער ערשטער ליבע, דער קינדערישער ליבע.

VII

קינדערישע מלחמות

צווישן די „פּאַרוויילונגען", וואָס יידישע קינדער האָבן געהאַט אין די אָרימע יידישע גאַסן און געסלעך פון ווארשע, זענען געווען די „קאַלייקעס". קינדער פון ארום 7-8 ביז 15 יאָר זענען געווען אָנגעשלאָסן אָן אַזעלכע „קאַלייקעס". געווען אויך „קאַלייקעס" פון עלטערע יונגען, אָבער יענע האָבן שוין געשמעקט מיט אונטערוועלט און קיין אנשטענדיקע יונגעלייט האָבן צו זיי נישט געהערט.

די קינדערישע „קאַלייקעס" זענען געווען פאַר כל-הנערים און זיי האָבן געטראָגן אַן אומשולדיקן כאַראַקטער, כאָטש עס זענען צווישן די פאַרשידענע „קאַלייקעס" גאַנץ אָפט פאָרגעקומען געשלעגן און מען האָט זיך פאַרנומען מיט „פּרעטענזיעס". וואָס איז אַ „פּרעטענזיע"? אויב די „קאַלייקע" פון איין גאַס האָט געקריגן צו וויסן, אַז אַ „קאַלייקע" פון אַן אַנדער גאַס האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט קעגן איר, האָט דער פירער פון דער באַליידיקטער „קאַלייקע" זיך געווענדט צום פירער פון דער קעגנערישער „קאַליקע" מיט דער פאָדערונג צו באַצאָלן אַ געוויסע סומע געלט — פּרעטענזיע-געלט. אויב יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט מען זיין „קאַלייקע" אַרויסגעפאָדערט צו אַ געשלעג — אַט גאָר מעשה גרויסע מלוכות און גרויסע דיפּלאָמאַטן.

כאָטש דאָס פּרעטענזיע-געלט איז נישט געגאַנגען ווייטער פון גראָשנס, האָט זעלטן-ווען אַ קאַלייקע" איינגעשטימט צו צאָלן. וואָס פאַרא קונץ וואָלט דאָס געווען? די גאַנצע אויפפירונג און אוואַנטורע איז דאָך געווען אין געשלעג! האָט מען זיך אָפּגערעדט אויף אַ געוויסער צייט, אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ. דאָרט האָבן זיך די צוויי פיינטלעכע „אַר־מייען" באַגעגנט. פריער פּלעגן זיך די פירער פון די צוויי מחנות זיך דערנענטערן איינער צום אַנדערן, זיך שנעלן איינער דעם אַנדערן אין דער נאָז אַריין, אָפּלאַכן פון דער קעגנערישער אַרמיי. סוף-כּל־סוף האָט איינער פון זיי דערלאַנגט זיין קעגנער אַ פּאַטש. דאָס איז געווען דער סיגנאַל פאַר אַן אַלגעמיינער מלחמה. די „אַרמייען" האָבן זיך געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן. קלעפּ זענען געפאַלן רעכטס און לינקס. די באַ־זיגטע „אַרמיי" האָט דאַן געמוזט צאָלן קאָנטריבוציע...

אויב איין „קאַלייקע", וואָס האָט געדאַרפט אַרוים אין מלחמה, איז געווען צו קליין זיך צו פאַרמעסטן מיטן קעגנער, האָט דער פירער פון דער קליינער „אַרמיי" געפירט דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען מיט דעם פירער פון נאָך אַ קליינער „אַרמיי" אין אַ נאָענטער גאַס, צו קריגן אַ שותּף — אַן „אַליאירטן"... דורך אַ צוזאָג פון קעגנזייטיקער מלחמה־הילף, אָדער דורך דעם אָפּצאָל פון עטלעכע גראָשן, איז אין די מיינסטע פאַלן געראָטן צו קריגן אַזאַ „פאַרבינדעטן".

די גרעסטע געשלעגן פלעגן אָבער פאָרקומען צווישן די יידישע און פּוילישע „קאַלייקעס". אַ גרויסע „קאַלייקע", אָדער עטלעכע „קאַלייקעס" פון קריסטלעכע יינגלעך פלעגן צייטנווייז זיך אַרויסלאָזן אויף מלחמה קעגן יידישע יינגלעך, אַלצאיינס, צי זיי זענען יאָ, אָדער נישט געווען אָרגאַניזירט אין אַ „קאַלייקע". באַלד איז געגעבן געוואָרן אַן אַלאַרם צו דער יידישער „קאַלייקע" און זי פלעגט זיך מיט ברען אַריינוואַרפן אין קאַמף. אויב זי איז געווען צו שוואַך, זענען איר געקומען צוהילף אַנדערע יידישע „קאַלייקעס". אין אַזאַ פאַל זענען נישט נייטיק געווען די „די־פּלאָמאַטישע" פאַרהאַנדלונגען. ס'איז געווען יעקב קעגן עשׂו — און די יינגלעך פון אַלע אַרומיקע יידישע „קאַלייקעס" האָבן זיך געפילט ווי ברידער, וואָס קעמפן קעגן אַ שותּפותדיקן שונא...

די יידישע ייגגלעך האָבן געקעמפט העלדיש און נישט איין מאָל האָבן זיך די אָנפאַלער פון דער „פוילישער ארמיי" צוריקגעצויגן פון שלאַכטפעלד צעשלאָגענע, צעבלוטיקטע, איבערלאָזנדיק, אין גרויס איי-לעניש, זייערע הייזלעך, רעקלעך און היטלעך.

אָבער נישט אַלע ייגגלעך האָבן געהערט צו „קאַלייקעס". איך בין געווען איינער פון די, וואָס האָט נישט געוואָלט געהערן צו קיין „קאַ-לייקע". דער עקסטרעמער אינדיווידואַליסט אין מיר, וואָס איז נישט געגרן צו געהערן צו אַ פאַרטיי, אָדער אַן אָרגאַניזאַציע, איז שוין דעמאָלט גע-קומען צום אויסדרוק. אַזעלכע ווי איך האָבן אָבער געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות. צו אונדז פלעגן זיך די „קאַלייקעס" אָפט ווענדן מיט „פּרע-טענזיעס". אַלעמאָל האָבן זיי געהאַט אַן אַנדער תירוץ, פאַרוואָס מיר דאַרפן זיי באַצאָלן „פּרעטענזיע-געלט".

בעת מיר האָבן געוווינט אויף דזשעלנע גאַס, איז דער פירער פון דער קינדער-„קאַלייקע" אין יענער גאַס געווען חיים, מאַטל דעם סטאָ-ליערס זון. מיר זענען געווען שכנים אין דעם זעלבן הויז, אָבער מיר האָבן זיך ליב געהאַט פון ווייטן... חיים איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון מיר און אַלע האָבן פאַר אים געציטערט אימת־מות. צו מיר פלעגט ער זיך כסדר טשעפּען — און ווי עס איז מיין טבע ביזן היינטיקן טאָג, קאָן איך געדולדיק אַראָפּשלינגען אַ סך עוולות, ביז... מיין געדולד פּלאַצט און דעמאָלט שיסט מיין צאָרן אַרויס מיטן גאַנצן אימפּעט.

אַזוי האָט פּאַסירט, אַז איינמאָל, אַ זומער-פאַרנאַכט, ווען איך בין אַהיימגעקומען פון חדר, האָב איך אין גאַס אָנגעטראָפן חיימען. ער איז געשטאַנען, אַרומגערינגלט מיט זיינע הויפּט-אַדיוטאַנטן און באַלד ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך גענומען טשעפּען צו מיר. ער האָט מיך געשטופּט, גערדריגעט מיר מיטן פּוס אין דער זייט אַריין, מיר געשנעלט אין דער נאָז אַריין און צום סוף מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש.

אין דעם מאָמענט האָט עפּעס ווי אויפגעריסן אין מיר. ס'האָט אין מיר אַ קאָך געטאָן. די אויגן האָבן זיך מיר אָנגעצונדן און מיט אַ ווילדער רציחה האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן אויף חיימען. באַלד איז ער גע-לעגן אויף דער ערד און איך — אויף אים. איך האָב געקנאַקט מיט די

פויסטן, ווו נאָר איך האָב געטראָפן — אין מאָרדע אריין, אין די אויגן, אין דער נאָז, אין די זייטן. חיים האָט געפרייכט. פון מויל האָט אים גענומען גיין אַ שוים.

באַלד איז אויפגעוואַקסן אַן עולם ארום אונדז. ווייבער האָבן גע־שריגן: „ער וועט אים דערהרגענען!" עפּעס אַ ייד האָט מיך מיט אַלע כוחות אָפּגעריסן פון מיין קרבן און מיך געזידלט, וואָס איך האָב קיין „יאַדעס" (יהדות) נישט און שלאָג אַ שוואַך יינגל, נעבעך. „אַזאַ גזלן, אַזאַ רוצח!" — האָט דער ייד געשריגן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם צעמזיקטן, צעבלוטיקטן חיימען און זיך דערשראָקן.

איך האָב זיך שנעל אָפּגעטראָגן. אהיים האָב איך מורא געהאַט צו גיין, די פּאָליציי זאָל דאָרט נישט קומען מיך אַרעסטירן... האָב איך זיך געלאָזט וואַנדערן איבער די גאַסן. שפּעט ביינאַכט האָב איך זיך אָוועק־געשלעפּט אויף באַניפּראַטן־גאַס, ווו ס'איז געשטאַנען קאַמפּאַניעעצס ייִדיש טעאַטער. איך האָב זיך אַריבערגעכאַפּט איבערן פּאַרקאַן, מיט וועלכן דאָס טעאַטער איז געווען אַרומגערינגלט — און דאָרט, ביי דער שוועל פון טעאַטער, בין איך איבערגעשלאָפן די נאַכט.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך זיך אַ דערשראָקענער אַוועקגע־לאָזט אויף דזשעלנע־גאַס, געגאַנגען טריט ביי טריט, פריער אויסצו־פאָרשן, וואָס דאָרט גייט־אָן, צי פּאָליציי וואַרט נישט אויף מיר פאַרן טויער פון אונדזער הויז... ענדלעך האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ כוח און אַריין אין הויז אַריין. שכנים האָבן אויף מיר געקוקט מיט ביסטרע אויגן. מיינע עלטערן האָבן זיך דערפרייט מיט מיר, נאָך אַ נאַכט פון איבער־טראַכטן און זאָרג וועגן מיין פאַרשווינדן, כאָטש מיט דער נאַכט פריער וואָלטן זיי מיך זיכער מכבד געווען מיט קלעפּ פאַר מיין רציחהדיקן אַקט איבער חיימען.

איך בין פון מיינע עלטערן געוווּיר געוואָרן, אַז חיים איז געווען אַזוי צעהרגעט, אַז מען האָט צו אים אַרויסגערופן די „פּאָגאָטאָוויע" (אַמבו־לאַנס), אָבער נישט געפערלעך. ער גייט שוין אַרום... פונדעסטוועגן האָט מיין מאַמע מיך נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב עטלעכע טעג, מורא

האָבנדיק, אַז אָדער חיימס „קאַלייקע", אָדער זיין טאַטע וועלן מיר צע-ברעכן די ביינער.

חיימס טאַטע האָט זיך טאַקע געוואָרפן אויף מיר, ווען ער האָט מיך אין עטלעכע טעג אַרום דערזען אין הויף, אָבער ווען איך האָב געכאַפּט אַ שווערן שטיין און זיך קעגן אים פאַרמאָסטן, האָט ער זיך דערשראָקן און מיך מער נישט געטשעפּעט.

דאָס איז אָבער געווען דער סוף פון חיימס „פירערשאַפט". זיין „קאַלייקע" האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיין גדולה — אַ געשלאָגענער פירער טויג נישט, אַט אַזוי ווי ס'איז ביי די גרויסע, אין דער גרויסער וועלט פון צילינדערס...

עטלעכע מאָבערס פון דער „קאַלייקע" זענען געקומען צו מיר מיטן פאָרשלאָג, אַז איך זאָל ווערן זייער פירער. איך האָב זיך פון דעם גרויסן כבוד אָפּגעזאָגט. אָבער פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אַ העלד אין אונדזער גאַס און אין די אַרומיקע גאַסן. די „קאַלייקעס" האָבן זיך נישט נאָר נישט געטשעפּעט צו מיר, נאָר זיי פלעגן פאַר מיר מאַכן אַ וואַרע, מיר אָפּטרעטן דעם וועג, ווען נאָר זיי האָבן מיך דערזען.

איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס האָט מיר הנאה געטאָן...

VIII

גרויסע קשיות

זייער פרי אין מיין לעבן האָב איך אָנגעהויבן נאָכצוטראַכטן, צו פרעגן זיך אַליין קשיות און זיך אָנשטרענגען צו געפינען אַן ענטפער אויף פּראָבלעמען, וואָס, ווי איך האָב אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסגעפונען, קענען די גרעסטע וויסנשאַפטסלייט און פילאָסאָפן אויף זיי קיין ענטפער נישט געבן... און וואָס עלטער איך בין געוואָרן, אַלץ שטאַרקער געטראַכט האָב איך... סיי ביינאַכט אויף מיין צרהדיקן געלעגער אין שטוב, סיי אויפן הויף, אין די הייסע זומער-נעכט, סיי בעת איך האָב זיך געשלעפּט איבער די שלאָפנדיקע גאַסן, דער עיקר ביי דער ווייסל, האָב איך געוואָלט וויסן, נישט מער און נישט ווייניקער, צי דער אוניווערס האָט אַ סוף, אָדער ער איז אומענדלעך; וואָס די ערשטע אורזאַך זאָל נישט זיין, צי גאָט, ווי די רעליגיע לערנט אונדז, צי אַן אַנדער קראַפט, ווי „אויפגעקלערטע" — און דערמיט האָב איך אין זינען געהאַט יאַנקל ווייס, אָדער יאַנקל דער שמוקלער, דער אַפּיקורס פון אונדזער הויז — זאָגן... ווער האָט די ערשטע אורזאַך באַשאַפן? איך האָב פאַר זיך אַליין געפּשטלט זיך, אָדער זיך טיילמאָל אַריינגעלאָזט אין אַ דיסקוסיע מיט אַנדערע ייִנגלעך אין מיינע יאָרן — פון 10 ביז 14 — וואָס הייסט: אַן אַ סוף? און אויב יאָ סוף, איז עס דאָך ערשט קיין סוף

נישט, ווייל נאך דער גרענעץ, נאך דער וואנט, מוז דאך ווייטער עפעס זיין...

און וואס הייסט: ערשטע סיבה? אלצאיינס, צי איר רופט עס גאט, אדער מיט עפעס אן אנדער נאמען, בלייבט דאך אלץ די אייגענע קשיא: פון וואנען האט זיך די ערשטע סיבה גענומען? און אויב די ערשטע סיבה האט זיך גענומען פון וואס-נישט-איז, איז זי דאך שוין נישט די ערשטע, איז דאך דאן דאס וואס-נישט-איז דאס ערשטע. פון וואנען-זשע האט זיך אט-דער וואס-נישט-איז גענומען? א מעשה אן א סוף. דער קאפ פלעגט זיך מיר פארדרייען. ווען איך האב אזא קשיא אפן געפרעגט א פרומען ייד, מיין מלמד, אדער א „מייסטער”, ביי וועמען כ'האב זיך געלערנט — און נישט-דערלערנט — א מלאכה, איז דער ענטפער געווען אדער א פאטש, אדער א זידל-ווארט; יאנקל דער שמוקלער, דער אפי-ציעלער אפיקורס פון דעם הויז דזשעלנע 79, ווו מיר האבן א שטיק צייט געוווינט, — האט מיך פארזיכערט, אז די וויסנשאפט וועט דאס שוין אויסגעפינען. אבער ביידע סארטן ענטפערס האבן מיר גארנישט פאר-ענטפערט...

***

איך זאג ערגעץ אין מיינס אן עסיי, אז יעדעס קינד איז א פילאסאף נאר אין די מיינסטע פאלן שלאגט זיי די פראקטישע סביבה ארויס די נארישקייטן פון קאפ; און יעדער פילאסאף איז א קינד, וואס זוכט אן ענטפער אויף די קשיות פון די פריע יוגנט-יארן. די מיינסטע מענטשן פרעגן נישט אזעלכע „נארישע” קשיות; זיי הויבן זעלטן אויף דעם קאפ צום הימל. נאך וואס גלאצן די אויגן ארויפצו? ס'איז דאך „נאטירלעך”, אז ס'זאל זיין א הימל מיט שטערן, מיט א לבנה, מיט א זון. וואס פארא חידוש איז דאס?

אפשר האבן מיר אין יענע יארן און אין יענע לענדער פון מזרח-איי-ראפע און דערצו אין דער גרויסער ארימקייט. געטראכט און נאכגעטראכט מער ווי קינדער פון אונדזער עלטער אונטער בעסערע לעבנס-באדינגונ-גען? אפשר האבן מיר אזוי פיל געטראכט און געפילאסאפירט, ווייל מיר

האָבן געהאַט צייט דערויף, האָבן מיר דאָך נישט געהאַט קיין שפּילצייג און מ׳האָט זיך כמעט נישט אָפּגעגעבן מיט אונדז, ווי דאָס איז דער שטייגער מיט קינדער אין אַמעריקע, למשל. נו, האָט דער געדאַנק געאַרבעט, האָט די פאַנטאַזיע גאַלאָפּירט.

***

איך וועגן טויט האָב איך אַ סך נאָכגעטראַכט. נאָך וואָס דאָס שמאַיען און האַוועז, אויב צום סוף שטאַרבן מיר? — האָב איך שוין געפרעגט אין די קינדער-יאָרן, ווען „נאָרמאַלע" קינדער טראַכטן נישט פון אַזעלכע זאַכן. ליגנדיק אין די זומער-נעכט אויפן געלעגער אין הויף, אונטערן פרייען הימל, מיט די אויגן צו די שטערן איבער מיר, האָב איך זיך איינגעהערט אין דער אַרומיקער שטילקייט. און מיטאַמאָל האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַלץ אַרום איז טויט, טויט: די מענטשן, וואָס ליגן אויסגעלייגט אַרום מיר און די מענטשן אין די אַרומיקע שטיבער — אַלע ליגען טויט.

פון דעמאָלט איז מיר געבליבן די טבע — אפשר נישט קיין באַזונדערס אָנגענעמע טבע — צו פאַרוואַנדלען, אין מיין געדאַנק, דעם אַרומיקן קאָך אין פאַרגליווערטע טויטקייט. אַט אויף אַ פאַרזאַמלונג. אַ רעדנער, דעבאַטן, טומלדיקע מענטשן. פּלוצלינג, ווי אין אַ באַוועגלעך פילם-בילד, וואָס ווערט מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און די מענטשן אויפן פילם בלייבן פאַרגליווערט אין דער פּאָזע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען אין דעם מאָמענט, ווען דאָס בילד האָט זיך אָפּגעשטעלט — אַזוי דערזע איך מיטאַמאָל דעם רעדנער, די דעבאַטאַנטן און דעם טומלדיקן עולם, אין פאַרגליווערטער שטומקייט: טויט.

***

אומגעהויער שטאַרק האָט מיך אינטריגירט — רעליגיע, דאָס ראָמאַנטישע, פאַנטאַסטישע און אַוואַנטוריסטישע אין רעליגיע. אין די פריע יוגנט-יאָרן האָב איך געשלונגען ווערק וועגן קריסטנטום, בודיזם, איס-

לאַמיזם, אַפילו מאַרמאַניזם, אָדער אפשר זאָגן, אַז דער עיקר מאַרמאַניזם? וואָרום די אַנטשטייאונג פון מאַרמאַניזם האָט מיר געוויזן, אַז אויך אין אונדזער צייט איז נאָך דאָ אָרט פאַר אַ נייער רעליגיעזער באַוועגונג. אין מאַרמאַניזם איז מיר געפעלן דער געדאַנק, אַז אויך מיר, אין אונדזער צייט, זענען ראוי צו הייליקע, צו נביאים; אַז נישט נאָר אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אצינד קענען מלאכים אַרומשפּאַצירן אויף דער ערד.

דער באַזונדערער אינטערעס אין מאַרמאַניזם איז געווען דער פּועל־יוצא פון אַן אייגענעם, געהיימען חלום, וואָס איך האָב זיך מיט אים אַרומגעטראָגן: אַ חלום צו גרינדן אַ נייע רעליגיע, צו ווערן דער נביא פון אַ נייער אמונה... דאָס האָט געזאָלט זיין אַ סינטעטישע רעליגיע, אַ רעליגיע, וואָס זאָל אַריינגעמען דאָס בעסטע פון אַלע רעליגיעס, אָבער דערביי זאָל זי האָבן איר אייגענע אידעע און אַ גאַנץ נייעם ריטואַל. איך האָב אַפילו אָנגעשריבן אַן אייגענע ביבל פאַר דער נייער רעליגיע — אָבער איך האָב זיך נישט דערוועגט מיט וועמען ס׳איז צו רעדן וועגן דעם, אַפילו נישט מיט מיינע נאָענטסטע חברים...

אָבער דאָס מיינט נישט, אַז אונדזער קינדהייט און פריע יוגנט איז אַוועק אין בלויז פילאָסאָפירן. מיר האָבן אויך געהאַט אַ סך פריידן, שפּאַס און שפּיל. נישט האָבנדיק קיין שפּילצייג אין די קינדער־יאָרן און קיין פאַרוויילונגען אין די פריע יוגנט־יאָרן, האָבן מיר אַלץ אַליין געשאַפן פאַר זיך, כדי זיך צו אַמוזירן. מיר האָבן זיך אַליין געמאַכט הוידעלקעס, „קליפּעס״ און אַנדערע שפּילערייען. ווי אויסגעוואַקסענע יידן פון 14, 15, 16 יאָר, האָבן מיר דאָך שוין אוודאי זיך געקענט אַן עצה געבן...

איינע פון מיינע גרעסטע פאַרגעניגנס איז געווען אָפּצולויגן שעהען־לאַנג אין וואָקזאַל און זיך צוקוקן צו די אָנקומענדיקע און אָפּגייענדיקע צוגן און צו די פּאַסאַזשירן. די ווייטע, פרעמדע וועלט האָט געצויגן. האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן. איך האָב זיך אָפּגערעדט מיט עטלעכע חברים, אַז מיר זאָלן רייזן צוזאַמען. און מיר פּלענען טאַקע רייזן, אָן געלט און אָן זאַכן... צוויי, דריי חברה־לייט האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין אַ וואַגאָן, אַרונטערגעקראָכן אונטער אַ באַנק און — יאַזדאַ! ס׳האָט נישט אויס־

געמאַכט ווּהין די באַן איז געפאָרן, אַבי געפאָרן. די קאָנדוקטאָרן און קאָנטראָליערן פלעגן פון צייט־צו־צייט דורכפירן אַ רעוויזיע אונטער די בענק און נישט איינמאָל האָט מען אונדז אַפּערגעשלעפּט. דאָס פלעגט זיך ענדיקן ווי אַמאָל: אָדער די יידישע פּאַסאַזשירן פלעגן רחמנות האָבן אויף אונדז, קליינוואַרג, און צונויפמאַכן צווישן זיך אויף בילעטן פאַר אונדז ביז דער נאָענטסטער סטאַנציע; אָדער דער קאָנדוקטאָר האָט אונדז פּשוט אַרויסגעוואָרפן ביים נאָענטסטן „פּזשיסטאַנעק״ (אָפּשטעל אין מיטן וועג), נאָכדעם ווי ער האָט אונדז פריער גוט אָנגעבראָכן די ביינער.

איינמאָל האָט מען מיך אַנטדעקט אין מיטן ביינאַכט. ס'איז געווען ווינטער. אין דרויסן האָט געקנאַקט דער פראָסט. די באַן איז דאַן געלאָפן אויף אַ באַרג און דער צעיושעטער קאָנדוקטאָר האָט דעם קליינעם „זשיד״ געשלעפּט צו דער טיר. איך האָב זיך געראַנגלט מיט אים, פילנדיק אינסטינקטיוו, אַז ער וויל מיך אַרויסוואַרפן אין מיטן פאָרן, אָבער ער איז געווען שטאַרקער פון מיר. אונטער אַנדערע בענק זענען געלעגן צוויי חברים מיינע. זיי האָט מען דערווייל נישט אַנטדעקט און איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה: אַ רוף טון זיי, כדי מיר זאָלן צוזאַמען טיילן דעם גורל, אָדער נישט? איך האָב באַשלאָסן, אַז נישט. און דער קאָנדוקטאָר האָט מיך טאַקע אַרויסגעוואָרפן פון דער באַן אין מיטן האַסטיקן פאָרן.

דער טיפער שניי האָט געראַטעוועט מיין לעבן. איך האָב זיך אַראָפּגעקייקלט פון באַרג ווי אַ שניי־קויל, זיך קוים אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט גיין אין דער וועלט אַריין. יעדער ביל פון אַ הונט, איז מיר פאַרגעקומען ווי דאָס וואָיען פון וועלף... אָבער איך האָב געפילט, אַז איך מוז גיין, גיין, נישט אָפּשטעלן זיך. איך האָב זיך אַזוי געשלעפּט אין שניי און פראָסט צוויי, אָדער דריי שעה, ביז איך האָב דערזען אַ רויך פון אַ קוימען. באַלד בין איך געשטאַנען פאַר אַ פּאַרקאַן. איך האָב אָנגעהויבן אַריבערקריכן דעם פּאַרקאַן, זענען מיך באַפאַלן אַ סטאַיע הינט פון יענער זייט און איך בין געבליבן זיצן אין דער הויך, אַ דערשראָקענער, נישט וויסנדיק וואָס צו טון.

ענדלעך איז עמיצער אַרויסגעקומען, אַוועקגעטריבן די הינט און

מיך געהייסן אַראָפּשפּרינגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרט איז געווען אַ יידישע בעקעריי. איך בין דאָרט איבערגעשלאָפן די נאַכט אויפן אויוון און אינדערפרי בין איך צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, ווידער אונטער דער באַנק, אָבער דאָס מאָל האָט מיר אָפּגעגליקט.

***

נאָך גאָר יונגע יינגלעך — אין עלטער פון 12 ביז 15 — פלעגן מיר שלינגען פּאָפּולערע ביכלעך איבער נאַטור־וויסנשאַפט, רעליגיע און געשיכטע. מיר האָבן זיך איינגעשאַפט ביכלעך אין יידיש, העברעאיש, פּויליש און דייטש און פאַר די, וואָס האָבן נישט געקענט מער ווי יידיש, האָבן די „קענער" פאַרטייטשט. איך פלעג אויך אַרויסנעמען ביכער אין אברהם־ברעסלערס ליי־ביבליאָטעק אויף די נאַלעווקעס. ברעסלער אַליין פלעגט שרייבן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכלעך אויף אַ יידיש, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט רוסישע ווערטער ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך. די ליי־ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אונטער איין דאַך מיט לידסקיס פאַרלאַג און איך פלעג דעריבער דאָרט טרעפן יידישע שריפטשטעלערס, וואָס לידסקי פלעגט זיי „אַרויסגעבן". דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אברהם רייזענען, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט אַ פּאָר דיקלעכע וואָנצעס, לאַנגע האָר און איז געווען איינגעהילט אין אַ שוואַרצער פּעלערינע.

איינמאָל, ווען איך האָב ביי ברעסלערן גענומען עפּעס אַ וויסנשאַפטלעך בוך, האָט זיך אברהם רייזען פאַראינטערעסירט מיט דעם 12־יאָריקן יינגל, וואָס לייענט שוין אַזעלכע „שווערע" ווערק, האָט ער מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס און דערביי מיט ליבשאַפט מיר אַ קניפּ געטון אין בעקל. איך האָב דערנאָך זיך געהאַט מיט וואָס צו באַרימען פאַר מיינע חברים, פונקט ווי איך האָב זיך אַמאָל געהאַט צו באַרימען מיט אַ שנעל אין נאָז, וואָס ס'האָט מיר געגעבן דער אַלטער חיים זעליג סלאָנימסקי. ער איז שוין דעמאָלט געווען אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן און איך — אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פון מיין לעבן. איך האָב שוין דעמאָלט ליב געהאַט זיך צו דרייען אַרום רעדאַקציעס און איינמאָל, ווען איך האָב דורכן פענצטער אַריינגעקוקט אין דער דרוקעריי פון „הצפירה",

וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קעלער, איז אָנגעקומען אַן אַלטיטשקער און מיר אַ שנעל געטון אין נאָז אַריין.

— דו ווייסט, ווער דאָס איז געווען? — איז לעבן מיר אויסגעוואַקסן עפּעס אַ ייד, — דאָס איז געווען חיים זעליק סלאָנימסקי!

***

צווישן די פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף יידיש, וואָס איך און מיינע נאָענטע חברים האָבן אין יענע יאָרן געלייענט, האָבן זיך געפונען בנימין פייגענבוימס „שטערן־שנופּפען, אָדער שטיינער, וואָס פאַלן פון הימל"; ד. מ. הערמאַלינס „די גאָטהייט", א. ברעסלערס ביכלעך און אַנדערע. מיר פלעגן זיך דערנאָך טרעפן — ווינטער אין אַ שטוב און זומער אין דרויסן — און דיסקוטירן פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע פראַגן... אַרום אונדז פלעגן זיך אַרומקלייבן דערוואַקסענע מענטשן און מיט הידוש זיך צוהערן ווי אַזעלכע קליינע קונדייסים רעדן אַזאַ „הויכע שפּראַך". איינמאָל האָבן מיר זיך אָװעקגעשטעלט אין דרויסן פון א. גיטלינס בוכהאַנדל און פאַרלאַג אויף קראַשינסקיס פּלאַץ און פאַרפירט אַ דעבאַטע — וועגן דאַרוויניזם. מיין חבר שמאַילע, אַ קליינינקער, אַ רירעווודיקער, איז געווען דאַרווינס אַ הייסער חסיד. איך, דאַקעגן, בין געווען זייער סקעפּטיש וועגן דער ריכטיקייט פון דער עוואָלוציע־טעאָריע.

איך האָב שמאַי'לען אַרויסגעשטעלט צוויי אַרגומענטן בנוגע „זיין" דאַרוויניזם. אויב עוואָלוציע — דאָס אַנטוויקלען זיך פון נידעריקע צו העכערע מדרגות — איז אַ פאַקט, פאַרוואָס זענען די היינטיקע פערד און אַנדערע חיות פּונקט אַזוי נאַריש ווי זייערע אור־עלטערן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, בעת דער מענטש האָט אומגעהויער פּראָגרעסירט? צווייטנס, אויב ס'האָט אַמאָל מיט ווער-ווייס וויפיל יאָרטויזנטער צוריק פּאַסירט, אַז פון אַ מאַלפּע, למשל, זאָל זיך אָנהייבן אַנטוויקלען אַ מענטש, פאַרוואָס חזרט זיך דאָס מער נישט איבער? פאַרוואָס באַמערקן נישט אַצינד די נאַטור־פאָרשערס וועלכע ס'איז ענדערונגען אין דער אָדער יענער חיה — צו אַ העכערער מדרגה? נעמט די הויז־חיות. זיי לעבן מיט

אונדז צוזאַמען, דאָך ווערן זיי נישט אָנגעשטעקט מיט אונדזער אינטעלי־געניץ, זיי ענדערן זיך נישט — נישט פיזיש, נישט גייסטיק, און אויסער אַ פּאָר קונצן, וואָס אויך דאָס איז דאָך פון דרויסן אַרויפגעצווונגען, נישט אַליין, דורך אייגענער דערפאַרונג, אָדער אייגענעם ווילן, האָט מען נישט באַוויזן זיי אויסצולערנען...

אַרום אונדז האָט זיך צונויפגעקליבן אַ היפּשער עולם, מענער און פרויען, חסידישע יידן און „דאַטשן". ווער ס'האָט געשמייכלט, ווער ס'האָט געגלאָצט די אויגן מיט פאַרווונדערונג און ווער ס'האָט זיך סתם צוגעהערט. ווען איך האָב אַרויסגעלייגט מיינע אַרגומענטן קעגן דאַרווי־ניזם, האָט איין ייד פּלוצים אויסגערופן:

— ער איז דאָך גערעכט, ווי יאָך בין אַ ייד!...

דאָס געזעמל אַרום אונדז איז אַלץ גרעסער געוואָרן, ביז ס'האָט גע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פּאָליציסט אַנטקעגנאיבער. ער איז אַרי־בערגעלאָפן צו אונדז און אונדז פונאַנדערגעטריבן...

IX

בריוו קיין אַמעריקע

מיין פֿאָטער ע״ה איז געווען אַ פּשוטער ייד, אַ שרייבער איז פֿאַר אים געווען עפּעס אַן אַנדער סאָרט מענטש. ער האָט אויסגעשריבן דעם „יוד", וואָס האָט זיך געדרוקט אין קראָקע און ער פֿלעגט אויך זיין אַ שטענדיקער לייענער פֿון „פֿריינד" און שפּעטער פֿון „מאָמענט". ער האָט עטלעכע מאָל געזען פּרצן אין גאַס און גערעדט דערפֿון מיט התלהבות, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז ביי אים אין שטוב, ביי אַ פּשוטן ייד, זאָל אויסוואַקסן אַ זון אַ שרייבער. דערפֿאַר האָט ער כּסדר טענות געהאַט צו מיר, פֿאַרוואָס איך פּאַטשקע טאָג און נאַכט, אַנשטאַט זיך אויסצולערנען עפּעס אַ מלאכה.

פֿלעג איך אַזוי טון: אַריינלייגן אין „יוד" אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט מיינס אַ ליד און פֿאַר אים לייענען, זאָגנדיק, אַז דאָס איז אברהם רייזענס אַ ליד. פֿלעגט ער מיט התפּעלות זאָגן: „זעסטו שוין! אָט דאָס הייסט געשריבן! נישט דיינע פּאַטשקערייען!" אַמאָל פֿלעג איך טון פֿאַרקערט: איבערשרייבן רייזענס אַ ליד און פֿאַרזיכערנדיק אים, אַז דאָס איז מיינס, אים פֿאָרלייענען. פֿלעגט ער אַ מאַך טון מיט דער האַנט: „הער שוין אויף! אָט דאָס רופסטו געשריבן?"

אָבער נאָכדעם ווי מ׳האָט מיך אָנגעהויבן צו דרוקן, האָט זיך, נאָ-

טירלעך, זיין באַציאונג צו מיין שרייבן אינגאַנצן געביטן. ער האָט שוין דאַן געגלויבט אויף מיר אַלצדינג... דערביי האָט ער זיך מתקנא געווען אָן מיר און פלוצלינג אויך אָנגעהויבן שרייבן. זיין חשבון איז מסתמא געווען אַזאַ: אויב דער זון קאָן שרייבן, דאַרף דאָך דער טאַטע אַוודאי קענען. האָט ער אָנגעשריבן אַ מעשה וועגן אַ בעל-עגלה און זיין פערד און עס פאַר מיר פאָרגעלייענט.

מיין פסק־דין איז געווען אַ שטרענגער: „טאַטע, דו קענסט נישט שרייבן, האָסט קיין פיצל טאַלאַנט נישט, און וועסט קיינמאָל נישט קענען שרייבן!"

ער האָט מיין פסק־דין אָנגענומען שווייגנדיק און טאַקע מער נישט געשריבן...

***

ער האָט אָבער יאָ געשריבן בריוו. פון דער גאַנצער געגנט זענען ווייבער צו אים געקומען, אַז ער זאָל פאַר זיי שרייבן בריוו קיין אַמעריקע, צו קינדער, צו קרובים און צו פריינד. זיי האָבן זיך פאַסמאַקעוועט פון זיין שרייבן — ס'איז געווען זייער „מאָראַליש". אַז ער האָט זיי געפרעגט, וואָס זיי ווילן שרייבן, האָבן זיי געענטפערט מיט אַ שמייכעלע: „אייך דאַרף מען זאָגן? איר ווייסט בעסער!..."

זיינע בריוו, פול מיט הויבער מליצה, דערצו טייטשמעריש, האָבן אַלעמאָל געבראַכט רעזולטאַטן: געלט, בריוו און שיפסקאַרטן.

טייל ווייבער האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן יעדן שפּור צו זייערע קרובים. אין אַזאַ פאַל האָט מיין פאָטער געשיקט די בריוו צום „פאָרווערטס" פאַרן בינטל-בריוו און אייניקע זענען טאַקע געדרוקט געוואָרן.

ווען אַ פרוי איז אַריינגעקומען מיט אַ שווער געמיט און מיין פאָטער איז גראַד נישט געווען, איז אָדער זי איז אַוועקגעגאַנגען, אָדער זי האָט מ י ך „אויסגעפּראַבירט". מיין בריוו, אָן מליצה און אָן דייטשמעריש, האָט זי נישט צופרידנגעשטעלט און זי איז שפּעטער צוריקגעקומען, אַז מיין טאַטע זאָל פאַר איר שרייבן...

***

צווישן די פאַרשידענע טיפּן פרויען, וואָס זענען געקומען צו מיין טאַטן, אַז ער זאָל זיי שרייבן בריוו, איבערהויפּט קיין אַמעריקע, האָט זיך אויך געפונען אַ יונג מיידל, אַ שכנס אַ טאָכטער. איר נאָמען איז געווען אסתר. זי איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ רייכן קרובס הויז, אַן אַסי-מילירטע פאַמיליע, וואָס זייער אומגאַנגס-שפּראַך איז געווען פּויליש, האָט אסתר זיך אויסגעלערנט פּויליש רעדן און שרייבן, אָבער קיין איין וואָרט יידיש נישט.

די קרובים האָבן זי צו זיך גענומען אויף דער בקשה פון אירע אָרי-מע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט נאָך זעקס קינדער, אויסער איר — און זיי האָבן אַלע אונטערגעהונגערט. די קרובים האָבן אויך געהאַט צוויי קינ-דער, אַ טאָכטער און אַ זון, און די פאַמיליע האָט אסתרן גאַנץ גוט באַ-האַנדלט. אָבער ווען זי איז אויסגעוואַקסן שיין ווי אַ בוים, האָט זי מער נישט געקענט פאַרבלייבן ביי די רייכע קרובים אין הויז, ווייל זי איז געוואָרן אַ קאָנקורענטין צו זייער אייגענער טאָכטער, וואָס איז דווקא גע-ווען זייער ווייט פון שיין. דערצו האָט זיך נאָך זייער זון צו איר געטשע-פּעט...

אסתר איז צוריקגעקומען צו אירע אָרימע עלטערן, ווען זי איז שוין אַלט געווען אַ יאָר 17. די עלטערן האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע וועט זיין פאַר דער אומרואיקער, פייערדיקער אסתר מיט די פעך-שוואַרצע צעפּ און שוואַרצע, גליענדיקע אויגן, אַז זי זאָל וואָס שנעלער חתונה האָבן. גראד האָט זיך אונטערגערוקט אַ יונגערמאַן, אַ רייזנדער אַגענט פון עפּעס אַ געשעפט אין קראָקע און ס'איז געוואָרן אַ שידוך, כאָטש אסתר האָט אים נישט געוואָלט.

אַ שטיקל צייט נאָך דער חתונה האָט מען דעם יונגנמאַנטשיק גע-רופן צו מיליטער־דינסט, פלעגט אסתר קומען צו מיין פאָטער, אַז ער זאָל פאַר איר שרייבן בריוו צו אים אין יידיש, ווייל ער איז געווען אַ רוסי-שער און האָט נישט געקענט קיין פּויליש, נאָר יידיש און רוסיש. מיין פאָטער פלעגט זיך, ווי געווענלעך, צעלאָזן אין מליצה וועגן דער „ער-האַבנקייט פון ליבע" און ווי זי שמאַכט נאָך אים, כאָטש אסתר האָט אים גאָרנישט געזאָגט וואָס צו שרייבן. זי האָט זיך פאַרלאָזט אויף מיין טאַטן.

אָבער באַלד האָבן מיר אויסגעפונען אסתרס אַ סוד. זי האָט דער־ציילט מיין טאַטן, אַז זי מוז אויך שרייבן בריוו קיין אַמעריקע. ווען מיין טאַטע האָט זי געפרעגט, וועמען זי האָט דאָרט, האָט זי מודה געווען, אַז — אַ געליבטן, אויך אַ רוסישער, וואָס טאַקע איר מאַן האָט זי מיט אים באַקענט און זיי האָבן זיך פאַרליבט. ער איז מיט אַ צייט צוריק אַוועק־געפאָרן קיין אַמעריקע און איר צוגעזאָגט זי אַריבערצונעמען אַהין.

ס'טייטש, דו האָסט דאָך אַ מאַן! — האָט מיין פאָטער צו איר גע־טענהט, אָבער זי האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן. מיין פאָטער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שרייבן פאַר איר בריוו צו איר געליבטן אין אַמעריקע. איך האָב עס דעריבער געמוזט טאָן פאַר אים טון. איך האָב אפילו שטאַרק מיט־געפילט מיט איר און איר געזאָגט, אַז אויב זי האָט נישט ליב איר מאַן, זאָל זי פאָרן צו איר געליבטן אין אַמעריקע, וועט איר מאַן זיין געצוווּנגען זי אָפּצוגטן.

זי האָט זיך זייער געפרייט, וואָס איך האַלט מיט איר און דערמוטיק זי. צוויי מאָל אַ וואָך האָב איך פאַר איר געשריבן בריוו צו איר געליבטן אין אַמעריקע און איין מאָל אַ וואָך האָט מיין פאָטער געשריבן פאַר איר בריוו צו איר מאַן אין דער רוסישער אַרמיי. ער האָט געדינט אין קאַוו־קאַז, דאַכט זיך.

געוועגלעך פלעגט זי קומען צו אונדז אין אָוונט און אָפּט פלעגט זי זיך פאַרזיצן שפּעט. 11 אַזייגער אין אָוונט פלעגט דער „סטרוזש" (הויז־וועכטער) אויסלעשן די קעראָסין־לעמפּלעך אין די קאָרידאָרן און עס איז געווען געדיכט־פינצטער. אַזוי ווי זי האָט געוווינט אין אַן אַנדער פליגל פון דעם זעלביקן הויז, האָט זי מורא געהאַט אַליין אַראָפּצוגיין אין דער פינצטער — יעדנפאַלס האָט זי אַזוי געזאָגט — און זי האָט דערפאַר מיך געבעטן זי צו באַגלייטן.

אָבער אַזוי שנעל ווי מיר האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אין דער פינצטער, האָט זי מיט אַזאַ פייערדיקן אימפּעט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר, ווי אַ שטורעם. אין אָנהייב איז עס מיר געווען אַנגענעם. אָבער שפּע־טער האָב איך פּשוט אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר איר — אַזוי ווילד איז זי געווען.

איינמאָל אין מיטן נאַכט האָבן זיך דערהערט שרעקלעכע קולות אי־בערן גאַנצן הויף. אַלע שכנים זענען דערשראָקענע אַרויסגעשפּרונגען פון די בעטן, ווער עס האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענצטער און ווער ס'איז אין די אונטערוועש אַראָפּגעלאָפן אין הויף אַריין, געוואָר צו ווערן, וואָס ס'האָט פּאַסירט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מוראדיקע קולות קומען פון אסתרס וווינונג. דער עולם האָט פאַררוקט די קעפּ צו די פענצטער און געזען ווי אַ מאַן אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם לויפט אַרום איבער דער שטוב, וואַרפט מיט די אָרעמס און ברעכט אַלץ, וואָס קומט אונטער די הענט. מיר זענען זיכער געווען, אַז אַ שכורער סאָלדאַט האָט זיך אַריינגעריסן צו זיי אין וווינונג און מאַכט דאָרט אַ פּאָגראָם...

אַ גאַנצע מחנה שכנים, מאַנסבילן, ווייבער און קינדער, האָט זיך אַ לאָז געטון אין אסתרס וווינונג אַריין, צו באַשיצן די פאַמיליע פון דעם שכורן זעלנער. אָבער ווען מיר האָבן אויפגעפּראַלט די טיר, האָבן מיר דערזען, אַז דער סאָלדאַט איז אסתרס מאַן.

אסתר איז געשטאַנען אין מיטן שטוב מיט צעפּאַטלטע האָר, אין אַ צעריסן נאַכט־העמד. איר מאַמע האָט געוויינט און איר טאַטע האָט פּראָ־בירט איינהאַלטן דעם איידעם, אָבער דער איידעם האָט זיך געריסן פון זיינע הענט און געליאַרעמט:

— איך וועל זי דערהרגענען די... און דערביי האָט ער זי אָנגע־רופן מיט אַ מיאוסן נאָמען.

פון זיינע רייד זענען מיר ביסלעכווייז דערגאַנגען, וואָס עס האָט פּאַסירט.

אסתר האָט פּשוט פאַרביטן די קאָנווערטן פון צוויי בריוו — איין בריוו, וואָס מיין פאָטער האָט פאַר איר געשריבן צו איר מאַן אין דער אַרמיי און איין בריוו, וואָס איך האָב פאַר איר געשריבן צו איר גע־ליבטן אין אַמעריקע.

ווען איר מאַן האָט פון דעם קאָנווערט, וואָס איז געווען אַדרעסירט צו אים, אַרויסגענומען דעם בריוו, וואָס איז געשריבן געווען קיין אַמע־ריקע, צו זיין חבר, וואָס איז געוואָרן, הינטער זיינע פּלייצעס, זיין ווייבס

געליבטער, און נאכדעם ווי ער האט איבערגעלייענט די הייסע ליבעס-אויסדריקן, די געוואלדיקע פאעטישע פראזן, א טייל פון זיי טאקע אין גראמען, וואס איך האב ארייגעהאקט אין דעם בריוו צו איר „העלד" אין ניו-יארק — האט ער, דער סאלדאט, אסתרס מאן, אפילו נישט געבעטן ביי נאטשאלסטווא קיין דערלויבעניש אוועקצופארן, נאר ער האט פשוט זיך ארויפגעכאפט אויפן ערשטן-בעסטן באן-צוג און — היידא קיין ווארשע.

ער איז אנגעקומען קיין ווארשע אין מיטן נאכט און באלד זיך גענומען מכבד זיין די פארעטערין, זיין ווייב. ווער ווייס, וואס עס וואלט יענע נאכט פאסירט, ווען דער „סטרוזש" ברענגט נישט צופירן א פאליציסט. דער „גאראדאוואי" האט דעם צעיושעטן סאלדאט אפגעפירט אין חד־גדיא אריין און ס'איז זיך לייכט פארצושטעלן וואס פארא שטראף „פאניע" האט אים נאך געגעבן פאר „אנטלויפן פון דער ארמיי"...

אסתר איז נאך דער פאסירונג ארומגעגאנגען א שטיק צייט א דערשלאגענע, א פארטרויערטע, אבער ביסלעכווייז איז זי געקומען צו זיך. זי האט צוריק אויפגעבליט און ווי אויף להכעיס אלע שכנים, וואס האבן זי, זינט יענער טומלדיקער נאכט, געהאלטן אין איין בארעדן, האט זי גענומען לעבן א גוטן טאג. כמעט יעדע נאכט איז זי ערגעץ געגאנגען — צו בעלער, צו קאנצערטן. אזוי ווי זי איז געווען ארים, האט דער עולם אליין אויסגערעכנט, ווער עס גיט איר אזעלכע שיינע קליידער און ווער עס נעמט זי צו די אלע פארוויילונגען.

פלוצים האט זיך אסתר אויפגעהערט ווייזן אין הויף. מען איז געוויר געווארן, אז אויף א באל, וו זי האט א סך געטאנצט און זיך פארשוויצט, האט זי זיך פארקילט און זיך אוועקגעלייגט אין בעט אריין — מיט גאלאפ-שווינדזוכט, טובערקולאזיס, וואס פארצערט שנעל דעם קערפער.

איין זומערדיקן פארנאכט אין עטלעכע חדשים ארום האט זיך ווידער געהערט א מוראדיק געשריי פון אסתרס וווינונג — דאס מאל א היסטעריש געוויין פון איר טאטע-מאמע. איך בין ארויפגעלאפן צו זיי

אין דער דירה אריין. די שטוב איז שוין פול געווען מיט מענטשן. אסתר איז געלעגן אין בעט מיט פארמאכטע אויגן.

— געשטארבן! — האט א יידענע, א שכנה, זיך געווישט די אויגן, — אזא יונגער בוים, אזא שיינער בוים!

פלוצים האט עפעס פאסירט, וואס האט מיך אויפגעשוידערט: די „טויטע" אסתר האט מיטאמאל אן עפן געטאן די אויגן און זיי אנגע-שטעלט אויף מיר... איך בין געבליבן שטיין פאר איר בעט ווי היפנא-טיזירט, אדער ווי פאראליזירט. ס'האט מסתמא געדויערט וויניקער פון א סעקונדע, ווארום זי האט באלד צוריק פארמאכט די אויגן — דאסמאל אויף אייביק — אבער דער בליק פון אירע אויגן האט אין מיר געגליט יארן און יארן.

יארן-לאנג נאך אסתרס טויט האב איך מורא געהאט אליין ארויפ-צוגיין אויף די פינצטערע טרעפ נאך 11 אין אוונט, אדער בכלל צו זיין אין דער פינצטער, אפילו ביי זיך אין הויז, ווארום אין דער פינצטער-ניש פלעגן אסתרס אפענע אויגן ארויסשווימען, מיט זייער לעצטן בליק געווענדט אין מיר אריין...

X

די ברידער מילטאָן

כאָטש „אָפּיציעל" איז רעגיסטרירט, אַז מיין ליטעראַרישן דעביוט האָב איך געמאַכט מיט אַ ליד אין דער וואַרשעווער אילוסטרירטער וואָכנשריפט „ראַמאַנצייטונג", איז אין אמתן מיין ערשט ליד געדרוקט געוואָרן מיט אַ יאָר פריער, ווען כ'בין געווען אין עלטער צווישן 14 און 15, אָבער אין אַ בלעטל פון קנאַפּער ליטעראַרישער חשיבות. דערפאַר האָב איך עס נישט פאַררעכנט אויף מיין ליטעראַרישן חשבון...

כמעט אין דער אייגענער צייט איז מיינס אַ ליד פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", כאָטש איך האָב אַהין קיין ליד נישט געשיקט. ווי־זשע קומט מיין ליד צום „פאָרווערטס"? איז אַזאַ מעשה:

אין ניו־יאָרק האָבן זיך דעמאָלט געפונען די צוויי ברידער מילטאָן (אין וואַרשע איז זייער נאָמען געווען קאָלטאַן) — יודל און מענדל (מאַקס) מילטאָן — געשוועסטערקינדער מיינע.ביידע פלעגן פון צייט צו צייט זיך דרוקן אין „פאָרווערטס" און אין „צייט־גייסט". האָט מיין פאַטער צוגעשיקט עטלעכע לידער מיינע צו יודלען, האָט יודל איינס פון זיי אויסגעקליבן און עס אַריינגעגעבן אין „פאָרווערטס".

יודל מילטאָן, וועלכער איז געשטאָרבן אין פריען עלטער פון 47

יאָר, איז געווען אַ פאַרבנרייכע פיגור. איך געדענק אים ווי אין אַ חלום, ווען ער איז פון דרום־אַפריקע, וווּ ער האָט פאַרבראַכט אַ שטיק צייט, געקומען אויף אַ באַזוך קיין וואַרשע — גראַד אין דעם טאָג, ווען ביי אונדז אין הויז איז געפּראַוועט געוואָרן אַ ברית — פון מיין יינגערן ברודער לייזער.

יודל איז געקומען צום ברית. זיין פּנים איז געווען אָפּגעברענט פון דער אַפריקאַנישער זון און ער איז געוואָרן דער צענטער פון אויפמערק־זאַמקייט. ער איז געווען די לעגענדע פון דער משפּחה, זינט ער האָט איבערגעלאָזט די ישיבה מיט דער גמרא און אוועק אין דער גרויסער וועלט אריין.

איידער ער איז אוועק פון וואַרשע, האָט ער שוין באַזעסן אַ גוטע בילדונג, וואָס ער האָט בגנבה אין זיך אריינגעפּאַקט, אונטער דעם איינ־פלוס פון דעם משכיל הערש קאַמינסקי, וואָס ביי אים אין הויז האָט ער זיך באַפריינדעט מיט בנימין פייגענבוים, יעקב מילך און פּסח סאַפּאַד. דער לעצטער האָט זיך שפּעטער „איבערגעקוליעט" און איז יאָרן־לאַנג פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט, אין ענג־לאַנד.

בעת יודל האָט זיך ארויסגעלאָזט אויף דער וועלט, האָט ער שוין געהאַט פאַרענדיקט אין וואַרשע ד"ר יאָזעף פּאָזנאַנסקיס פאַך־שולע פאַר קונסט-אַרבעטן, וווהין ער האָט אויך אריינגענומען זיין ברודער מענדל — און ביידע זענען זיי געוואָרן שניצערס און שטיין-קריצערס.

אין 1890 איז יודל געפאָרן קיין אַפריקע און אויפן וועג זיך אָפּגע־שטעלט אין לאָנדאָן. פון בערלין האָט ער צוגעשיקט צו דער „הצפירה" אין וואַרשע אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט און דאָס האָט אים שפּעטער געפירט צו אַ שטאַרקער פריינטשאַפט מיט נחום סאָקאָלאָוו, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן.

אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן האָט ער זיך אויך געטראָפן מיט ישראל זאַנגוויל און זיי זענען געוואָרן לעבנס-לענגלעכע פריינט. צווישן זיינע נאָענטע פריינט זענען אויך געווען ד"ר נ. סירקין און יעקב דע־

האאז. דע־האאז, ד"ר הערצלס אַ געוועזענער סעקרעטאַר, האָט אָנגע־שריבן אַ פיינעם פּאָרטרעט פון יודלען אין דער לאָנדאָנער „דזשואיש קראָניקל".

יודל מילטאָן איז אייגנטלעך געווען איינער פון די ערשטע ציוניסטן-סאָציאַליסטן, אָדער סאָציאַליסטן-ציוניסטן. אין דער אייגענער צייט, וואָס ער איז טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, שרייבט ער אָפט אַרטיקלען אין דער פּאַריזער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער „הומאַניטע", אונטער דער רעדאַקציע פון זשאָרעסן, און ער איז אַ מיטגליד פון פּאַביאַנישן קלוב אין לאָנדאָן — דער באַרימטער קלוב, וואָס האָט געציילט צווישן זיינע מיטגלידער סידני וועב און דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו.

כאָטש יודל מילטאָן האָט אַ סך געשריבן — אַרטיקלען און אויך לידער — אין העברעאיש, ענגליש און פראַנצויזיש — האָט ער אָבער באַזונדערס ליב געהאַט צו שרייבן אין יידיש און ער אַרבעט-מיט, צוזאַמען מיט זיין ברודער מאַקס, אין דער יידיש-סאָציאַליסטישער צייטשריפט פון לאָנדאָן „די נייע וועלט" און שפּעטער, אין אַמעריקע, אין „צייט־גייסט", „פאָרווערטס" און אין אַנדערע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן.

בעת מ'האָט אין לאָנדאָן געזאָלט אויפפירן שלום אַשס „גאָט פון נקמה", האָט יודל מילטאָן אויפגעהויבן אַ שטורעם קעגן דעם. ער האָט אַשס דראַמע באַטראַכט פאַר אַ חילול-השם, פאַר אַ שענדונג פון יידישן נאָמען — און ער האָט געזיגט. מען האָט „גאָט פון נקמה" נישט אויפגעפירט.

ביידע ברידער פלעגן אויך טאָן געוויסע ליטעראַרישע אַרבעטן בשותפות. אַזוי האָבן זיי אינאיינעם אָנגעשריבן אַ דראַמע „דער כאַאָס", ווו זיי לאַכן-אָפּ פון די מאָדערניסטן, די דעקאַדענטן אין דער יידישער ליטעראַטור. דוד קעסלער האָט זיי צוגעזאָגט אויפצופירן די דראַמע אין אַמעריקע, אָבער ס'איז דערפון גאָרנישט געוואָרן.

יודל איז צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, נאָכדעם ווי ער האָט אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין ניו-יאָרק, און דאָרט איז ער געשטאָרבן.

אָבער אַדאַנק אים איז מיין נאָמען צום ערשטן מאָל געדרוקט גע־

וואָרן אין אַ יידישער צייטונג אין אַמעריקע. וואָס דאָס האָט פאַר מיר דעמאָלט געמיינט, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. ווען מיין פאָטער האָט פון ניו־יאָרק דערהאַלטן דעם אויסשניט פון „פאָרווערטס״ מיט מיין ליד, האָט ער זיך דערמיט אַרומגעטראָגן צווישן אַלע אונדזערע קרובים, ווייטע און נאָענטע, פון די שכנים אין אונדזער הויז איז דאָך אָפגערעדט.

און דעמאָלט האָבן אַלע מודה געווען, אַז איך בין גאָר־גאָר אַ וואַזשנער שרייבער — אויב מען דרוקט מיך אַזש אין אַמעריקע.

איין קליניקייט!

**
*

צוזאַמען מיטן אויסשניט פון מיין ליד. האָט יודל מילטאָן אונדז אויך צוגעשיקט אַן אויסשניט פון זיין ברודערס אַ ליד, וואָס איז, דאַכט זיך, געדרוקט געווען אין „צייט־גייסט״, אַ ליד, וואָס שלום עליכם האָט זייער שטאַרק געלויבט, ווי יודל האָט אונדז געשריבן.

דאָס ליד איז געווען אַ וואַנדערונג צום ים און ס'האָט זיך אין דעם גערעדט וועגן די יידישע אימיגראַנטן, וואָס שלעפּן זיך איבערן ים, כדי צו געפינען אַ מקום־מנוחה אין דער נייער וועלט. די ערשטע צוויי שורות פון דעם ליד האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון:

„האַרץ, האַרץ, דו שטורמישער מעער —
דו האָסט פאַרשלונגען דעם אידענ'ם אַ טרער.״

מיין פאָטער האָט זיך דאָס ליד אויסגעלערנט פון אויסנווייניק און ער פלעגט עס כסדר דעקלאַמירן. אויב ער האָט דאָס ליד דעקלאַמירט פאַר פרעמדע, וואָס האָבן נישט געוווּסט ווער מאַקס מילטאָן איז, האָט ער מיט שטאָלץ צוגעגעבן: „דאָס האָט מיין קוזין אין אַמעריקע געשריבן!״

ער האָט דאָס ליד אַפילו אויסגענוצט אין בריוו, וואָס ער האָט פאַר ווייבער — מוטערס, שוועסטער, כלות, אָדער פרויען פון מענער אין אַמעריקע — געשריבן. אויב, למשל, דער פרויס נאָמען (פאַר וועמען ער

האָט דעם בריוו געשריבן) איז געווען פייגעלע, האָט ער די צווייטע שורה פון יודלס ליד אַזוי איבערגעאַרבעט:

„האָרך, האָרך, דו שטורמישער מער —
טראָג קיין אַמעריקע פייגעלע׳ס טרער!״

דאָס איז געווען מיין טאַטנס איינפאַל, אָבער אין דעם ריטם האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן...

נאָר לאַנג האָט מיין טאַטע נישט „עקספּלאָאַטירט״ יודלס ליד, ווייל צוליב דעם ליד זענען עטלעכע מאָל געקומען צו קאָמישע אינצידענטן מיט זיינע „קליענטקעס״, ווי מיין פאָטער האָט זיי גערופן. אַ פּאָר פון די אינצידענטן זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון.

איינמאָל, ווען מיין טאַטע האָט פאַר אַן עלטערער יידענע איבער־געלייענט דעם בריוו, וואָס ער האָט פאַר איר אָנגעשריבן צו איר זון אין אַמעריקע און איר דערביי געגעבן אַ דעקלאַמיר־אָפּ די צוויי שורות וועגן דעם „מעער״ מיט דער „טרער״, האָט זי אים פלוצלינג אָפּגעשטעלט און אים אַ פרעג געטאָן, וואָס דאָס איז אַזוינס. ווען מיין פאָטער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ליד, האָט זי אויף מיין פאָטער אויסגעשטעלט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן און זיך געבעטן ביי אים:

— ניין, ניין, דאָס נישט! כ׳בעט איהן, מעקן זי דאָס אויס!

מיין פאָטער האָט, פאַרשטייט זיך, געוואָלט וויסן פאַרוואָס זי וויל נישט דאָס ליד — און זי האָט אים דאָס דערקלערט:

— פאַרשטייען זי מיך... מיין זון וויים, אַז איך קאָן נישט זינגען... און אויך ער, דער זון מיינער, אַ לעבן אויף אים, קאָן נישט זינגען... מיר האָבן נישט קיין שטימען, וועט ער מיינען, אַז אויך דאָס איבעריקע אין בריוו איז סתם־אַזוי אַריינגעשטעלט...

ס׳האָט נישט געהאָלפן מיין טאַטנס פאַרזיכערן איר, אַז דאָס איז נישט קיין ליד צו זינגען, נאָר צום דעקלאַמירן. זי האָט דאָס בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין און מיין טאַטע האָט געמוזט איבערשרייבן דאָס גאַנצע בלעטל, אויסלאָזנדיק דאָס ליד.

אין צווייטן פאַל איז עס געווען אַ פרוי, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט

נישט געהערט פון איר מאַן, וואָס געפינט זיך, ווי זי האָט דערקלערט, „ווייטער פון אַמעריקע" — אַזש אין ברוקלין... זי האָט געהערט קלאַנגען, אַז ער לעבט דאָרט מיט אַן אַנדער אשה.

מיין פאָטער האָט פאַר איר אָנגעשריבן אַ שטאַרקן בריוו, וווּ ער האָט איר מאַן אַריינגעזאָגט די ריכטיקע פאָרציע מוסר, אַלץ אויף אַ דייטשמערישן יידיש, ווי אין די בריוונשטעלערס, פאַרבראַקט מיט פסוקים. ווען ער האָט פאַר דער פרוי, אַ געזונטע, הויכע יידענע, אַ קרעמערין, פאַרגעלייענט דעם בריוו, האָט זי גאָר אָנגעקוואָלן. נאָר באַלד ווי ער האָט געגעבן אַ שים אַרויס די צוויי שורות וועגן דעם „מעער", וואָס זאָל „טראָגן קיין אַמעריקע איר טרער", האָט זי געגעבן אַ זעץ מיט די פויסטן אין טיש אַריין, אַז די גרויסע קעראָסין־לאָמפּ, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט זיך שיער נישט איבערגעקערט:

— אַ טרער? אַ מכה אים, נישט קיין טרער! — האָט זי אַ ריטש געטאָן ווי אַ פאַרווונדעטע חיה, ווישנדיק זיך בעת־מעשה די מיט טרערן פאַרלאָפּענע אויגן, — יאָך וויין נישט. זאָל ער דאָרט וויינען! מיט בלוט זאָל ער וויינען! זאָל זיין פּאַסקודסטווע, זיין נקבה, דאָרט וויינען! יאָך וויין נישט. זי הערן, וואָס איך זאָג איהן, פאַניע שעפּס, יאָך וויין נישט! נעמען זי אַרויס די טרער פון בריוו, נעמען זי אַרויס!

און זי האָט דערביי געהאַלטן אין איין ווישן זיך די אויגן מיטן פאַרטוך, וואָס זי האָט געטראָגן.

מיין פאָטער האָט נישט בלויז די טרער אַרויסגענומען פון בריוו, נאָר די גאַנצע צוויי שורות פון ליד...

אָט צוליב אַזעלכע סצענעס האָט מיין טאַטע סוף־כל־סוף געמוזט זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון דעם געדאַנק אַריינצוהאַקן פערזן אין בריוו.

— גיי, מאַך מיט ווייבער! — האָט ער זיך באַקלאָגט, — זיי פאַרשטייען דען עפּעס?

XI

שווער צו זיין אַ בכור!

איך בין אַ בכור. דאָס האָט מיר אין מיינע פריע יאָרן אויף גאָטס וועלט פאַרשאַפט אַ סך אַרבעט, אָבער אויך שפּאַס. ווו אַ קינד איז פאַרשלאָפט געוואָרן אין הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, און אַפילו אין דער געגנט אַרום, האָט מען באַלד מיך געשלעפּט „אָפּצושפּרעכן אַן עין־הרע", אָדער „אַ גוט אויג"... אַז יעדע שלאָפקייט איז דער פּועל-יוצא פון אַן עין-הרע, אין דעם איז ביי די אָרימע און פּראָסטע יידישע מאַמעס אין פּוילן גאָר קיין ספק נישט געווען.

אָט נאָר-וואָס איז דאָך דאָס קינד געזונט און שטאַרק געווען, נאָר די שכנות, צי עפּעס אַ באַקאַנטע, אָדער אַ פרעמדע האָט אויפן קינד אַ קוק געטאָן, אָדער אַ זאָג געטאָן, אַז דאָס קינד איז אַזוי שיין און געזונט — און דאָס קינד איז באַלד קראַנק געוואָרן. די אויגן האָבן איר (אָדער אים) געדאַרפט אַרויס, איידער זי (אָדער ער) האָבן דערויף אַ קוק געטאָן!

געווען אַפילו אַזעלכע ווייבער, וואָס אויף זיי פלעגט מען זאָגן, אַז זיי האָבן אַזעלכע אויגן, עין־הרע-אויגן, וואָס ווי נאָר זיי גיבן אַ קוק אויף אַ קינד, אָדער אַ דערוואַקסענעם — איז באַלד קראַנקהייט און אומגליק.

מ'האָט זיך פאַר אַזעלכע געהיטן, ווי פאַר פייער. מ'האָט זיי דערביי

געשאָלטן מיט טויטע קללות — און אויף שעלטן זענען וואַרשעווער ווײַ־בער געווען גרויסע בריהטעס. תמיד האָט מען זיך געקריגט און זיך גע־שאָלטן — אין די וווינונגען, צווישן די מיטגלידער פון דער זעלבער משפחה און שכנים מיט שכנים, אויפן הויף, אויף דער גאַס און דורך די פענצטער.

די וויסטע אָרימקייט האָט זיי פאַרביטערט!

***

ווי נאָר אַ קינד האָט געקריגן אַן „עין־הרע", איז מען תיכף געקומען נאָך מיר צולויפן. פריער איך, דערנאָך דער דאָקטאָר. די ווײַבער פלעגן אַפילו זאָגן: פריער גאָט, דערנאָך אלי' חיימל (דאָס האָט מען מיך גע־מיינט)... אויב נישט גאָט און נישט איך האָבן געהאָלפן, איז מען ערשט געלאָפן צום דאָקטאָר.

מיין מלמד האָט מיך אויסגעלערנט די ברכה, דעם שפרוך, וואָס מען זאָגט ביים עין־הרע־אָפּשפּרעכן. איך האָב זיך געשטעלט ביים קראַנקן קינד צוקאָפּנס, אָפּגעזאָגט די ברכה און דריי מאָל אויסגעשפּיגן איבערן קינדס פּנימל.

אויב איך בין גראַד נישט געווען אין דער היים — געווען אין חדר, אָדער ערגעץ זיך פאַרשפּילט — האָט מען כאַטש ביי מיין מאַמען גע־נומען עפּעס פון מיר, אַ טיכל, אָדער עפּעס אַנדערש און דאָס אַוועקגע־לייגט ביים קראַנקן קינד צוקאָפּנס.

אַזוי ווי ס'האָבן געטראָפן עטלעכע פאַלן, וואָס קינדער זענען נאָך מיין „אָפּשפּרעכן" געזונט געוואָרן, האָב איך באַקומען אַ שם אַלס איי־נער פון די בעסטע עין־הרע־אָפּשפּרעכער און מען פלעגט מיך ממש צערייסן.

קיין דאָקטאָר און קיין פּראָפעסאָר האָט זיך נישט געקענט צו מיר גלייכן. אָבער איך האָב דערפון קיין גרויס נחת נישט געהאַט. נישט איינ־מאָל האָב איך זיך איינגעשפּאַרט, אַז איך גיי נישט און — טוט מיר עפּעס!

איינמאָל איז אַ בעל־עגלהס אַ קינד פאַרשלאָפּט געוואָרן. דער בעל־

עגלה האָט געווינט עטלעכע הייזער ווייטער און ער איז געקומען נאָך מיר, בעת איך האָב זיך געשפּילט אין הויף אין „קליפּע". נו, האָב איך נישט געוואָלט איבערלאָזן די שפּיל און גיין מיט אים. האָט ער מיך א כאַפּ געטאָן אויף די הענט און מיך אוועקגעטראָגן צו זיך אַהיים.

אָבער איך האָב זיך אָפּגערעכנט מיט אים. אנשטאָט צו מורמלען די ברכה, האָב איך געמורמלט קללות אויפן בעל-עגלה. און ווען איך האָב געדאַרפט אויסשפּייען דריי מאָל, האָב איך אַזוי געשפּיגן, אַז ס'האָט געקענט קלעקן פאַר עטלעכע קינדער...

***

אויף ווי ווייט מיין רום אַלס עין-הרע-אָפּשפּרעכער איז געגאַנגען, קאָן מען זען פון אַזאַ טשיקאַווער מעשה:

אויף דזשעלנע-גאַס נומער 79, וווּ מיר האָבן געוווינט אַ שטיקל צייט, האָט געווינט אַ קריסטלעך פּאָרפאָלק, צוויי יונגע, שטילע מענטשן. ער איז געווען אַ בריוו-טרעגער און זי האָט אין דעם איינעם צימער, וואָס זיי האָבן פאַרנומען, געציטערט איבער איר פּיצל קינד. זי איז געווען אַ רוימיש-קאַטוילישע און ער — אַ גריכיש-קאַטוילישער, דאָס הייסט: אַ „פּראַוואָסלאַוונער". האָבן ביי זיי אויף די ווענט געהאַנגען צוויי „יעזו-סעס", איינער לויט דער ראָמאַנישער אויפפאַסונג, אָן אַ באָרד; און איי-נער, לויט דער גריכישער אויפפאַסונג, מיט אַ באָרד...

איינמאָל לויפט זי אַריין צו אונדז אַ פאַרסאַפּעטע, אַ פאַרוויינטע, און בעט זיך ביי מיר, אַז איך זאָל אַריינקומען צו איר, זיך „מאָדליען" איבער איר קינד, וואָס איז פּלוצלינג שלאָף געוואָרן. זי האָט אַזוי פיל געהערט וועגן די וווּנדער, וואָס איך באַווייז, אַז זי לייגט ממש די גאַנ-צע האָפענונג אויף מיר.

מיינע עלטערן זענען דעמאָלט נישט געווען אין דער היים און איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אָבער זי האָט אַזוי געוויינט איבער מיר, אַז איך האָב איר נישט געקענט אָפּזאָגן. איך בין אַריין צו איר און איר קינד „אָפּגעשפּראָכן" אַן עין-הרע.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס קינד געזונט געוואָרן. איך ווייס

נישט, צי מען האָט אויך גערופן אַ דאָקטאָר, אָדער מ׳האָט זיך פאַרלאָזט אינגאַנצן אויף מיר... איך געדענק אָבער, אַז די שיינע, יונגע קריסטין האָט מיר געבראַכט אַ מתנה — אַ פּעקל שאָקאָלאַדעס...

***

ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך מער נישט געוואָלט גיין „אָפּשפּרעכן״ און געפּרוווט דערקלערן די יידן און יידענעס, וואָס זענען מיך געקומען שלעפּן צו זייערע קראַנקע קינדער, אַז דאָס איז נאַריש, אַז זיי זאָלן בעסער רופן אַ דאָקטאָר. זיי האָט זיך דאָס אפילו נישט גע־לייגט אויפן שכל.

אָבער אַז מען האָט אויף מיר „אויסגעאיבט״ אַ שטאַרקן דרוק און איך האָב געמוזט גיין, אָדער קריגן אָנגעבויקערט, האָב איך די צערעמאָ־ניע שנעל אָפּגעפּטרט און אנשטאָט צו מורמלען די ברכה, האָב איך גע־מורמלט מיינס אַ ליד...

ביסלעכווייז האָט מען מיך אויפגעהערט רופן צו קראַנקע קינדער. און דאָס דערפאַר, וואָס מיר איז געראָטן איבערצוצייגן עטלעכע ווייבער, אַז ווײַבאַלד איך גלויב נישט דערין און איך בין נאָך דערצו אַ שטיק אפּיקורס, טויג איך נישט מער ווי אַן עין־הרע־אָפּשפּרעכער. ס׳קאָן נאָך אפשר, חלילה, ערגער מאַכן. פון די עטלעכע ווייבער האָט זיך עס פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער געגנט.

אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין קאַריערע אַלס עין־הרע־אָפּשפּרעכער...

XII

די באבע חיה

די באבע חיה, מיין פאָטערס מוטער, איז געווען אַ לעבעדיקער קוואַל פון פאָלקלאָר. זי האָט געקענט הונדערטער פאָלקס-לידער, מעשיות, תחי־נות און „גאָט פון אברהמס". נח פרילוצקי האָט אַ גאַנצן אוצר פון איר פאָלקלאָר אַריינגעגעבן אין זיינע פאָלקלאָריסטישע זאַמלונגען. ס'איז נחן ממש געגאַנגען אין לעבן צו קריגן אַ בילד פון איר, אָבער געבן אירס אַ בילד פאַר אַ בוך — דאָס האָט זי בשום-אופן נישט געוואָלט.

זי האָט מיר אויך דערציילט צענדליקער מעשיות פון פוילישן אויפ־שטאַנד אין 1863 (פּאָווסטאַניע), וואָס איך האָב באַארבעט פאַרן „מאָ־מענט", דערנאָך אַרויסגעגעבן אין בוך-פאָרם. ש. הירשהאָרן האָט שפּע־טער די דאָזיקע מעשיות אַרויסגעגעבן אין אַ פוילישער איבערזעצונג.

***

איר ערשטער מאַן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָנטייל אין יענעם אויפשטאַנד, ווי אַן אָנפירער פון אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן. די באבע חיה פלעגט זיך איינשטעלן דאָס לעבן און טראָגן עסן אין וואַלד אַריין פאַר איר מאַן און פאַר די אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע. ווען די רוסן האָבן צום סוף אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד, איז איר

מאַן געווען צווישן די אַרעסטירטע און ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אָבער אים איז געראָטן צו אַנטלויפן.

מיין באָבע איז אַרומגעפאָרן איבער כמעט גאַנץ אייראָפּע אים אויפצוזוכן, כדי נישט צו פאַרבלייבן אַן עגונה. זי פלעגט מיר דערציילן אַ וועלט מיט מעשיות וועגן אירע רייזעס איבער דייטשלאַנד, האָלאַנד, איטאַליע און ענגלאַנד. ענדלעך האָט זי אים געפונען אין לאָנדאָן, ווו ער האָט איר געגעבן אַ גט. זי און מיין מומע מלכה, די טאָכטער פון איר ערשטן מאַן, האָבן מיר דערציילט, אַז ער איז דאָרט געוואָרן אַ שרייבער און געשריבן ראָמאַנען פאַר יידישע צייטונגען.

איך האָב קיינמאָל זיינע ראָמאַנען נישט געזען און איך האָב אַפילו נישט געקענט אויסגעפינען, אונטער וואָס פאַראַ נאָמען ער האָט געשריבן.

***

איר צווייטער מאַן, מיין זיידע, הייסט עס, איז געווען אַ קאַליקע אויףביידע פיס. ווען איך פלעג אַהיימקומען פון חדר, פלעגט ער מיר דערציילן אַלערליי מעשיות, פּריילעכע און טרויעריקע. איינמאָל האָט ער מיר דערציילט, אַז זיין איינציקער ברודער איז אַוועק פון דער היים, ווען זיינע עלטערן האָבן אַ שטיקל צייט געוווינט אין גאַליציע — און פון דע־מאָלט האָבן זיי נישט געהערט פון אים. אָבער באַקאַנטע, וואָס האָבן פאַרוויילט אין ווין, האָבן אויסגעפונען, אַז ער איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסער שררה, אַ קרוב למלכות. זיינע עלטערן האָבן געמאַכט אַלערליי פאַרזוכן זיך צו שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג, אָבער אָן דערפאָלג.

ער האָט וועגן זיין פאַרלוירענעם ברודער מיר עטלעכע מאָל דער־ציילט — און ס'האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם, מחמת איך אַליין האָב דאַך שוין דעמאָלט געחלומט זיך אַוועקצולאָזן אין דער גרויסער וועלט אַריין.

***

די באָבע חיה איז געווען אַ קליינינקע, אָבער אַ „זשוואַווע", אַ פלינקע — און זי האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע. זי

האָט יאָרן־לאַנג געהאַנדלט אויפן מוראַנאָווער מאַרק אין וואַרשע, ווו די יידישע הענדלער האָבן זיך געהאַט אויסצושטיין ביטערע צרות פון די פּאָליציסטן, וועלכע פלעגן כסדר רייסן כאַבאַר. אַפילו די פּאָליציי־קאָ־מיסאַרן פלעגן זיך נישט שעמען צו רייסן כאַבאַר פון די אָרימע הענד־לערס און הענדלערינס, אָבער פאַר מיין באַבען האָבן זיי געציטערט ווי פאַר פייער.

איינמאָל האָט אַ פּאָליציי-קאָמיסאַר זיך מיט איר פאַרטשעפּעט, האָט זי אַ שפּרונג געטאָן אויף אים ווי אַ קאַץ, מיט איין האַנט זיך אָנגעהאַלטן אָן זיין פּעטן, רויטן קאַרק און מיט דער צווייטער האַנט אים צעדראַפּעט דאָס גאַנצע פּנים. ער האָט זיך אַפילו געשעמט זי צו אַרעסטירן און אַ פאַרשעמטער, פאַרשטעלנדיק זיך דאָס צעדראַפּעטע פּנים מיט זיינע לאַ־פּעס, האָט ער זיך שנעל אָפּגעטראָגן פון מאַרק און מער האָט ער זיך דאָרט נישט געוויזן. זינט דעמאָלט איז זי געוואָרן די העלדין פון דעם מוראַנאָווער מאַרק.

די באַבע חיה איז אויך געווען אַ גרויסע בריהטע אויף „רייסן קברים”. גיסן וואַקס דורך אַ בעזעם און איינליינגן וועלטן ביים ארון-קודש אין שול, אויב ס׳איז געווען עפּעס אַן אומגליק אָדער אַ קראַנקהייט.

***

וואָס מיך און מיינע עלטערן, ווי אויך פרעמדע, האָט שטאַרק אי־בערראשט, איז געווען מיין „טרעפן”, ווען איך בין געווען אַ קינד. איינ־מאָל האָט מיין פאָטער געשמועסט מיט אַ שכן וועגן אַ געוויסער שטעלע אין תנ״ך, נישט ווויסנדיק ווו זי געפינט זיך. נישט טראַכטנדיק האָב איך אַ זאָג געטאָן, ווו די שטעלע איז דאָ אין תנ״ך — און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אַזוינס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, כאָטש איך האָב אין חדר ערשט געלערנט עברי.

איז דאָס געווען אַ פאַל פון טעלעפּאַטיע? מעגלעך, אַז איך האָב „אַרויסגעלייענט” פון מיין טאַטנס, אָדער דעם שכנס באַהאַלטענעם זכרון דאָס, וואָס זיי האָבן געוווסט אין זייער אונטערבאַוווסטזיין.

אָבער די באַבע חיה איז זיכער געווען, אַז איך וועל אויסוואַקסן אַ „גוטער ייד”, אַ בעל־מופת.

XIII

די באבע שרה־הינדע

מיין באבע שרה־הינדע, מיין מאמעס מוטער, איז געווען דער היפוך פון מיין באבע חיה. יענע איז געווען א קליינע און בארעדעוודיקע; די — א הויכע און א שווייגנדיקע. ביידע זענען געווען שטארק פרום, אבער די באבע שרה־הינדע האט זיך געקענט אין די „דראבנע פינטעלעך", געווען א גאנצע למדנטע. טאג און נאכט האט זי געמאכט מיט די ליפן, געשעפטשעט תפילות — אפילו ווען זי האט מיט עמיצן גערעדט, האט זי נישט אויפגעהערט צו מורמלען תפילות.

אויך איר מאן — משה — איז געווען דער היפוך פון מיין טאטנס פאטער. מיין טאטנס פאטער איז געווען א קאליקע, נאר א לעבנס־לוסטיקער, בעת מיין זיידע משה איז געווען א פארביסענער, א מרוק און האט קיינמאל קיין גלייך ווארט נישט ארויסגערעדט. אבער שמחהלעך, סעודהלעך און א טרונק בראנפן האט ער גראד שטארק ליב געהאט.

געוווינט האבן זיי אויף אייזן־גאס (זשעלאזנע) 23, הארט ביי דער קאלישער באן. ס'איז געווען א גויאישע געגנט און אין הויז 23 זענען זיי געווען די איינציקע יידן. מיין זיידע האט צוגעשטעלט פאשע פאר פערד און זיין האנדל איז דעריבער געווען אויסשליסלעך מיט גויים.

ווען מיין פאטער איז דאס ערשטע מאל אוועק קיין אמעריקע, האבן

די באָבע שרה־הינדע

מיר — מיין מוטער און די קינדער — זיך אַריינגעקליבן צו דער באָבע שׂרה-הינדע און מיר האָבן דאָרט געוווינט עטלעכע חדשים, ביז מיר זענען צוריק אַוועק אין דער יידישער געגנט. אָבער דורך דער צייט בין איך בר־מצווה געוואָרן. מיין זיידע, וואָס ער האָט, ווי געזאָגט, ליב געהאַט שמחהלעך, האָט זיך געגרייט צו מיין בר־מצווה, שבת מיך געוואָלט נעמען אין שול אַריין און דאָן פאַרבעטן אהיים אַן עולם יידן אויף לעקעך און בראָנפן.

היות איך בין שוין דעמאָלט געווען אַן „אויפגעקלערטער" און נישט געהאַלטן פון אַזעלכע זאַכן, בשום-אופן נישט געוואָלט גיין אין שול אַריין און זיך אויסגעלאַכט דערפון, האָט ער מיך פשוט אַרויסגעטריבן פון הויז. ס'איז געווען אין יאַנואַר, ווען די פרעסט האָבן געברענט, בין איך ביי־נאַכט געשלאָפן אין הויף אויף אַ וואָגן און איך וואָלט געפרוירן געוואָרן, ווען אַ שכן, אַ גוי, דערזעט מיך נישט. ער האָט געמאַכט אַ געשריי און ס'זענען אָנגעלאָפן נאָך גויאישע שכנים. ווען איך האָב זיי דערציילט, אַז דער זיידע האָט מיך אַרויסגעטריבן, האָבן זיי מיך אַרויפגעפירט אין שטוב אַריין און מיין זיידן געסטראַשעט צוצעטראָגן דאָס הויז, אויב ער וועט מיך נאָכאַמאָל אַרויסטרייבן. ער האָט זיך דערשראָקן און מיר מער גאָרנישט געזאָגט, בפרט, אַז איך האָב זיך געלאָזט פון אים לערנען תפילין לייגן . . .

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט מיין זיידע סיי-ווי געהאַט אַ שמחה אין הויז: זיינע אַ טאָכטער, מיין מאַמעס יינגסטע שוועסטער, חנה, האָט תנאים געשריבן. ס'איז געווען אַ שמחה מיט אַלע קליפּערלעך — מיט פאָרשטעלערס, וואָס האָבן געגעבן אַן אמתע טעאַטער, אָדער וואָדעוויל-פאָרשטעלונג.

איך זע פאַר זיך קלאָר אַזאַ סצענע:

אין מיטן שטוב שטייט אַ לאַנגער טיש, וואָס איז באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. די גאַנצע צייט הערן זיך באַמערקונגען וועגן די שפּילער, וואָס דער זיידע האָט פאַרבעטן פריילעך צו מאַכן דעם עולם. דער זיידע ליובט זייער שפּילן. ער האָט זיי שוין געזען און געהערט ביי אַנדערע געלעגנהייטן. דעם חתנס פאָטער איז אַביסל סקעפּטיש. ווען מען פרעגט

אים, פאַרזיכערט ער, וואָלט ער געהייסן רופן די שפּילער (ער רופט דער־
ביי אָן נעמען), וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אויף אַ ברית ביי זיינעם
אַ קרוב, זיי זענען אַזוינס און אַזעלכעס!

יעדעס מאָל, וואָס עס עפנט זיך די טיר, גיט זיך דער גאַנצער עולם
אַ וויג און אַ קער די קעפּ צו זען, אויב „זיי" קומען שוין. ביי טייל פאַר־
גנבעט זיך שוין אפילו אַ מורא: אפשר וועלן זיי נישט קומען? דער זיידע
פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן קומען. זיי ווייסן, אַז טאָמער קומען זיי נישט,
וועלן זיי שוין קיינמאָל זיין שטוב נישט טאָרן אָנקוקן און זיין גאַנצע
משפּחה וועלן זיי פאַרלירן. דאָס איז נישט קיין קליניקייט! אָבער איי־
נער פון די געסט זאָגט אַרויס די סברא ,אַז... עט! וואָס זענען זיי דען?
לאָבוסעס, הפקר־יונגען. עפּעס אַ לייטישער מענטש וועט זיך אַרומשלעפּן
אין די הייזער און זיך פאַרשטעלן ווי אַ פּורים־שפּילער?

דער עולם האָט שוין געהאַלטן ביי דער יויך, ווען די טיר האָט זיך
האַסטיק אויפגעפּראַלט און עס האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אַריין דריי
פריילעכע יונגען. די דריי זענען דאָס געווען די גאַנצע טרופּע און זייער
טעאַטער — דאָס הייסט: די פאַרשידענע קליידער אויף פאַרשטעלן זיך,
די בערד און פּאַרוקן, האָט דער הויפּט־שפּילער געטראָגן אין אַ טשעמאָ־
דאַן. די דריי חברה־לייט האָבן געווינטשן מזל־טוב חתן־כלה און זיך קודם
געהייסן דערלאַנגען צו ביסלעך משקה מיט פאַרביסן. זיי האָבן זיך מיט
איינצלנע גלעזלעך נישט באַגנוגנט און שוין מער נישט געוואַרט אויף
דעם זיידנס יושר און זיך אַליין געגאָסן איין גלעזל נאָכן אַנדערן. באַלד
ווי זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיט דער סעודה, האָבן זיי, נאָך זיצנדיק
ביים טיש, פלוצים געגעבן אַ פּלאַץ אַרויס מיט אַ ליד, אַ פּאָלקס־ליד,
וואָס האָט זיך געפּאַסט צו דער געלעגנהייט. דער גאַנצער עולם האָט אונ־
טערגעכאַפּט און דער הויפּט־שפּילער האָט מיטביידע הענט „דיריגירט"
דעם עולם.

פאַרטיק געוואָרן מיטן געזאַנג, האָט דער הויפּט־שפּילער זיך אויפ־
געשטעלט און, ווענדנדיק זיך צום עולם, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

„איצט, רבותי, איר זאָלט מיר לעבן,

װאָס זאָל איך אײַך װײַטער געבן?
צי זאָל איך מיט מײַנע אַנדערע יאַטן,
אַ רוח אין זײער טאַטנס טאַטן,
זיך מיט באָרד און פּאות פֿאַרשטעלן,
אַז אַלע זאָלן לאַכן און קװעלן,
אָדער זאָל איך אַ כּלה באַזינגען,
אַז אַלע זאָלן פֿון די ערטער שפּרינגען?״

די מײנונגען האָבן זיך צעטײלט. טײל האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז די שפּי־לער זאָלן צוטרעטן צום רעכטן־געדיכטן, זיך פֿאַרשטעלן; אַנדערע האָבן געװאָלט האָבן אַ קאָמישע כּלה־באַזינגעכץ. צום סוף האָט מען זיך גע־אײניקט אויף אַ „פֿאַרשטעלונג״.

דער הויפּט־שפּילער האָט געגעבן אַ באַפֿעל, אַז מען זאָל דעם טיש אַװעקרוקן אָן אַ זײט, כּדי זײ זאָלן האָבן װוּ צו שפּילן. דאַן זענען זײ אַרײַן אין קיך און אַרויסגעטריבן די װײַבער, װאָס האָבן זיך דאָרט גע־פּאָרקעט בײַם אויװן. מיך, אַלס קינד, האָבן זײ אַרײַנגעלאָזן צוצוקוקן װי זײ פֿאַרשטעלן זיך. דער הויפּט־שפּילער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ גוי און די אַנדערע פֿאַר ײדישע יונגעלײַט. אײנער פֿון זײ מיטן אויסזען פֿון אַ רוצח און דער אַנדערער אײדל, מיט ברילן אויפֿן נאָז. צום ערשטן איז אַרויס דער הויפּט־שפּילער אויף דער „בינע״ — דאָס הײסט: ער האָט זיך אַװעקגעשטעלט אין מיטן שטוב, אונטער דער גרויסער בליץ־לאָמפּ, און דאָס פּובליקום (די געסט צו מײַן מומעס תּנאָים) האָט אים געקענט גוט באַטראַכטן.

דער שפּילער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז אַלע זאָלן שװײַגן. טאָמער איז דאָס נאָך געװען װײניק, האָט ער אויסגערופֿן:

אײנס, צװײ, דראַ (דרײַ) —
פּתח שין — שאַ!

אַז דער עולם איז געבליבן זיצן מיט אײַנגעהאַלטענע אָטעמס, האָט ער געמאָלדן, אַז ער װעט אויספֿירן די געשיכטע מיטן ײדישן בורא־אָנ־

געשטעלטן פייגעלעס, וואָס צוויי חברים האָבן אים באַרויבט און דער־הרגעט.

דאָן האָט דער הויפּט־שפּילער — און רעזשיסאָר — אַ פּאַטש גע־טאָן מיט די הענט, אַ סיגנאַל פאַר די צוויי אַנדערע קינסטלער צו מאַכן זייער אויפטריט...

די פייגעלעס-שפּיל האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן יאָמער, אַ שלוכצע־ריי, אַז מען האָט אַזש פאַרגעסן צו אַפּלאָדירן די קינסטלער, כאָטש זיי האָבן זיך עלעגאַנט פאַרנייגט...

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען די „שוישפּילער" ווידער דערשינען — ביידע מערדער, וואָס האָבן נאָר-וואָס דערמאָרדעט פייגעלעסן. דער „שוישפּילער" ווידער, וואָס האָט פריער געשפּילט די ראָל פון דעם באַ־רויבטן און דערמאָרדעטן, איז איצט דערשינען אין דער ראָל פון אַ פּאָ־ליציאַנט, וואָס האָט די צוויי מערדער אַרעסטירט. דאָן האָבן אַלע דריי געזונגען אַ קופּלעט וועגן דעם, אַז די גערעכטיקייט מוז זיגן.

צום סוף האָבן זיי זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ פריילעכן טאַנץ...

דערפאַר, אַז עס איז געקומען צו באַצאָלן, האָבן די „קינסטלער" גע־פאָדערט אַן עקסטרע פאַרגיטיקונג, ווייל זיי האָבן געשפּילט מער ווי גע־וועגלעך. דער זיידע, וואָס ער איז שטאַרק צופרידן געווען פון זייער שפּילן, פון זייער אַמוזירן דעם עולם, האָט זיך נישט געדונגען און משלם געווען מער ווי ער האָט זיך פריער מיט זיי געהאַט אויסגערעדט.

XIV

דער בונט אויף אַן אָקסן-שיף

צווישן די זכרונות פון געשעענישן אין מיין קינדהייט, וואָס האָבן געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק אויף מיין גאַנץ לעבן, איז דער בונט אויף אַן אָקסן-שיף, וואָס איז געפאָרן פון ניו-יאָרק קיין ענגלאַנד. אמת, נישט איך, נאָר מיין פאָטער האָט איבערגעלעבט די פּאַסירונג, אָבער ער האָט זי אַזוי געטרײַ באַשריבן אין בריוו פון ליווערפּול און לידז, ענגלאַנד, און דערנאָך, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָט ער דאָס אַלץ אַזוי אַקוראַט פאַר אונדז איבערדערציילט, אַז דאָס בילד פון דעם בונט אויף דער אָקסן-שיף איז פאַרבליבן אין מיר ווי אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג.

מיין פאָטער האָט געליטן פון דער וואַנדער-לוסט. אַלס בחור נאָך איז ער צוויי מאָל געווען אין לאָנדאָן און אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, אָבער לאַנג האַלטן האָט ער זיך אין ערגעץ נישט געקענט. אין וואַרשע האָט אים אַלעמאָל געצויגן אין דער וועלט אַריין און ווי נאָר ער איז ערגעץ אָנגעקומען, האָט עס אים געצויגן צוריק קיין וואַרשע. אַזוי איז אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער האָט שוין געהאַט אַ פרוי און קינדער, געווען מיט אַמעריקע. ער איז אין אַמעריקע געווען עטלעכע מאָל און יעדעס מאָל בלויז אַ קורצע צייט — צווישן זעקס חדשים און אַ יאָר.

אפשר האָט אים כסדר צוריקגעצויגן קיין וואַרשע, ווייל ער האָט

זיך אין ערגעץ נישט געקענט דערשלאָגן צו א תכלית. ער האָט אומעטום אונטערגעהונגערט. מיין טאַטע האָט אויסגעהונגערט א וועלט!... פּונקט ווי ער פלעגט אַוועקפאָרן פּלוצים, אומגעריכט, אַזוי פלעגט ער צוריק־קומען פּלוצים, אומגעריכט. ער האָט זיך געקענט אויפהייבן אינדערפרי און א זאָג טאָן צו דער מאַמען: „איך פאָר קיין אַמעריקע!" און ביינאַכט איז ער שוין געזעסן אויף דער באַן, איבערלאָזנדיק די פאַמיליע אויף הפקר. איינמאָל, ווען ער האָט געזאָלט פאָרן קיין ניו־יאָרק, האָבן מיר אין עטלעכע וואָכן אַרום באַקומען פון אים א בריוו פון קוויבעק, קאַנאַדע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבן געהערט פון אַזאַ לאַנד ווי קאַנאַדע...

מיין פאָטער אַליין האָט אויך אייגנטלעך נישט געוווסט, ווו דאָס לאַנד געפינט זיך און וואָס פאַרא לאַנד עס איז. אָבער בעת ער איז אָנ־געקומען אין דער האַפן־שטאָט, — צי דאָס איז געווען ברעמען, האַמ־בורג, אָדער ראָטערדאַם, געדענק איך נישט — האָט אים אויסגעפעלט עטלעכע רובל אויף א שיפסקאַרטע קיין ניו־יאָרק. א שיפסקאַרטע קיין קאַנאַדע האָט געקאָסט ביליקער — נו, איז ער געפאָרן קיין קאַנאַדע. וואָס איז דער חילוק?

באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין א מדינה, האָט ער אָנגעהויבן אַהיים שרייבן בריוו פול מיט בענקשאַפט קיין וואַרשע און פאַרשעלטן דעם טאָג, וואָס ער איז פון דאָרט אַוועקגעפאָרן... אַזעלכע בריוו, לאַנגע, געדיכט־פאַרשריבענע, זענען געקומען איינער נאָכן אַנדערן, ביז... ער האָט פּלוצים זיך אַליין אַריינגעשטעלט אין שטוב אַריין, ווי ער וואָלט דאָס צוריקגעקומען פון א וויזיט אין אַן אַנדער גאַס. מיין טאַטע האָט געהאַט א כאַראַקטעריסטיש הוסטל, לויט וועלכן מיר פלעגן דערקענען, אַז ער קומט. געדענק איך, אַז איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען מיר האָבן דער־וואַרט א ליאַדע טאָג נאָך א בריוו פון מיין טאַטן אין אַמעריקע, האָבן זיך אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו אונדזער דירה, זיך געהערט טריט און — א הוסטל.

— דיין טאַטעלע גייט! — האָט די מאַמע א זאָג געטאָן אין דער מינדסטער איבעררעשונג, — ס'איז זיין הוסטל!...

און כּך־הוה: דער טאַטע האָט זיך אַריינגעשטעלט, געזאָגט „גוטן אָוונט", אַוועקגעלייגט דאָס קלומיקל און אַ פֿרעג געטאָן דער מאַמען:

— האָסט עפּעס צו עסן?

אָט־אַזוי, גלייך ער וואָלט צוריקגעקומען פֿון מאַרק, אָדער, להבדיל, פֿון שול...

אָבער איינמאָל איז זיין צוריקרייזע פֿון אַמעריקע קיין וואַרשע נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַט. מיין טאַטן איז באַשערט געווען צו ווערן דער העלד פֿון אַ בונט אויף אַן אָקסן־שיף, וואָס איז באַשריבן געוואָרן אין דער ענגלישער פּרעסע פֿון ליווערפּול, באַגלייט מיט זיין בילד און די בילדער פֿון די אַנדערע „בונטאָווש־שיקעס".

ס'האָט געמוזט זיין אין יאָר 1907, ווייל לויט די בריוו, וואָס מיין טאַטע האָט געשריבן פֿון ניו־יאָרק, האָט אין אַמעריקע דעמאָלט געהערשט אַ גרויסער קריזיס און מענטשן זענען געפֿאַלן אין די גאַסן פֿון הונגער. נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעווען אין ניו־יאָרק און אין באָסטאָן אַ זיבן, אָדער אַכט חדשים, האָט ער באַשלאָסן צוריק אַהיימצופֿאָרן. ווו נעמט מען אָבער געלט אויף הוצאות? האָבן אים באַקאַנטע דערציילט, אַז מיט אַן אָקסן־שיף קאָן מען פֿאָרן אומזיסט און מען קריגט נאָך עטלעכע דאָלאַר. אַזאַ שיף שלעפּט זיך טאַקע זייער פּאַמעלעך און דערצו דאַרף מען דאָרט אַרבעטן ביי די אָקסן, נו, איז וואָס?

האָט מיין טאַטע זיך פֿאַרשריבן אויף אַזאַ שיף. דאָס איז געווען אַן ענגלישע שיף, וואָס האָט געפֿירט אָקסן פֿון אַמעריקע קיין ענגלאַנד. צווישן די עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך פֿאַרשריבן אויף דער דאָזיקער שיף, זענען געווען יידן, פּאָליאַקן, רוסן, אָבער די מערהייט איז באַשטאַנען פֿון יידן.

די אַרבעט אויף דער שיף איז געווען אַ שווערע, אַ קאַטאָרזשנע. מען האָט געדאַרפֿט טראָגן די אָקסן פּאַשע און וואַסער, רייניקן זיי און די שטאַלן און בכלל טאָן אַלע שווערע, שוואַרצע אַרבעטן אויף דער שיף. פֿינף אַזייגער פֿאַרטאָג האָבן שוין אַלע געדאַרפֿט זיין אויף די פֿיס און מען האָט געהאָרעוועט ביזן אָוונט, אָן אָפּרו. דערביי האָט מען די אומ־

גליקלעכע וואנדערניקעס געגעבן צו עסן אלערליי חזירייען. קלעפ האט מען זיי דערפאר נישט געקארגט.

די מיינסטע האבן געליטן פון דער ים־קראנקהייט, האבן זיי קראנקערהייט געדארפט דורכפירן די שווערסטע ארבעטן, אנישט האט מען געגעבן קלעפ. מען האט זיי אינדערפרי ארויסגעשלעפט פון די לייוונטענע בעטלעך צוגלייך מיט די געזונטע, נישט געקוקט אויף זייער קרעכצן. אויב זיי האבן זיך נישט אזוי גיך גערירט — איז באלד מיט דער פויסט אין מארדע אריין.

במעט קיינער פון זיי האט נישט פארשטאנען קיין ענגליש, איז אויב מען האט זיי עפעס געזאגט און זיי האבן נישט גלייך געכאפט זיך, וואס מען וויל פון זיי, איז באלד א קלאפ, אדער א שטויס. איינמאל האט מען איינעם פון די עמיגראנטן, א ייד מיט א היפשער בארד, וועלכער האט געליטן פון דער ים־קראנקהייט, אזא שטויס געטאן, אז ער איז אריינגעפאלן צווישן די אקסן און זיי וואלטן אים צעטרעטן מיט די פיס, ווען די אנדערע, די מיטליידנדיקע, שלעפן אים נישט שנעל ארויס. אבער די שרעק האט אזוי געווירקט אויף דעם קראנקן ייד, אז ער איז אין עטלעכע טעג ארום געשטארבן.

ווען מיין פאטער האט פאר אונדז געשילדערט, ווי מען האט דעם קערפער פון דעם ייד אריינגעווארפן אין ים אריין, האט מיין מוטער זיך פונאנדערגעוויינט אויף א היסטערישן שטייגער, ווי זי פלעגט דאס טאן, ווען זי פלעגט זאגן א תחינה.

דער טויט פון דעם ייד האט אזוי געווירקט אויף די עמיגראנטן, אז זיי האבן באשלאסן עפעס צו טאן, צו פארבעסערן זייער לאגע. מיין פאטער און נאך אן עמיגראנט, א ליטווישער ייד, האבן פארגעשלאגן, אז אויף מארגן זאל קיינער נישט אראפ פון בעט, ביז מען וועט זיי נישט צוזאגן א בעסערע באהאנדלונג. א שטרייק, א בונט! מען וועט דאך נישט אלעמען אריינווארפן אין ים אריין, די וועלט איז דאך נישט הפקר!

אויף מארגן אינדערפרי, ווען דער סיגנאל האט גערופן צו דער ארבעט, האט קיינער זיך נישט גערירט. עס זענען אנגעלאפן די מאטראזן און גענומען שלעפן די בונטארן, אבער זיי האבן געשטעלט א ווידער-

שטאנד. דער ליטווישער ייִד, וואָס האָט געקענט אביסל ענגליש, ווייל ער איז אין אמעריקע געווען לענגער פון די אנדערע, האָט דערקלערט, אז עס וועט גארנישט העלפן, זיי וועלן זיך נישט רירן פון אָרט, סיידן מען וועט זיי צוזאָגן א בעסערע באַהאַנדלונג, בעסער עסן און אָפּרו פאַר די, וואָס לײַדן פון דער ים־קראַנקהייט. איר קענט אונדז אַלעמען דערהרגע־נען, אויב איר ווילט, — האָט דער ייִד זיי געזאָגט, — אָבער מיר וועלן זיך נישט רירן פון אָרט!

דער קאַפּיטאַן אַליין איז געקומען צולויפן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און געסטראַשעט אַלעמען צו דערשיסן. אָבער דאָ האָט אים איינער פון די מאַטראָזן עפּעס שטילערהייט געזאָגט. דער קאַפּיטאַן האָט צוריק אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין קעשענע און אוועקגעגאַנ־גען, דערנאָך זענען אויך די מאַטראָזן אוועק. אין א צען מינוט אַרום איז איין מאַטראָז צוריקגעקומען און זיי געמאָלדן, אז אויב זיי וועלן אַרויסגעבן די פּערזאָן, אָדער פּערזאָנען, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם בונט, וועט מען זיי אַלץ נאָכגעבן.

— קיינער האָט אונדז נישט אָרגאַניזירט! מיר האָבן זיך אַליין אָר־גאַניזירט, ווייל מיר האָבן שוין נישט געקענט אויסהאַלטן! — האָט דער ליטוואַק אים געזאָגט.

דער מאַטראָז איז אוועק און באַלד צוריקגעקומען און זיי מודיע געווען, אז דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן זיין וואָרט, אז אַלץ וועט שוין זיין אין אָרדענונג.

דערמיט האָט זיך דער בונט געענדיקט. די לאַגע פון די וואַנדערער איז אביסל בעסער געוואָרן, אָבער זיי האָבן זיך נאָך אַלץ גענוג געמו־טשעט. ענדלעך איז די שיף אָנגעקומען קיין ליווערפּול. פון דער שיף זענען אַרויס די אויסגעמוטשעטע, פאַרהונגערטע, קראַנקע און אָפּגעריי־סענע „רייזענדער" און זיך געגומען שלעפּן איבער דער שטאָט.

מיין פאָטער האָט פאָרגעשלאָגן די אַנדערע ייִדן, אז מען זאָל אויפ־זוכן דעם רב, אָדער ראַבינער פון שטאָט און אים דערציילן, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אויף דער שיף און בכלל בעטן זיין הילף אין זייער טרויעריקער לאַגע.

זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום ראַבינער. ער האָט זיי אויפמערקזאַם אויסגעהערט. קודם האָט ער זיי ערגעץ איינגעאָרדנט, אַז זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן און ווו צו שלאָפן. אויף מאָרגן איז ער צו זיי געקומען און זיי געמאָלדן, אַז ער האָט דעם גאַנצן ענין איבערגעגעבן די יוסטיץ-באַאַמטע און אַז עס וועט פאַרפירט ווערן אַ פּראָצעס קעגן דעם שיפס-קאַפּיטאַן, קעגן זיינע ארויסהעלפער און קעגן דער שיפס-קאָמפּאַניע, וואָס צו איר געהערט די אָקסן-שיף. זיי, די עמיגראַנטן, וועלן דעריבער מוזן פאַרבלייבן אַ שטיקל צייט אין ליווערפּול, כדי אויפצוטרעטן אין געריכט אַלס עדות.

די גאַנצע געשיכטע איז דאַן אריין אין דער ענגלישער פּרעסע פון ליווערפּול און מסתמא אויך פון אַנדערע ענגלישע שטעט. מיין פאָטער האָט אַהיים־געבראַכט אויסשניטן פון ענגלישע צייטונגען, ווו ס'איז אויך געווען זיין בילד, דאָס בילד פון דעם ליטווישן ייד, פון שיפס-קאַפּיטאַן און פון דעם ראַביי. מיין פאָטער איז זייער שטאָלץ געווען דערמיט. די גאַנצע מעשה האָט אים הנאה געטאָן... ער האָט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַווייזן פאַר קרובים און פריינט.

ליידער געדענק איך נישט קיין איינצלהייטן פון דעם פּראָצעס. מיין פאָטער אַליין האָט, אייגנטלעך, ווייניק פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, אויסער זיין אייגן עדות־זאָגן און דאָס עדות־זאָגן פון די אַנדערע עמיגראַנטן — אויף יידיש, פּויליש און רוסיש, וואָס מען האָט איבערזעצט אויף ענגליש.

די אונטערשטע שורה אָבער איז, אַז דער קאַפּיטאַן און זיינע נאָענטסטע ארויסהעלפער זענען געפונען געוואָרן שולדיק און מען האָט זיי פאַרמשפּט אויף אָפּצוזיצן אין חד־גדיא, כאָטש קליינע טערמינען. די שיפס־קאָמפּאַניע האָט די געליטענע עמיגראַנטן פאַרגיטיקט מיט נישטיקע געלט-סומען, דערצו האָט דער ראַביי צונויפגעשאַפן אַ סומע געלט, אַז די וואַנדערער זאָלן האָבן אויף הוצאות אַהיימצופאָרן.

מיין פאָטער האָט יאָרן-לאַנג זיך ארומגעטראָגן מיט די אויסשניטן פון די ענגלישע צייטונגען. כאָטש אונדזערע קרובים האָבן באַוואונדערט מיין טאַטנס אַוואַנטורע און אין האַרץ אים אפשר מקנא געווען, האָבן

זיי פֿונדעסטוועגן אים כסדר געקיבעצט, אַז ער איז צוריקגעקומען פֿון אַמעריקע רייטנדיק אויף אַן אָקס...

און יעדעס מאָל, וואָס מיין פֿאָטער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געפֿאָרן קיין אַמעריקע, האָבן זיי געשמייכלט:

— נו, ער וועט באַלד ווידער צוריקקומען אויף אַן אָקס!...

XV

לידער־פּאַרפֿאַסער און העלדן

איידער דער „מאָמענט" האָט זיך געגרינדעט, האָב איך אַ שטיק צייט געזאַמלט פֿאָלקלאָר פֿאַר נח פּרילוצקין. דורך אים האָב איך זיך באַקענט מיט זיין פרוי, פּאַולאַ ר. זי איז געווען אַ סך עלטער פֿון נחן, אָבער אַן אמתע שיינהייט. ווען נח האָט זיך מיט איר באַגעגנט, האָט זי כמעט קיין יידיש נישט געקענט. נח האָט זי אויסגעלערנט יידיש און זי פֿלעגט אין די שפּעטערדיקע יאָרן שרייבן שיינע, צאַרטע לידער אין יידיש און פּיעסן פֿאַרן יידישן טעאַטער.

ווען זי האָט אָנגעשריבן איר ערשטע פּיעסע אין יידיש, האָט נאָך איר יידיש שטאַרק אונטערגעהונקען. נח האָט מיך דעריבער צו איר רע־קאָמענדירט, אַז איך זאָל פֿאַר איר איבערשרייבן די פּיעסן.

איר ערשטע פּיעסע „איינע פֿון יענע", וווּ עס ווערט געשילדערט אַ יידישע פּראָסטיטוטקע און די יידישע אונטערוועלט, איז געווען געשריבן מיט לאַטייניש אותיות. דערביי איז דער וואָקאַבולאַר פֿון דער יידישער שפּראַך דאָרט געווען מוראדיק באַשרענקט און ערטערווייז — אומפֿאַר־שטענדלעך.

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט — געשוויצט איבער דער פּיעסע ביי איר אין הויז און דערנאָך „איינע פֿון יענע" אַהיימגענומען.

איז מיר איינגעפאַלן — אויסצופּראָבירן די פּיעסע וועגן דער ייִדי־שער אונטערוועלט — טאַקע אויף דער ייִדישער אונטערוועלט...

געוווינט האָבן מיר אין דעם הויז אויף גענשע־גאַס, וווּ עס זענען געווען געגנוג אונטערוועלט־פּאַרשוינען, פּראָסטיטוטקעס, פּרויען־הענדלער און גנבים — פּאַר כאַטש צוואַנציק פּיעסן.

האָב איך אין אַ הייסער זומערדיקער נאַכט, ווען די שכנים זענען געלעגן אויסגעלייגט אין הויף זיך אָפּצוקילן פון דער חמימה אין די פאַר־שטיקטע צימערן — פאָרגעלייענט פאַר זיי די פּיעסע.

די פּיעסע האָט געוואַלדיק אויסגענומען און באַלד האָבן אַלע גע־זונגען דאָס לידל, וואָס איז אין יענער פּיעסע אַריינגעפלאָכטן:

הוליאַ יאַשו,
מאָרגן־שטערן;
וואָס פון אַ מיידעלע
קאָן אַלץ ווערן.

איינער פון די אונטערוועלט־פּאַרשוינען, וואָס האָבן געוווינט אין יענעם הויז, כאַצקעלע שפּיגלגלאָס, האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מיר — די שכנים, הייסט עס — זאָלן אַליין מאַכן אַ „טריאַטער", אויפפירן די פּיעסע אויפן הויף און יעדער פון די שכנים זאָל דערפאַר באַצאָלן עט־לעכע גראָשן — און דאָס געלט זאָל גיין פאַר אָרימע קימפּעטאָרינס אויף גענשע־גאַס.

געזאָגט און געטאָן.

טאַקע באַלד אויפן אָרט האָב איך אויסגעטיילט די ראָלן. איינעם אַ יונג, אַ זון פון אַ קאָרטן־שפּילער, וועלכער איז געגאַנגען אין אַ „שקאָלע" און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ געבילדעטן, האָבן מיר אויסגעקליבן פאַר דעם סופלאָר — און איך, אַ ייִנגל פון אַ יאָר 15, בין, פאַרשטייט זיך, געווען דער רעזשיסאָר — דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל אין מיין לעבן.

אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג זענען מיר פיקס־און־פאַרטיק געווען צו שפּילן „טריאַטער". ס'זענען געקומען אויך שכנים פון אַנדערע הייזער

אויף גענשע-גאַס און זיי האָט מען גערעכנט טייערער פאַר אַ בילעט, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ ווייס שטיקל פּאַפּיר מיט אַ נומער דערויף.

ס'איז שוין איינמאָל געווען אַ שפּיל! די „אַקטיאָרן" האָבן געשפּילט נאַטירלעך, עכט-רעאַליסטיש, ווייל יעדער איז געווען אין זיין אמתער ראָלע. די ראָל פון דער פּראָסטיטוטקע האָט געשפּילט אַ גוט-דערפאַרענע פּראָסטיטוטקע, וואָס איז נאָך דער שפּיל אַרויס אין גאַס — נאָך קונים...

ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך פּאַאולאַן אויסגעזאָגט דעם סוד וועגן דעם טעאַטער, וואָס איך האָב ביי אונדז אין הויף געמאַכט מיט איר פּיעסע „איינע פון יענע". זי האָט מיר מוחל געווען און לאַכנדיק געזאָגט:

— נאָך גוט, וואָס ד"ר מוקדוני איז דאָרט נישט געווען!

וואָרום ד"ר מוקדוני איז ביי איר געווען אַ שוואַכער פּונקט. ד"ר מוקדוני האָט שטענדיק אַראָפּגעריסן אירע פּיעסן...

***

איך בין געווען דער איינציקער פּאַרפאַסער פון לידער אויף צייט-טעמעס און היימישע, לאָקאַלע פּאַסירונגען. איידער אין פּוילן איז אַנט-שטאַנען אַ יידישע פּרעסע — און אויך אין די ערשטע יאָרן פון דער יידישער פּרעסע דאָרט — זענען נייעסן, סיי לאָקאַלע, סיי וועלטלעכע, פאַרשפּרייט געוואָרן דורך לידער, איבערהויפּט בדחנישע. די מיינסטע פאַבריצירער פון אַט-דעם סאָרט „פּאָעזיע" זענען טאַקע געווען פּראָ-פעסיאָנעלע בדחנים, אָדער „מאַרשעליקעס". אויך דאָס פאָלק האָט גע-שאַפן נייעס-לידער. ווי נאָר עס האָט עפּעס פּאַסירט, איז ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן אַ ליד, וואָס פּראָפעסיאָנעלע בעטלערס און קאַטער-רינקע-שפּילערס האָבן באַלד געזונגען אין די גאַסן און אין די הייף.

דער פּאָפּולערסטער לידער-פאַרפאַסער פון די בדחנים איז געווען משה שלייפשטיין, אָדער משה ליאַלקע-מאַכער, ווי דער עולם האָט אים גערופן, מחמת דער באַרימטער בדחן האָט געהאַט אַ זייטיקע פּרנסה — ליאַלקע-מאַכעריי. ווי אַ יונג ייִנגל, וואָס האָט שוין געחלומט צו ווערן אַ שרייבער —, און טאַקע אונטערגעשריבן — האָב איך שטאַרק מקנא

געווען משה שליפּשטיין און געוואָלט כאַפּן אַ קוק אויף אים. בין איך אַוועק אין הויז, וווּ ער האָט געוווינט — אויף פראַנציסקאַנער גאַס, נומ. 21 — אויפן אונטערשטן גאָרן, מיטן פענצטער אין הויף אַריין און געזען ווי דער „מאַרשעליק" זיצט ביים פענצטער מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ און — מאַכט ליאַלקעס.

דער קאַטערינקע-שפּילער, מיין ערשטער „רעדאַקטאָר", האָט פּאָפּולער געמאַכט מיינע לידער צווישן עולם. איך בין, הייסט עס, געווען איינער פון די אומבאַקאַנטע, נאָמענלאָזע לידער-פאַרפאַסער. איך האָב גרויס הנאה געהאַט צו הערן ווי מען זינגט מיינע לידער און די לידער פון אַנדערע אומבאַקאַנטע מחברים. ווען אין בערקע ברענערס מעבלעשער שוסטער-פאַבריק האָט אויסגעבראָכן אַ שטרייק, האָט באַלד אַזאַ אומבאַקאַנטער מחבר אָנגעשריבן אַ „געזאַנג" וועגן דעם. אַ טייל דערפון איז מיר געבליבן אין זכרון. עס איז אַזוי געגאַנגען:

אפשר ווילט עץ וויסן
וואָס ס'האָט זיך אין וואַרשע פאַרלאָפן:
ביי בערקע ברענער אין דער פאַבריק
האָט זיך אַן אומגליק געטראָפן.
פּוצערס און קלאַפּערס —
זיי האָבן געמאַכט איין האַנט:
זיי האָבן גענומען קוויטלעך
און אָנגעקלעפּט אויף דער וואַנט.
אַזוי ווי בערקע ברענער
האָט דאָס גענומען לייענען,
האָט ער אָנגעהויבן
צו קלאָגן און צו וויינען:
זעקס קאָפּיקעס אַ פּואָ*) —
דאָס וועט עץ ניש אויספירן:
יאָך רוף אַריין פּאָליציע

---

*) אַ פּאָר.

און לאָז ענק אַרעסטירן.
א. אז. וו.

ווען אייגענע אָפּיצירן האָבן דערמאָרדעט דאָס קעניגלעכע פּאָר פון סערביע, אַלעקסאַנדער און דראַגא, האָט משה שלייפשטיין פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע מגילה, אַ קלאָג־ליד אויף זייער טויט. דאָס קלאָג־ליד, וואָס איז, ווי משה ליאַלקע־מאַכערס אַלע „פאַרפאַסונגען", געדרוקט געוואָרן ווי אַ בראָשור, דריי קאָפּיקעס אַ שטיק, איז געווען צו זינגען און צו זאָגן און פרומע יידישע ווייבער און יידן, בחורים און מיידלעך, האָבן טייכן טרערן פאַרגאָסן איבער דער טראַגעדיע אין סערבישן קעניגלעכן הויף... טאַקע פון דעם־אָ קלאָג־ליד האָבן טויזנטער פּוילישע יידן זיך דערוווּסט די נייעס וועגן אַלעקסאַנדער און דראַגא, וואָס זייערע נעמען האָבן זיי צום ערשטן מאָל געהערט. אַזוי זענען אַנדערע אַזעלכע לידער וועגן געשעענישן אין דער גרויסער וועלט געווען אַ מין טעלעגראַפן־אַגענטור פאַר יענע פאָלקס־שיכטן, וואָס האָבן נישט געלייענט קיין רוסישע, פּוילישע, אָדער העברע־אישע צייטונגען, אויך אין די ערשטע יאָרן פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן זענען נאָך אַזעלכע „געזאַנגען" געווען אין דער מאָדע.

מיין אייגענער גרעסטער „דערפאָלג", ווי מ׳זאָגט עס אין אַמערי־קאַנער יידיש, איז געווען אַ קלאָג־ליד אויף דעם שאַכער (הענדלער פון אַלטוואַרג), וואָס איז ביי אונדז אין הויף געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין אַ פינצטערער קעלער־שטוב און וואָס איך האָב דערמאָנט אין אַ פּריע־ריק קאַפּיטל. איך בין אַלט געווען אַ יאָר 11, אָדער 12, ווען איך האָב די שאַכער־עלעגיע פאַרפאַסט און מיין „קאַטאַריניאַזש" האָט עס באַלד פּאָפּולער געמאַכט אין די אָרימע וואַרשעווער הייף. מיר געדענקען זיך עטלעכע פערזן:

דער אָרימער שאכער
איז אין קעלער געשטאָרבן —
פון הונגער און שווינדזוכט
געפאַלן איז ער אַ קרבן.

ווען ס'שטאַרבט אַ נגיד,
טוען אַלע וויינען און קלאָגן
און גרויסע שבחים
טוט מען אויף אים נאָכזאָגן.

אָבער אויף אַן אָרימען שאַכער
ווער וועט טוען וויינען און טרויערן? —
אפשר וויינען די שטיינער
און עס טוען אפשר קלאָגן די מויערן.

אפילו „סאָציאַלע קאַמפן" פלעגן געפירט ווערן זינגענדיק. נאָך דער טרויעריק-באַרימטער צאַרישער קאָנסטיטוציע פון 1905, ווען די פינצ-טערע רעאַקציע האָט זיך צעבושעוועט, האָבן יידישע גאַסן־יונגען און אויך באַלעבאַטישע יונגעלייטלעך געזונגען: „ששו ושמחו בשמחת תורה — מ'האָט שוין פאַר די סטרייקערס נישט קיין מורא". אַרבעטער פלעגן זיך אויף די זינגער פון אָט-דעם צינישן לידל אַרויפוואַרפן און ס'פלעגן צוליב דעם כסדר פאָרקומען געשלעגן אין די גאַסן.

אַ שטיק צייט איז דאָס פּאָפּולערסטע ליד אין וואַרשע געווען וועגן ברוך שולמאַן. שולמאַן איז פריער געווען אַ הפקר-יונג, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן אַ בעל-תשובה, האָט זיך אויסגעלערנט שוסטעריי און צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווי אויסצוקויפן זיינע פריערדיקע זינד האָט ער גענומען אויף זיך אויסצופירן אַ טעראָריסטישן אַקט און ער האָט געוואָרפן אַ באָמבע אויף דעם צאַרישן פּריסטאַוו קאָנסטאַנטינאָוו, וואָס פלעגט זיך באָדן אין אַרבעטער-בלוט. די באָמבע האָט דעם צאַרישן באַנדיט צעריסן אויף שטיקער. ווען די זשאַנדאַרן האָבן זיך געיאָגט נאָך דעם אַטענטאַטאָר, האָט שולמאַן אַרויסגעכאַפּט אַ רע-וואָלווער און זיך אַליין דערשאָסן. דער מאַרטירער שולמאַן, וואָס ער איז דער וואַרשעווער הירש לעקערט, איז דערנאָך פּשוט פאַרהייליקט געוואָרן פון די וואַרשעווער יידן, נישט נאָר פון אַרבעטער, און מ'האָט אויף זיין קבר אויפגעשטעלט אַ קינסטלערישן מאָנומענט. אַרבעטער פלעגן יעדן

יאָרצייט דאָרט קומען אויף קבר-אבות, לייגן בלומען און זינגען רעוואָלוּ-
ציאָנערע לידער.

דאָס ליד, וואָס אַן אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער האָט דערין באַזונגען
דעם העלד און מאַרטירער, ברוך שולמאַן, איז יאָרן-לאַנג געזונגען גע-
וואָרן פון יונג און אַלט. איך האָב אַמאָל געהערט ווי אַ פרומע יידענע
אין אַ שייטל האָט געזונגען דאָס שולמאַן-ליד, אָבער אנשטאָט ברוך שול-
מאַן האָט זי כסדר געזאָגט: ברוך שאמר...

אין מיינע קינדער-יאָרן האָב איך געהערט מיין מאַמען — און אַנ-
דערע מאַמעס — זינגען אַ טרויעריק ליד וועגן אַ טראַגעדיע, וואָס איז
אַמאָל, אין אַ פורים צו דער מגילה, פאָרגעקומען אין דער „דייטשער שול"
אין וואַרשע, ווען גנבים האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי: „ס'ברענט!", כדי
אין דער בהלה צו קענען באַרויבן דעם עולם. אין דער שטופעניש זענען
עטלעכע מאַנסבילן און ווייבער צעטרעטן געוואָרן — און אַ סך יאָרן
נאָכדעם האָבן יידישע ווייבער געוויינט אויף דעם אומגליק, זינגענדיק
דאָס ליד, וואָס האָט געהאַט אַזאַ רעפריין:

> פאַרשטערט איז געוואָרן די גערילע (גדולה)
> און אַלץ צוליב דער הייליקער מגילה.

אין יענע יאָרן איז אויך זייער פּאָפּולער געווען אַ ליד, וואָס טאַקע
דער דערמאָנטער משה שלייפשטיין האָט פאַרפאַסט, וועגן אַ יידישן ביוּ-
ראַליסט, פייגעלעס, וואָס צוויי חברים, אַ ייד און אַ קריסט, האָבן אים
פאַרנאַרט, ווען ער האָט מיט זיך געהאַט אַ גרויסע סומע געלט פון דעם
געשעפט, ווו ער איז געווען אָנגעשטעלט, אים דערהרגעט און דאָס געלט
צוגערויבט. פון דער פאַסירונג האָבן „אונטערהאַלטערס" — אָדער „שפּי-
לערס" — אויף שמחות אויך געמאַכט אַ מין אַקט, ווי איך דערצייל דאָס
אין אַ פריערדיק קאַפּיטל. פון דעם ליד זענען מיר געבליבן אין זכרון די
דאָזיקע שורות:

> פאַריאָמערט און פאַרקלאָגט,
> פון דער וועלט פאַריאָגט,

פייגעלעס, דער געלערנטער קאָנטאָרזשיסט*)
צוויי שקולנע קאָלעגעס**)
די מערדערס, די שפּיעגעס***) —
גזלנים, אַ ייִד און אַ קריסט.
זיי האָבן זיך באַשטעלט,
אים אויסצונאַרן דאָס געלט
און אים פון דער וועלט אומצוברענגען.

מיט דער גרויסער פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה און צווישן די צוויי וועלט-מלחמות, ווען די גרויסע יידישע מאַסן האָבן שוין געקענט שטילן זייער דורשט נאָך נייעס אין צייטונגס-בלאַט, זענען ביסלעכווייז אונטערגע-גאַנגען אָט די נייעס-לידער, די אייגנאַרטיקע שאַפונגען פון בדחנים און אומבאַקאַנטע פאָלקס-מענטשן.

*) ביוראָ-אנגעשטעלטער.
**) שול-חברים.
***) שפּיאָנען.

XVI

אין קראָקע

ענדלעך איז מיין חלום וועגן אויסלאַנד מקוים געוואָרן. ס'איז 1908, ווען אין דער יידישער קולטור-וועלט איז אַלץ גרייט צו דער יידיש־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. אין קראָקע, ווו איך קום-אָן מיט אַ קליין פּעקעלע מיט עטלעכע העמדער און עטלעכע מאַנוסקריפּטן, דערפאַר אָבער מיט ליידיקע קעשענעס — איז אַן אויפריר, דאָס הייסט: נישט אין די גאַסן, ווו דאָס לעבן איז געמיטלעך, רואיק, אין היפּוך צום טומלדיקן וואַרשע, נאָר אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ. מיין ערשטן באַזוך מאַך איך, נאַטירלעך, ביי אברהם רייזענען. דורך אים באַקען איך זיך מיט אַנדערע יידישע שריפטשטעלער און פאָלקס־אינטעליגענטן. מען היצט זיך וועגן דער נאָענטער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשער-נאָוויץ.

אָט-דאָס איז אויסלאַנד, פון וואָס איך האָב אַזוי געחלומט! קראָקע איז נאָך דעמאָלט אַ טייל פון דער עסטרייכישער אימפּעריע. אויפן טראָן זיצט דער אימפּעראַטאָר פראַנץ יאָזעף — און די יידן אין גאַליציע רעדן וועגן אים מיט ליבע. זיי ווערן אין כעס, ווען צוגערייזטע יידן פון רוס-לאַנד — און פאַר רוסלאַנד איז דעמאָלט פאַררעכנט געווען אויך וואַרשע — דערלויבן זיך אַ שפּאַס און רופן זייער קייזער „פראָיעם־יאָסל".

קראָקע איז פרום־יידיש און די יוגנט איז ראָמאַנטיש־פאַרחלומט. אין אָנהייב מיין איך אויף יעדן ייד אין א שטריימל, אַז דאָס איז א רב, אָבער איך ווער באַלד געוווּר, אַז דאָס איז דער געוועגלעכער הילוך פון די פרומע יידן אין גאַליציע, ווי אין רוסיש־פוילן די קיילעכדיקע היטעלעך.

זעכצן יאָר בין איך דאַן אַלט געווען. צו זעכצן יאָר אין יענער צייט, אין פוילן־רוסלאַנד, האָט מען זיך שוין געפילט א גאַנצער מאַן, באַלאָדן מיט זאָרגן, פּאָליטישע טעטיקייט, קאַמף. מיר פילן טאַקע ווי זעכצןיאָריקע, אָבער מיר טראַכטן ווי מיטליאָריקע און פירן זיך אויף ווי אַזעלכע. מיין ערשטער פריינט אין קראָקע איז יוסף הלל לעווי, א יונגער פּאָעט, אין מיינע יאָרן, א שטילער, א שעמעוודיקער. פאַר אים בין איך שוין א קלאַסיקער. ער קאָן מיינע לידער פון אויסנווייניק. ער ווייזט מיר זיינע לידער, ראָמאַנטיש־סענטימענטאַל. פירט מיך אין דער „עזרה" ביבליאָטעק, וווּ ער באַקענט מיך מיט יעקב קענערן, דעם יוגנטלעכן פירער און טעאַטראַל און אַנדערע חברים.

אין קראָקע ציטערט דאָס עכאָ פון פרייהייטס־קאַמף אויף יענער זייט גרענעץ — אין רוסלאַנד. די שטאָט איז פול מיט אַנטלאָפענע פּ אָ ל י־ט י ש ע. אברהם רייזען, וואָס גיט דעמאָלט אַרויס (אין די יאָרן 1908-1909) די מאָנאַט־שריפט „קונסט און לעבן", איז דער צענטער. מיר האָבן אים אַלע ליב. מיר פאַרזאַמלען זיך אין זיין ציכטיקן צימער אויף גראָדסקע גאַס. צוויי שיינע יידישע טעכטער, פּאָליטיש־אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד, קאָכן פאַר אונדז יאַיכלעך. מיר שפּאַצירן אויף די „פּלאַנטן", חלומען דאָרט אין די שיינע זומער־נעכט וועגן א נייער וועלט, יידישע ליטעראַטור, וועלט־פאַרברודערונג.

יוסף הלל לעווי פירט מיך אריין אין רעדאַקציע פון „סאָציאַל־דעמאָקראַט", וווּהין אברהם רייזען האָט מיך שוין רעקאָמענדירט און וווּ איך דרוק דערנאָך לידער — קעמפעריש, רעוואָלוציאָנערע. און ער האָט גוואַלטיק הנאה דערפון. און ווען רייזען דרוקט אָפּ מיינס א ליד אין „קונסט און לעבן", קאָן ער עס באַלד פון אויסנווייניק. דערפאַר שיק איך לעווים לידער קיין וואַרשע, צו דער „ראָמאַן־צייטונג" און צו אַנדערע

ווארשעווער זשורנאלן, באגלייט פון מיינע באגייסטערטע בריוו. אן איי-דעלער, א פארחלומטער, קוקט ער מיר מיט טיפער פריינטשאפט אין די אויגן אריין און מיר פלאטערן ביידע איבער די קראקעווער גאסן אין אונדזערע שווארצע פעלערינעס.

אין קראקע ווערט לעבעדיק. מארים ראזענפעלד קומט אן, נאכדעם ווי ער אנטלויפט פון דער טשערנאוויצער קאנפערענץ, צוליב א ברוגז מיט פרצן. מיר טרעפן זיך מיט אים ביי רייזענען אין דירה. נאך דער קאנפערענץ קומען-אן פרץ און שלום אש — און דאס יידישע קראקע, גאליציע בכלל, איז אויפגערודערט, יידיש-צעקאכט. אפילו פרומע יידן אין בעקעשעס פרייען זיך מיט די געסט. און יוסף הלל לעווי און יעקב קענער, די תושבים, די „באלעבאטים" פון קראקע, פילן זיך געהויבן, יום-טובדיק און זיי האוון, די געסט צו מאכן פילן וואס היימישער.

***

דער צענטער פון דער יידישער אינטעליגענץ אין קראקע, איז דער „פרעמדער", דער צוגערייזטער ליטוואק — אברהם רייזען. ער איז ארומגערינגלט מיט ליבע און פון זיין פערזענלעכקייט גייט א שטראם פון ליבע פאר אלעמען, איבערהויפט פאר שעפערישע יונגעלייט. ער איז שטענדיק גרייט אלעמען צו העלפן — מיט א גוט ווארט און מיט געלט, אויב נאר ער האט עס.

ס'איז פאר מיר א גרויסע פרייד, וואס רייזען געפינט זיך אין קראקע. צוליב אים פיל איך זיך היימיש דא, און יעדן טאג זע איך אים, אדער אין זיין דירה, אדער ביי פישערן אין דרוקעריי.

איז דאך אברהם רייזען געיעזן דער ערשטער, וואס האט מיך דערמוטיקט אין קארטלעך און אין בריוו, כאטש די ערשטע מיך צו דרוקן זענען געווען ה. ד. נאמבערג, ווען ער איז געווען דער פאקטישער רעדאקטאר פון מ. קרינסקים „ראמאנצייטונג", און י. ל. פרץ אין זאמלבוך „יידיש".

און ווען איך בין אין 1908 געקומען קיין קראקע, ווו רייזען האט דעמאלט ארויסגעגעבן די מאנאטשריפט „קונסט און לעבן", האט ער

תיכף אָנגעהויבן שמאַיען, מיך ווי עס איז איינצואָרדענען. געגעבן מיר אַ בריוו צו דעם קראָקעווער ראַבינער, ד"ר טהאָן, זיך משתדל געווען אין דער רעדאַקציע פון דער וואָכנשריפט „דער סאָציאַל דעמאָקראַט", אַז מען זאָל מיך דאָרט דרוקן — און רייזענס וואָרט האָט אומעטום השפּעה. ס'האָבן אים ליב דער קאָנסערוואַטיווער ראַבינער ד"ר טהאָן און דער רעדאַקטאָר פון „סאָציאַל-דעמאָקראַט" און בכלל אַלע, וואָס קענען אים.

ליבע ווערט אָפּגעצאָלט מיט ליבע — יעדנפאַלס איז עס אַזוי אין שייכות צו אברהם רייזענען.

דער ליטוואַק רייזען ווערט, ווי געזאָגט, דער צענטער פון דער יידישער אינטעליגענץ אין גאַליציע. אַלע דרייען זיך אַרום אים, אפילו אַסימילירטע יוגנט. רייזען וואַרעמט זיי אָן מיט יידיש, מיט יידישקייט.

פּאָליטיש אַרויסגעשיקטע פון רוסלאַנד און יידישע שרייבערס, סיי אָרטיקע, סיי אָנגעקומענע, יונגע און אַלטע — אַלע וואַרעמען זיך אַרום אברהם רייזענען. פון די אָרטיקע שרייבערס געפינען זיך דעמאָלט אין קראָקע ש. י. אימבער, מ. ערליך (יושר), דער קאָרעספּאָנדענט פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס"; נ. מיפעלעוו (אַ רוסישער, וואָס איז געוואָרן אַ תושב אין גאַליציע), דער אָנפאַנגער יוסף הלל לעווי, יעקב קענער און אַנדערע, וואָס זייערע נעמען האָב איך פאַרגעסן. שפּעטער קומט־אָן אברהם וועוויורקע.

שפּעטער, ווען מאָריס ראָזענפעלד קומט קיין קראָקע, נאָכדעם ווי ער האָט צוליב אַ ברוגז מיט פּרצן, פאַרלאָזט די יידיש-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, איז ער אַ גאַסט אין דער דאָזיקער וואַרעמער נעסט. רייזען שטעלט מיך פאָר פאַרן גרויסן אַמעריקאַנער גאַסט און איז אים מכבד מיט מיינס אַ ליד, וואָס איז דעמאָלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קונסט און לעבן". אַז ראָזענפעלד לויבט דאָס ליד, שטראַלט רייזען פון נחת, ווי ער וואָלט געווען געלויבט זיינס אַ ליד.

ווען רייזען שפּאַצירט איבער די שיינע קראָקעווער „פּלאַנטן", שאַרט מען זיך צו אים צו פון אַלע זייטן, דער עיקר יונגוואַרג — און מיט וויפל ליבע קוקט מען אים אין די אויגן אַריין און מען הערט זיך צו צו זיין יעדן וואָרט! דאָס אייגענע געשעט, ווען רייזען באַווייזט זיך אין דער

ביבליאָטעק „עזרא". ס'ווערט אַן אויפריר: אַפּילו העברעאיסטן, וואָס האָבן שאַרפע טענות צו אים פאַר זיין יידישיזם, באַציִען זיך צו אים מיט ליבשאַפט.

פונקט אַזאַ וואַרעמקייט און ליבע צו רייזענען האָב איך דערנאָך אָנגעטראָפן אין ווין — אויף דעם באַרימטן אַדרעס: טירקענשטראַסע נו־מער 9, וווּ ס'האָט זיך געפונען די ביבליאָטעק און די רעדאַקציע פון דער דייטש־יידישער ציוניסטישער וואָכנשריפט „יודישע צייטונג".

דאָרט, וווּ ס'האָט נאָך געשוועבט דער גייסט פון ד"ר הערצל, וואָס זיין הויפּט־קוואַרטיר איז טאַקע געווען אויף טירקענשטראַסע נומער 9 — האָט מען מיך, דעם יונגן פּוילישן בחור'ל, אויפגענומען מיט אַ באַ־זונדערער צערטלעכקייט צוליב דעם „זכות אבות" פון אברהם רייזענען.

***

אין עטלעכע חדשים אַרום לאָז איך זיך קיין ווין. ס'איז שווער זיך צו שיידן מיט קראָקע, וואָס איך האָב אַזוי ליב געקריגן, מיט די נייע חברים, באַזונדערס מיט לעווין. איך זע טרערן אין זיינע אויגן. ער בעט מיך, אַז אויפן וועג צוריק פון ווין קיין וואַרשע, זאָל איך זיך ווידער אָפּ־שטעלן אין קראָקע. דאָס געשעט טאַקע בקרוב, נאָכדעם ווי איך הונגער אין ווין שיינע עטלעכע וואָכן — הונגער נאָך ברויט און הונגער נאָך וואַרשע. די בריוו, וואָס איך קריג פון דאָרט פון אַזעלכע טייערע יוגנט־חברים ווי יהושע פּערלע, מאַרק שווייד און פון אַ פּאָר מיידלעך ראַיען־אויף אַ בענקשאַפט. אָבער ווי אַזוי פאָרט מען צוריק, אַז אַוועק פון וואַר־שע בין איך אָן וועלכן ס'איז דאָקומענט? יוסף הלל לעווי נעמט אַרויס אַ פּאַס אויף זיין נאָמען — און מיט זיין פּאַס גיי איך אַריבער די רוסישע גרענעץ, ווי אַן עסטרייכישער בירגער און איך „שפּרעך" צום רוסישן באַאַמטן — דייטש...

***

„יאָרן ציִען, יאָרן פליִען", ווי עס זינגט זיך אין באַקאַנטן יידישן פאָלקס־ליד. עטלעכע יאָר שרייבן מיר זיך איבער, לעווי שיקט מיר זיינע

לידער און איך אים — מיינע. ער דרוקט מיך אין קראָקע, אין לעמבערג, איך אים — אין וואַרשע, אין ווילנע. נאָר ביסלעכווייז ווערט דער קאָנטאַקט איבערגעהאַקט. איך טראָג זיך אָפּ קיין אַמעריקע. ער באַזעצט זיך אין מינכען. פון צייט צו צייט אַ בריוול — און ווידער שטיל.

סוף זומער 1939, האַרט פאַר דעם אויסברוך פון דער איצטיקער וועלט־מלחמה, געפינען איך זיך אין לאָנדאָן. איך זיץ מיט מאָריס מייערן אין רעדאַקציע פון זיין צייטונג „די צייט" — און איך האָב צוויי איבער־ראַשונגען: א. מ. פוקס, דער גרויסאַרטיקער, קרעפּטיקער דערציילער, וואַקסט פאַר מיר אויס — נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר נישט זען זיך, און מיר פאַלן זיך אויפן האַלדז. באַלד נאָך אים — יוסף הלל לעווי. אַזוי אומגעריכט, אַזוי אומדערוואַרט — זינט 1908 אין קראָקע.

מיר שפּאַצירן שפּעטער איבער ווייטשעפּל און לעווי דערציילט מיר וועגן זיינע ליטעראַרישע פּלענער. עס פרייט אים שטאַרק, וואָס איך געדענק זיינע ביז דאַן דערשינענע לידער־ביכער: „יוגנט־וועלטן", „דאָס אַלטע ליד", „פרומע געזאַנגען", „אַלטע און נייע לידער" און „אונטערן שווערד". ער לייענט פאַר מיר זיינע נייע לידער וועגן קאָנצענטראַציע־לאַגערן, טורמעס, מאַרטירער — און ס'שווינדערט און גרוילט. זיין קול פאַרהאַקט זיך. די לידער ברענגען אים צוריק די דורכגעמאַכטע שווערע יסורים אין די הענט פון די נאַצישע מערדער.

ווידער געזעגענען מיר זיך, ווי אַמאָל אין קראָקע. איך פאָר פון לאָנדאָן מיט אַ שיף קיין גדיניע. ס'שטייט נאָך פאַר מיר אַ ווייטער וועג. די מלחמה פאַרכאַפּט מיך שפּעטער אין פּאַריז. איך קום צוריק קיין אַמעריקע — און ס'וואַרט שוין אין ניו־יאָרק אויף מיר אַ בריוול פון יוסף לעווי, אַזוי האַרציק ווי ער איז. און מיט אַ צייט צוריק קומט מיר אָן אַ דיק בוך פון אים — די פּאָעמע „קראָקע". דער פּאָעט לעבט פאַר מיר צוריק אויף דאָס אַמאָליקע קראָקע, די יוגנט־יאָרן, אַ וווּנדערלעכע צייט. פאַר מיר איז עס נישט, קאָן עס נישט זיין בלויז ליטעראַטור — עס איז פאַר מיר אַ שטיק לעבן. אַ דאַנק דיר, ליבער חבר אין ענגלאַנד!

XVII

באַגעגענישן אין ווין

איך בין אָנגעקומען קיין ווין — דעמאָלט די קרוינשטאָט פון דער עסטרייך-אונגאַרישער אימפּעריע — אין אַ זומערדיקן אינדערפרי, אַרום זעקס אַזייגער. מיין גאַנצער באַגאַזש האָט זיך געפונען אין אַ קליין פּעקעלע, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל. אין דער הויזן-קעשענע האָט זיך געוואַלגערט אַ פאַרמעגן פון צוויי קראָנען. אָבער מיין גאַנצע האָפענונג האָב איך געלייגט אויף דעם אוצר אין מיין בוזעם-קעשענע — אַן אוצר פון צוויי רעקאָמענדאַציע-בריוו, וואָס איך האָב מיט זיך געפירט פון קראָקע, ווו איך האָב פאַרבראַכט אַ שטיק צייט. איין בריוו איז געווען פון אברהם רייזענען, וואָס ער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אין קראָקע די מאָנאַט-שריפט „קונסט און לעבן"; דער דאָזיקער בריוו איז אַדרעסירט געווען צום רעדאַקטאָר פון דעם אָפיציעלן ציוניסטישן אָרגאַן „יודישע צייטונג" (אין דייטש) און די רעדאַקציע האָט זיך געפונען טאַקע אויף דעם באַרימטן אַדרעס: נומער 9 טירקענשטראַסע, ד"ר הערצלס הויפּט-קוואַרטיר. דער צווייטער בריוו איז געווען פון דעם קראָקעווער ראַבינער, ד"ר טהאָן, אַדרעסירט „צו יעדן פאַראינטערעסירטן"...

ס'איז נאָך געווען צו-פרי ערגעץ צו גיין, האָב איך זיך באַקוועם אוועקגעזעצט אין וואָקזאַל, אַרויסגענומען אַ ביכל פון שלום אַש — איך

בין נישט זיכער, צי ס׳איז געווען „דאָס שטעטל״, צי „אין שלעכטע צייטן״ — און זיך דערין פאַרטיפט. פלוצים האָב איך מיט איין אויג באַמערקט ווי אַ הויכער, ברייט-פּלייציקער פאַרשוין, אין אַ שרייענדיקן אוניפאָרם, באַהאַנגען מיט אַלערליי בענדער און פראַנזן, דרייט זיך אַרום מיר, ווי צו הקפות. מיר האָט ער אויסגעזען ווי אַ זשאַנדאַרם און דאָס האַרץ איז מיר איינגעפאַלן. האָב איך דאָך פון רוסיש-פּוילן „געשוואַרצט״ די גרענעץ און נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטן — און וואָס אַ מענטש אָן אַ פּאַספּאָרט האָט געפילט אין צאַרישן רוסלאַנד, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ זשאַנדאַר, איז איבעריק צו דערציילן. אמת, דאָ איז „אויסלאַנד״, עסטרייך, ווין. אָבער — ווער ווייס! אָט דרייט זיך טאַקע דער זשאַנדאַרם אַרום מיר, איז ער דאָך מסתמא קיין גוטס נישט אויסן...

איך האָב כלומרשט ווייטער געלייענט, ווי נישט מיך מיינט מען, אָבער מיט איין אויג און אַ ציטערדיק האַרץ האָב איך נאָכגעפאָלגט דעם אוניפאָרמירטן פאַרשוינס יעדע באַוועגונג. מיטאַמאָל איז דער פאַרשוין שטיין געבליבן פאַר מיר אין זיין גאַנצער גרויס — און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: פאַרפאַלן! אָבער איידער איך האָב צייט געהאַט ווייטער צו טראַכטן, האָט דער „זשאַנדאַר״ ממש אַ קרעכץ געטאָן: „אַך, שלום אש! שלום אש! אַ טאַיעראַ שראַאַבער!״ — אָט אַזוי, אין אַ גאַליציאַנער יידיש. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָרנישט קיין זשאַנדאַר, נאָר אַן אָנגעשטעלטער אויפן וואָקזאַל. קומען קומט ער פון פּשעמישל, אָבער ער איז אַ שטיק צייט אויך געווען אין לעמבערג און אין קראָקע, איידער ער איז אַוועק קיין ווין — און ער איז גוט באַהאַוונט אין דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור.

אַרום 10 אַזייגער בין איך אַוועק צום רעדאַקטאָר פון דער „יודישער צייטונג״, אויף זיין פּריוואַט אַדרעס: ביליץ-גאַסע נומער 11. שפּעטער האָב איך זיך געלאָזט מאַרשירן איבער די ווינער גאַסן. מיין געדאַנק איז אָבער געווען פאַרנומען מיטן „פּראַטער״. אַזוי פיל זיך אָנגעהערט וועגן דעם ווינער פּראַטער, דעם גרויסן אַמוזירונגס-פּאַרק, אַז איך האָב זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפן אָוונט, ווען דאָס אמתע לעבן הייבט זיך דאָרט אָן, און באַשלאָסן אָט-שוין, אין מיטן טאָג, מיין ערשטן טאָג

אין ווין, זיך צו באַקענען מיטן פּראַטער. איך האָב זיך דערפרעגט אַהין, אַרום אַ שעה צייט אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן פּאַרק, אַלץ מיט גרויס נייגיריקייט באַטראַכט און דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. אפשר האָט מיך צו דער באַנק געצויגן די מידקייט נאָך אַ נאַכט פאָרן אָן אַ טראָפּן שלאָף און נאָכן אַרומשלעפּן זיך איבער ווין און איבערן פּאַרק. און אפשר האָט מיך צו דער באַנק געצויגן דאָס פּרעכטיקע מיידל מיט די רויטלעכע האָר, וואָס איז דאָרט געזעסן און געוואָרפן ברעקלעך ברויט די טויבן.

איך בין געזעסן און זיך צוגעקוקט ווי דאָס מיידל, וואָס האָט אויסגעזען אין מיין עלטער: אַרום 16 יאָר, וואַרפט די ברעקלעך, צו דער פרייד, וואָס האָט דערביי געשפּילט אויף איר בלאַסלעכן פּנים, און איך האָב מקנא געווען די טויבן, וואָס דרייען זיך אַרום אירע שיין-געטאָקטע פיס און וואָס קריגן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און ליבע פון איר. זי האָט עטלעכע מאָל אַ קוק געטאָן אויף מיר, אָבער באַלד צוריקגעכאַפּט די לויטער־בלאָע אויגן און האַסטיקער אָנגעהויבן צו וואַרפן די ברעקלעך. מיינע בליקן האָבן זי, ווייזט אויס, באַאומרואיקט, נערוועז געמאַכט. וועלנדיק זיך באַקענען מיט איר, האָב איך אָנגעהויבן רעדן צו די טויבן. פון מיין מויל האָבן זיך געריסן אַלערליי צערטלעכע אויסדריקן. זי האָט אונטערגעשמייכלט און פּלוצים האָט זי צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— אַן אויסלענדער?

— יאָ.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג און מיר זענען געוואָרן ווי אַלטע באַקאַנטע. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין מיין דייטש, וואָס איז געווען מער יידיש ווי דייטש, כאָטש איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אַ גאַנץ היפּשע באַקאַנטשאַפט מיט דער דייטשישער ליטעראַטור און טעאָרעטיש האָב איך די דייטשישע שפּראַך באַהערשט בעסער, ווי פּראַקטיש. איך האָב דעריבער בעסער פאַרשטאַנען, וואָס זי, דאָס צאַרטע ווינער מיידל, האָט צו מיר גערעדט, ווי זי מיך. אָבער זי האָט מיר געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז זי פאַרשטייט מיך אויסגעצייכנט און אַז מיין דייטש איז גאָר-גאָר גוט...

איך האָב פון איר אויסגעפונען, אַז איר נאָמען איז אַלמאַ, אַז אירע עלטערן זענען פרומע קאַטאָליקן און שטערן איר אין אירע אַמביציעס. וואָס זענען אירע אַמביציעס? עס ציט זי צו דער בינע און זי שרייבט לידער. איז מילא די לידער ווי די לידער — איר טאַטע-מאַמע האַלטן סתם נישט פון זיי. אָבער — די בינע: זיי וועלן קיינמאָל נישט דערלאָזן, אַז זייער טאָכטער זאָל ווערן אַן אַקטריסע, סיי צוליב קאַטויילישער פרומקייט, סיי צוליב דער זאָרג וועגן איר — ווייל זי, אַלמאַ, איז אַ קרענקלעכע, זינט זי איז געבוירן געוואָרן. דאָקטוירים זאָגן, אַז אירע לונגען זענען נישט אין אָרדענונג. זי האָט דאָס איבערגענומען פון איר מאַמען, דערפאַר האָט איר מאַמע געהאַט נישט מער ווי איין קינד — אַלמאַן.

איך האָב געדאַרפט צוריקגיין צום רעדאַקטאָר פון דער „יודישע ציימונג”, וועלכער האָט מיך איינגעלאַדן צו קומען אַרום 12 אויף אַיבערביסן. אויך זי האָט שוין געדאַרפט אַהיים גיין צו איר קלאַוויר-לעקציע. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו באַגעגענען זיך 6 פאַרנאַכט אויף דעם זעלביקן אָרט.

מיר זענען ביידע געקומען פּינקטלעך אין צייט. נאָכדעם פלעגן מיר זיך טרעפן יעדן פאַרנאַכט. איך האָב אין ווין שטאַרק אונטערגעהונגערט. געשלאָפן בין איך אין אַ גרויסער שטוב פאַר אָרימע סטודענטן, וווהין אַ וואַרשעווער לאַנדסמאַן האָט מיך רעקאָמענדירט. אַלמאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז איך הונגער, כאָטש איך האָב עס פאַר איר געלייקנט, האָט זי מיר יעדעס מאָל געבראַכט אַ פּעקעלע עסן און מיר פלעגן זיך דערמיט אַוועקלאָזן אין פּראַטער.

איינמאָל, ווען אַלמאַ האָט מיך באַגעגנט, איז זי געווען דערשראָקן, נערוועז זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן און זי האָט קוים געקענט רעדן. זי האָט זיך ווי עס איז באַרואיקט און מיר דערציילט, אַז איר שטרענגער פאָטער האָט אויסגעפונען וועגן אונדזער ליבע און אַז איך, זיין איינציקער טאָכטערס געליבטער, בין אַ ייד... ער האָט איר אָפּגעשפּילט אַ סצענע. ער וועט קיינמאָל נישט דערלאָזן, אַז זיין טאָכטער זאָל זיך פאַרבינדן מיט אַ מאַן פון אַן אַנדער גלויבן, בפרט מיט אַ ייד... ער וועט מיך דערשיסן ווי אַ הונט! — האָט ער זי געוואָרנט, און זי האָט גע-

גלויבט, אַז איר פֿאָטער קאָן דאָס טאָן. אין אירע אויגן זענען געשטאַנען טרערן, בעת זי האָט מיר דאָס דערציילט און איר קליינער, שוואַכער קערפּער האָט געציטערט ווי אין פֿיבער.

זי האָט דעמאָלט נישט לאַנג פֿאַרבראַכט מיט מיר. זי האָט זיך גע־איילט אַהיים. מיר האָבן זיך דאָסמאָל שטאַרקער, פֿייערלעכער, ווי ווען ס'איז פֿריער, צעקושט ביים געזעגענען. אָבער מיין געווענלעכע באַמער־קונג, ביים פֿונאַנדערגיין זיך, אַז מאָרגן טרעפֿן מיר זיך ווידער, האָט זי דאָסמאָל פֿאַרשוויגן. ס'האָט זיך מיר עפּעס ווי אָפּגעריסן אין האַרץ און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך זיך געשלעפּט אַ צעפּייניקטער איבער די ווינער גאַסן.

אויף מאָרגן פֿאַרנאַכט האָט זי זיך נישט געוויזן. איך בין אָבער יעדן פֿאַרנאַכט טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך געקומען אין דער באַשטימ־טער צייט אויף דעם אָרט פֿון אונדזער ערשטער באַגעגעניש. גאַנצע טעג בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום, ווי אין עולם־התוהו, אַ פֿאַר־בענקטער נאָך אַלמאַן. איך מוז זי זען! איך מוז! כאָטש נאָך איין מאָל! די פֿיס האָבן מיך געטראָגן צום הויז, וווּ זי האָט געוווינט. איך האָב זיך פֿאַרן הויז געדרייט, אָבער די פֿענצטער פֿון איר וווינונג זענען אַרויס־געגאַנגען אין הויף אַריין, האָב איך געהאָפֿט, אַז אפשר וועט זי זיך ווייזן אויפֿן גאַס. יעדן טאָג בין איך מיט דער דאָזיקער האָפֿענונג געקומען צו יענעם הויז אויף יענער גאַס און שעה נאָך שעה געוואַרט — אָבער אומ־זיסט.

איינמאָל, אין מיטן טאָג — מיט חדשים שפּעטער — ווען איך בין אַהינגעקומען, האָב איך געזען אַ רעדל מענטשן אַרום איר הויז. באַלד איז אָנגעקומען אַ טויטן-וואָגן. איך האָב קיינעם נישט געפֿרעגט. קיינער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט — אָבער איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז זי... אַלמאַ איז טויט. מ'האָט אַרויסגעטראָגן אַ באַגילדעטע טרומנע. אַ בלאַסע פֿרוי — אַזוי ענלעך צו אַלמאַן, נאָר מיט קנייטשן איבערן אויסגעצערטן פּנים — האָט זיך געווישט די אויגן מיט אַ טיכל. אַ הויכער מאַנסביל אין אַ שוואַרצן גאַרניטור האָט זי געפֿירט אונטערן אָרעם. זיין פּנים איז געווען ווי פֿאַרשטיינערט, אָן אויסדרוק.

יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב גענדאַרפט זיך אויסקלייבן אַ פּסעוודאָנים, האָט דער נאָמען אַלמאַ זיך אוועקגעשטעלט פאַר מיינע אויגן — און געמאָנט פון מיר. אַט אַזוי איז געבוירן געוואָרן א. אַלמי.

***

מיט דעם רעדאַקטאָר פון די „יודישע ציימונג" אין ווין, וואָס צו אים האָט אברהם רייזען מיר געגעבן אַ וואַרימען רעקאָמענדאַציע־בריוו, האָט מיין „פריינטשאַפט" נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. רייזענס בריוו האָט מיך צו אים דערנענטערט און רייזענס אַ קאַרטל האָט אונדז פונאַנדער־געשיידט...

די מעשה איז אַזוי געווען:

איך האָב רייזענען געשריבן, אַז איך הונגער אין ווין און אַז איך זע נישט קיין שום אויסזיכטן פאַר זיך. רייזען האָט מיר דאַן מודיע גע־ווען, אַז אים קומט געלט פון דער „יודישער ציימונג", ווו מען האָט גע־דרוקט אַ סך זיינע דערציילונגען אין אַ דייטשישער איבערזעצונג, אָבער קיין שום האָנאָראַר האָט ער דערפאַר נישט באַקומען, זאָל איך דערפאַר אויפמאָנען דעם האָנאָראַר און דאָס געלט נעמען פאַר זיך.

אָבער ווען איך האָב דאָס געזאָגט דעם רעדאַקטאָר, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער האָט באַצאָלט דעם איבערזעצער, אַ יידישער סטודענט פון רומעניע. ער איז דעריבער רייזענען גאָרנישט שולדיק, זאָל ער מאָ־נען פון דעם איבערזעצער... איך האָב דאָס רייזענען באַלד מיטגעטיילט און דערביי אים אויך דערציילט, אַז זינט דער ערשטער פריינטלעכער אויפנאַמע, וואָס דער רעדאַקטאָר פון דער „יודישער ציימונג" האָט מיר געגעבן, אינטערעסירט ער זיך מער נישט מיט מיר, איז קאַלט ווי אייז, כאָטש ער פאַרשטייט, אַז איך הונגער.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מיר אָנגעקומען אַן אָפן קאַרטל פון אברהם רייזענען, פול מיט כעס אויפן רעדאַקטאָר. רייזען באַטאָנט אין דעם קאַרטל, אַז מיר, די מזרח־יידן, זענען די אמתע וואַרימע און האַר־ציקע מענטשן און זיי, די דייטשישע יאַהודים, זענען האַרצלאָז, קאַלט

און גלייכגילטיק. אזוי שטארק איז זייער גלייכגילטיקייט, אז אפשר א באמבע וואלט זי געקענט אויפרייסן...

פארשטייט זיך, אז ביי רייזענען איז די באמבע געווען בלויז א ווערטל, א ביישפיל, וואס פארא כוח עס פאדערט זיך, כדי אויפצורייסן די יאהודישע גלייכגילטיקייט. אבער, ווען איך האב פארן רעדאקטאר פארגעלייענט — לויט רייזענס אייגענער עצה — דאס קארטל, איז דער שווערער און הומארלאזער רעדאקטאר אויפגעשפרונגען א דערשראקענער און א בייזער. ער האט גענומען ארומלויפן איבערן קאבינעט, שרייענדיק:

— באמבעס!... ניהיליסטן!... רוסן!... ארויס! ארויס!

מער האב איך זיך נישט געטארט ווייזן פאר זיינע אויגן. אפילו אין דער ביבליאטעק פון דער ציוניסטישער צענטראלע אויף טירקענשטראסע נומער 9 האב איך מער נישט געקענט קומען...

***

איך האב זיך נאך ארומגעדרייט א שטיקל צייט אין ווין — א הונגעריקער. פון צייט צו צייט פלעג איך אוועקשפאצירן צו שענברון, די רעזידענץ פון דעם עסטרייכישן קייזער אין דעם הייצינג-באצירק. דער אלטער פראנץ יאזעף פלעגט טיילמאל זיצן אויפן באלקאן, אדער ארומשפאצירן אין פארק און זיך באגריסן מיטן פאלק...

איך האב דאס, חלילה, נישט געטאן אויס מאנארכיסטישע מאטיוון... אדרבא, איך בין יענע יארן, ווי דערציילט, געווען אקטיוו אין יוגנטלעכע רעוואלוציאנערע גרופן — אין ווארשע אין אנארכיסטישע — און אין קראקע האב איך געדרוקט רעוואלוציאנערע קאמף-לידער אין דער וואכנשריפט „סאציאל דעמאקראט".

אבער קומענדיק פון רוסלאנד, ווו דער צאר האט מורא געהאט די נאז צו ווייזן, א פארהאסטער ביים פאלק, איז מיר טשיקאווע געווען צו זען, ווי אין ווין גייט דער קייזער ארום פראנק און פריי און גריסט זיך מיט יעדן, אפילו מיט א קבצניש יינגל ווי איך, וואס שטארבט פון הונגער אין דער פרעכטיקער ווין, אין דער קרוינשטאט פון דער עסטרייךאונגארישער אימפעריע...

צו דערציילן, אַז פראַנץ יאָזעף איז געווען באַליבט ביי די פּשוטע גאַליציאַנער און עסטרייכישע יידן בכלל, איז פאַר מיר איבעריק. דאָס איז אַ באַוווסטער פאַקט. זייענדיק אַזוי נאָענט פון רוסלאַנד, ווו די יידן זענען אויסגעשטאַנען אַזעלכע גרויסע צרות פון ניקאָלאַיען, זענען די יידן פון עסטרייך-אונגאַרן דאַנקבאַר געווען דעם „מלך־חסד", פראַנץ יאָזעף, פאַר זיין גוטסקייט צו יידן.

פלעגן צווישן די עסטרייכישע און דער עיקר גאַליצישע יידן אַרומ־גיין אַלערליי לעגענדעס און מעשיות וועגן פראַנץ יאָזעפן. טאַקע אין ווין האָט מען מיר דערציילט, אַז איינמאָל, ווען פראַנץ יאָזעף האָט שפּאַצירט אין ווין, אָנגעטאָן אין זיין יעגער־קאָסטיום, האָט אים אַ יידענע, וואָס האָט אים נישט דערקענט, אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט ווי מען גייט צו אַ געוויסער גאַס. דער אַלטער אימפּעראַטאָר זאָל זי האָבן אָנגענומען ביי דער האַנט און זי צוגעפירט צו יענער גאַס...

אַזוי האָבן גאַליציאַנער יידן דערציילט — עפּעס אַ קלייניקייט „זייער" קייזער!

אָבער, ווי געזאָגט, האָב איך שוין לאַנג נישט געוווינט — און גע־הונגערט — מיט פראַנץ יאָזעפן אין איין שטאָט. איך בין צוריקגעפאָרן קיין קראָקע און פון דאָרט קיין וואַרשע.

XVIII

אין קאָך פון אַ וואַרשעווער טאָג-צייטונג

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין וואַרשע פון ווין און קראָקע, האָב איך שוין געהאַט הינטער זיך אַ ליטעראַרישן עבר פון עטלעכע יאָר, גע־האַט שוין פאַרעפנטלעכט לידער אין דער „ראָמאַן-צייטונג", אין „קונסט און לעבן", וואָס אברהם רייזען האָט אַרויסגעגעבן אין קראָקע, ביי פּרצן און אין פאַרשידענע אַנדערע ליטעראַרישע אויסגאַבן, אַפילו אין אַמערי־קאַנער „פאָרווערטס", — האַלט איך זיך שוין כמעט פאַר אַ קלאַסיקער און שפּאַציר מיט שטאָלץ אין זאַקסישן גאָרטן, ווי מיידלעך באַווונדערן מיינע לאַנגע, שוואַרצע האָר און די שוואַרצע פעלערינע, וואָס איז פאַר־וואָרפן איבער מיינע אַקסלען.

אָבער צו קיין תכלית קומט דאָס נישט. פון לידער קאָן מען קיין חיונה נישט האָבן. צייטונגס־אַרבעט האָט פאַר מיר אַ שטאַרקן רייץ, אָבער אַז איך זאָל אַמאָל זיין טאַקע אַ זשורנאַליסט, דאָס קאָן איך זיך שווערלעך פאָרשטעלן. פּראָזע גייט עפּעס ביי מיר נישט. אברהם רייזען האָט נאָך אין קראָקע צו מיר געטענהט: „וואָס פאַר אַ קונץ איז דאָס, צו שרייבן פּראָזע? עלעהיי אַ בריוו! שטעלט זיך פאָר, אַז איר שרייבט אַ בריוו צו עמיצן — און איר האָט אַן אַרטיקל". טעאָרעטיש קלינגט עס זייער פיין, נאָר אַז עס קומט צום שרייבן, איז שוין אַ גאַנץ אַנדער מעשה.

אָבער די צייטונג ציט פאָרט. נאָך גאָר אַ קליין יינגל, פלעג איך שעה נאָך שעה אָפּשטיין ביי דער רעדאַקציע פון „הצפירה", אַריינקוקן אין די פענצטער אַריין און מקנא זיין די מענטשן אינעווייניק. שפּעטער פלעג איך אַזוי שטיין ביי דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „דער וועג" און אָפּוואַרטן, אפשר וועל איך זען אַריינגיין אָדער אַרויסגיין איינעם פון די מיטאַרבעטער, אפשר דעם רעדאַקטאָר אַליין...

נאָר גאַנץ אומגעריכט פאַל איך אַריין אין אַ רעדאַקציע אַריין. ווען צו מיר איז אַזוי אומגעריכט געקומען צבי פּרילוצקיס יינגסטער זון, נחמן, און מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע פון נח פּרילוצקין, אַז איך זאָל אַריבערקומען צו אים, איז מיר, נאַטירלעך, נישט איינגעפאַלן, אַז אין יענעם מאָמענט ווערט מיין שרייבערישער גורל באַשטימט — אַז ס'הייבט זיך פאַר מיר אָן מיין קאַריערע אַלס זשורנאַליסט און אַלס פּראָזע-שרייבער בכלל.

***

איך בין געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער ניי-געגרינדעטער צייטונג „מאָמענט". דעם ערשטן נומער „מאָמענט" גרייט מען צו אין אַ פּייבטער, קאַלטער וווינונג, ווי אין אַ חלום שווימט פאַר מיר אַרויס יענע דירה... דער ערשטער נומער „מאָמענט", פון וועלכן עס איז מיר געבליבן אין זכרון נחם אַרטיקל אויף דער ערשטער זייט „ויברח טאָלסטאָי"... שפּעטער אַ נייע, שיינע דירה פאַרן „מאָמענט"... מרדכי ספּעקטאָר, דעמאָלט רעדאַקטאָר פון „די נייע וועלט", שטעלט מיך אָפּ אין גאַס און פאַרזיכערט מיר, אַז דער „מאָמענט" וועט עקזיסטירן צוויי חדשים, נישט מער, העכסטנס דריי חדשים. איך פאַרלאָז אים מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און האָב מורא עמיצן צו דערציילן, וואָס ספּעקטאָר האָט מיר געזאָגט...

אָבער אין טומל פון רעדאַקציע ווערט אויסגעוועפּט די שלעכטע נבואה. דאָרט הערשט אַזאַ שטאַרקער פּיאָנערן-גייסט, אַזוי פיל ליבע צו דער נייער צייטונג, אַז עס איז אוממעגלעך צו גלויבן אין אַ שנעלן סוף. דער „מאָמענט" ווערט מיין צוקונפט. נייע וועלטן עפענען זיך פאַר מיר. איך בין דער משגיח איבער די קאָרעספּאָנדענצן, וואָס קומען-אָן פון די

שטעט און שטעטלעך איבער דער גרויסער רוסלענדישער מדינה און פון אויסלאַנד, שרייב-איבער, וואָס מ׳דאַרף, פאַררעכט גרייזן, קירץ, לייג-צו — עפּעס פיל איך זיך ווי אַ גאַנצער מאַנאַרך, ליגן דאָך אין מיינע הענט די שיקזאַלן פון אַזוי פיל קאָרעספּאָנדענטן, און איך קאָן מיט זיי טאָן ממש, וואָס מיין האַרץ גלוסט...

אַ טומלדיקע ייִדישע וועלט נעמט מיך אַרום, מיט ספּעציפישע ייִדישע אינטערעסן. מחלוקת, רייסערייען איבער רבנים, שוחטים, עליות, מקוה, פּאַרטייען. אָבער אין דער אייגענער צייט עפנט זיך פאַר מיר אויך די גרויסע וועלט, וו מ׳פירט פּאָליטיק מיט אַנדערע מיטלען, מיט אַרמייען, פלאָטן, קאַנאָנען. די דאָזיקע גרויסע וועלט מאַכט פאַר מיר אויף צבי פּרילוצקי, וועלכער דיקטירט מיר יעדן טאָג זיין פּאָליטיש לייט-אַרטיקל. איך ווער היימיש מיט פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, כינע, יאַפּאַן. דער רעדאַקטאָר שווימט אין פּאַריזער „טאַן" אָדער „מאַטען", אין „בערלינער טאַגעבלאַט", אין „נייע פרייע פּרעסע" און אין אַנדערע אויסלענדישע צייטונגען. דערנאָך נעמט ער שפּאַנען איבערן קאַבינעט אַהין און צוריק, די הענט פאַרלייגט אַהינטער-צו. איך זיץ גרייט מיט דער איינגעטונקענער פּען איבערן גלאַטן פּאַפּיר און וואַרט.

אין געדאַנק פּראָביר איך טרעפן, אויף וואָס ער וועט היינט מאַכן זיין פּירוש. איינמאָל קאָן איך זיך נישט דערוואַרטן, דערצו שטויסט מיך דער לץ אין מיר, גיב איך אַליין אַ שרייב-אָן: „אין כינע קאָכט זיך שוין ווידער".

ענדלעך, הויבט דער רעדאַקטאָר אָן צו דיקטירן. נאָר באַלד שלאָגט אים עמיצער איבער. אַמאָל איז עס דוד דרוק, אַמאָל אַן אַנדער מיטאַרבעטער ברענגט אים אַריין אַן אַרטיקל, אָדער עס שטעלט זיך אַריין י. ח. זאַגאָראָדסקי מיט אַ שטיק וואַרשעווער כראָניק, — און דאָס קאָן מען נישט אָפּלייגן, ס׳מוז באַלד אַראָפּ אין זעצערײַ. און אַלץ מוז פריער דורכגיין דעם רעדאַקטאָרס הענט. אויב עס איז דרוקס אַן אַרטיקל, איז עס שוין נישט קיין לייכטער ענין, איבער דער קליינער, געדיכטער און געציקלטער האַנטשריפט, וואָס צבי פּרילוצקי רופט „רש"י-כתב". דעמאָלט לייען איך פאַר דאָס אַרטיקל.

אָפּגעפּטרט די מיטאַרבעטער, אַראָפּגעשיקט די מאַנוסקריפּטן צום זעצער, נעמט דער רעדאַקטאָר ווידער שפּאַנען איבערן קאַבינעט און מיט־אַמאָל:

— ווו האַלט איך?

איך קוק אויפן פּאַפּיר. ס'איז נאָך דאָרט קיין איין אות נישט אָנ־געשריבן. אָבער דעמאָלט גיב איך פּלוצים א זאָג אַרוים:

— אין כינע קאָכט זיך שוין ווידער...

דער רעדאַקטאָר שטעלט זיך אָפּ, קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט, און איך כאַפּ זיך, אַז איך האָב עפּעס אַרויסגעפּלוידערט. וואָס כינע? ווער כינע? דער רעדאַקטאָר טראַכט גאָר היינט וועגן פראַנקרייך. מיין „כינע" נעמט ער אָן פאַר א שקאָצעריי, פּאָרט א יונג בחורל...

אָבער איך ווייס שוין איצט מיין וועג אין לעבן — זשורנאַליזם. ווי דורך א כישוף עפענען זיך פאַרבאָרגענע כחות. עס שרייבט זיך. אָט א פעליעטאָן, אָט א מעשהלע. עס גייט א גאַנג. דער „מאָמענט" פירט־איין א הומאָריסטישע אָפּטיילונג „דער האָן", און דאָרט ווערט געבוירן דער הומאָריסט „עליאש". די אָפּטיילונג איז אונטער מיין השגחה, כאָטש נח פּרילוצקי לייגט אויף איר אַרויף זיין חותם, ווי אויף די אַנדערע אָפּטיי־לונגען פון דער צייטונג און ער דערמוטיקט מיך, לויבט מיינע סאַטירעס (אין פערזן) אויף ד"ר מוקדוני, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען קיין וואַרשע פון דער שווייץ, נאָמבערג, רייזען און אַנדערע יידישע שריפטשטעלער. אָבער דעם „האָן" איז נישט באַשערט געווען קיין אריכות־ימים. יוסף טונקעל קומט פון אַמעריקע, ווערט ער א מיטאַרבעטער אין „מאָמענט", און ער קוילעט דעם „האָן". א נייע הומאָריסטישע אָפּטיילונג ווערט גע־בוירן: „דער קרומער שפּיגל".

טונקעל איז נישט דער איינציקער נייער מיטאַרבעטער. מרדכי ספּעק־טאָר, וואָס האָט מיך געהאַט אַזוי איבערגעשראָקן מיט זיין „שוואַרצער נבואה", איז שוין אויך אין „מאָמענט". פון אויסלאַנד איז א רעגלמע־סיקער מיטאַרבעטער ד"ר נתן בירנבוים, א חוץ שלום־עליכם, וועלכער איז מיטן „מאָמענט" פון סאַמע אָנהויב אָן.

אַרבעט האָב איך איבערן קאָפּ, אָבער איך האָב די אַרבעט ליב בלב

ונפש. אויסער, וואָס צבי פּרילוצקי דיקטירט מיר זיינע לייט־אַרטיקלען, און איך דאַרף איבערשרייבן אָדער פאַרריכטן אַזוי פיל קאָרעספּאָנדענצן, דערצו שרייבן מעשיות און קליינע פעליעטאָנען, דאַרף איך אויך ענט־פערן די אַלע קאָרעספּאָנדענטן, ציילן פאַר זיי די שורות, האָבן חשבונות אויפן קאָפּ, — און עפּעס טאָר מען דאָך די מוזע אויך נישט פאַרנאַכ־לעסיקן. כאָטש די צייטונגס־אַרבעט איז מיר אַזוי ליב, איז אָבער פּאָע־זיע ביי מיר דער עיקר, איבער אַלץ. פּרץ דערמוטיקט מיך און וואָרנט מיך, אַז איך זאָל זיך נישט לאָזן פאַרשלינגען פון דער טאָג־צייטונג. נח פּרילוצקי לויבט מיין פּליסיקן סטיל, מיין ריטם, און אַזוי ווי אויסער מיטן „מאָמענט" און מיט זיין אַדוואָקאַטור און מיט פאַרפאַסן רוסישע כרעסטאָמאַטיעס, איז ער אויך פאַרנומען פון צייט צו צייט מיט רעדאַ־גירן ליטעראַרישע זשורנאַלן, האָב איך וווּ אָפּצושטעקן מיינע לידער.

אויך אין „מאָמענט" פאַרעפנטלעך איך פון צייט צו צייט אַ ליריש ליד. פּרצעס וואָרענונג איז דערפאַר איבעריק, דען אין „מאָמענט" איז די אַטמאָספערע דעמאָלט אַזאַ, וואָס פאַרשלינגט נישט, נאָר, אדרבא, רופט אַרויס כוחות און פעאיקייטן. כ'האָב שוין זינט דעמאָלט איבערגעאַרבעט אין אַ היפּש ביסל צייטונגען, אָבער אין ערגעץ נישט געפונען אַזאַ וואַ־רימע סביבה, ווי יענע יאָרן אין „מאָמענט". נישט ווי אַ צייטונג, נייערט ווי אַ ניי לאַנד, וווּ אַלע זענען פּיאָנערן, און איינער גיט־אונטער דעם אַנדערן קוראַזש צו אַרבעטן, צו שאַפן — אַזוי האָט זיך דאָרט געפילט. אַ פּאָעט איז נישט קיין יאָלד, ווי אין אַנדערע רעדאַקציעס. ער פּאַסט זיך אַריין אין דער משפּחה. אויך בנוגע שפּראַך איז די באַציאונג אַנ־דערש, ווי אין אַנדערע יידישע צייטונגען. די שפּראַך פון דער צייטונג איז נישט נאָר אַן אינסטרומענט אויף איבערגעבן נייעס און אַרטיקלען, נאָר אויך אַ צוועק — און דערפאַר מוז די אָרטאָגראַפיע זיין אויסגע־האַלטן, איין אויסלייג ביי אַלע שרייבער, נישט ווי אין אַנדערע בלעטער, וווּ עס הערשט שפּראַך־הפקרות (מיט דער אויסנאַם פון „פריינד"). זיפן די פּרילוצקים, צבי און נח, יעדעס וואָרט פון די מיטאַרבעטער, אָדער מ'גיט מיר איבער די דאָזיקע אויפגאַבע. און אַז דער טונקעלער קומט־אָן אין „מאָמענט", „דעלעגירט" מיך דער רעדאַקטאָר צו קנעלן מיט דעם

ליטוואַק (וועלכער שרייבט „די" הארץ, „די" קאָפּ און „די" מיידל) — שפּראַך-געשלעכט... טונקעל כאַפּט שנעל די תורה, אָבער עקספּלאָאַטירט שוין אַמאָל צופיל דעם „דאָס", אַז ביי אים איז אַפילו רעכט „דאָס מענטש", „דאָס פרוי" און „דאָס ליבע"...

אין פאַרבינדונג מיט דער שפּראַך-היגיענע אין „מאָמענט", דערמאָן איך זיך אַזאַ אינצידענט: מרדכי ספּעקטאָר בעט מיך איבערצוקוקן זיינס אַ פּאַק מאַנוסקריפּטן, און ווו עס שטייט דאָס וואָרט „יעצט", איבער-בייטן אויף „איצט", „אַצונד", „אַצינדער". וואָס איז פּלוצלינג? ווייזט ער מיר אַ בריוו פון שלום-עליכמען, ווו דער גרויסער הומאָריסט מוסרט ספּעקטאָרן פאַר באַנוצן דאָס דייטשמערישע וואָרט „יעצט". אָבער איי-דער איך נעם פון אים דעם פּאַק כתבים, גיט ער זיך אַ קלאַפּ אין שטערן אַריין: „שאַט, כ'וועל פרעגן נחן!" — נח פּרילוצקי איז דאָס העכסטע טריבונאַל, ווען ס'קומט צו לשון, און אויף זיין פּסק-דין איז נישטאָ קיין שום אַפּעלאַציע. אָבער צי ספּעקטאָר האָט אים טאַקע געפרעגט, אָדער נישט, ווייס איך נישט, און איך ווייס אויך נישט, צי ספּעקטאָר האָט טאַקע מער נישט געברויכט קיין „יעצט", אָבער אויף מיר האָט שלום-עליכמס בריוו געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ביזן היינטיקן טאָג איז „יעצט" ביי מיר אין חרם.

אַ סך צרות האָט מען מיט זאַגאָראָדסקין, ער האָט ליב צו שרייבן „קנאַבע", „יונגלינג", „מעדכען" און אַנדערע גערמאַניזמען, קאָן זיך פון זיי בשום אופן נישט אָפּגעוווינען. פאַלט אויף מיר דער עול איבערצוזעצן זיינע דייטשמעריזמען אויף יידיש... דער רעדאַקטאָר איז ברוגזלעך אויף אים, אָבער עס גיט אונדז אַלעמאָל אויך שפּאַס, ווי די קאַפּריזן פון אַנ-דערע מיטאַרבעטער, למשל, הלל צייטלינס טבע צו שרייבן דווקא אויף שלעכט פּאַפּיר מיט אַ שלעכטער פּען. ס'איז איין משפּחה, מיט איין אינ-טערעס, כאָטש פון פאַרשידענע לאַגערן — ציוניסטן, טעריטאָריאַליסטן, העברעאיסטן און יידישיסטן. איז טאַקע מערקווירדיק, ווי די ריכטונג פון דער צייטונג איז אויסגעהאַלטן, ממש מאָניסטיש. און נישט נאָר פּיאָנערן זענען מיר, וואָס בויען אַ לאַנד, נאָר אויך קעמפער, וואָס דאַרפן כסדר זיין אויף דער וואַך, צו באַשיצן אונדזערע פּאָזיציעס פון שונא — נישט

דווקא אונדזערע, נאָר פון גאַנצן כּלל־ישׂראל, וואָרום דעמאָלט צעפּלאַ־קערט זיך דער פּוילישער באָיקאָט אויף יידן איבער דעם, וואָס זיי האָבן נעהאָלפן שיקן דעם פּוילישן סאָציאַליסט, יאַגעללאָ, אין גאָסודאַרסטווענע דומאַ אַריין. דער „מאָמענט" שטייט אין מיטן פון לײַדנשאַפטלעכן פאַר־טיידיקונגס-קאַמף, און יעדער מיטאַרבעטער פילט די גרויסע אחריות.

דערצו רוקט זיך אָן דער עלילת־דם אין קיעוו. טרויעריק-שווערע טעג פאַר יידן. די רעאַקציע שטיקט. אויף דער פרעסע, איבערהויפּט דער יידי־שער, ליגט די אייזערנע לאַפּע פון דער צענזור. כּאָדאַק, דער דעמאָלטי־קער יידישער צענזאָר אין ווארשע, וואָרנט כּסדר דעם רעדאַקטאָר. דער־הויפּט מוז מען מיט טויזנט אויגן אַכטונג געבן אויף דעם היציקן נח פּרילוצקין, אַז ער זאָל מיט זיינס אָן אַרטיקל נישט דערפירן צום אונ־טערגאַנג פון דער צייטונג, און אפשר אויך די אַרויסגעבער מיטן רע־דאַקטאָר — אין טורמע אַריין... אַ שווערע, שטיקנדע לופט אין רוסלאַנד, באַזונדערס אין פּוילן, ווו יידן ליידן טאָפּלט, פון דער רוסישער און פון דער פּוילישער רעאַקציע. אין אַט דער צייט קומט־אָן מיין פּריזיוו. גאָר־נישט באַמערקט, ווי די פּאָר יאָר זענען אַריבערגעלאָפן — יאָרן פון האָפענונגען, חלומות און פון רייף ווערן. דינען פאָניען — דאָס וועל איך נישט, בשום אופן נישט. אָבער אַוועקפאָרן, איבערלאָזן דעם „מאָ־מענט", די פרישע-צאַפּלדיקע ליטעראַרישע סביבה, פרצעס הויז, נח פּריי־לוצקים פאָלקלאָריסטישן קרייז, די ליטעראַרישע אָלעע אין זאַקסישן גאָרטן, מיין חבר יהושע פּערלעס שטוב, ווו די „יונגע" קומען זיך צו־נויף, — דאָס ווילט זיך אויך נישט. עס טוט אַזוי באַנג, ס׳טוט אַזוי וויי.

רעדאקציע־פערסאָנאַל פון „מאָמענט"

(פאָטאָגראַפירט זומער 1912 אין יוזעפאָוו, ביי ווארשע)

עס שטייען (פון רעכטס צו לינקס): שמואל יאנאווסקי און בן־ציון כילינאוויטש. עס זיצן אין דער מיטלסטער רייע: הלל צייטלין, דוד דרוק, י. ה. זאנגאראדסקי, צבי פרילוצקי, ב. יאושזאן און מרדכי ספעקטאָר. אין דער פאָדערשטער רייע זיצן: יוסף טונקל (דער טונקעלער) און א. אלמי (א. ה. שעפּס)

XIX

אַן אויסטערלישע איבערלעבונג

אין דער צייט, וואָס איך האָב זיך פאַרנומען מיט זאַמלען פאָלקלאָר — פאָלקס-לידער, מעשיות, תחינות און, להבדיל, אונטערוועלט-שטאָף — פריער פאַר זיך אַליין, שפּעטער פאַר נח פּרילוצקים פאָלקלאָריסטישע זאַמלונגען, האָב איך איינמאָל דורכגעמאַכט אַ שווערע איבערלעבונג און איך בין זיכער געווען, אַז מיין סוף איז געקומען — אַ קרבן פון פאָלקלאָר... ס'איז אַן אויסטערלישע געשיכטע, וואָס שמעקט ממש מיט שונד-ראָמאַן.

אַנדערע יונגעלייטלעך, וואָס האָבן געזאַמלט פאָלקלאָר אין דער וואַרשעווער יידישער אונטערוועלט, האָבן אויך געהאַט אַלערליי אומאַנגענעמע דערפאַרונגען, אָבער זיי זענען אָפּגעקומען מיט קלעפּ. איך האָב גראָד קיין קלעפּ נישט געקריגן. די יידישע גאַסן־מיידלעך און זייערע אַלפאָנסן האָבן מיך סתם באַטראַכט פאַר אַ יאָלד, וואָס פאַרשרייבט נאַרישע לידלעך און מעשיות און באַצאָלט דערפאַר געלט.

אויב איך צאָל געלט (און דאָס געלט איז געקומען פון נח פּרילוצקים קעשענע), קומט מיר דערפאַר זיכער נישט קיין קלעפּ. אַנדערש האָבן זיי זיך באַצויגן צו יענע פאָלקלאָר-זאַמלער, וואָס האָבן זיי אומזיסט גע-דרייט אַ קאָפּ און זיי צוגענומען צייט. זיי האָבן מען געטריבן און טייל-מאָל אויך אָנגעבראָכן די ביינער.

איינמאָל האָט אַ יידיש גאַסן־מיידל, פון וועלכער איך האָב פאַר־שריבן עטלעכע אונטערוועלט־לידער, מיר דערציילט, אַז די מיידלעך, וואָס „אַרבעטן" אין אַ געוויסן „הויז" אין מאַקאַאָו (אַ פאָרשטאָט פון וואַר־שע), ווייסן אַ וועלט מיט לידלעך און מעשיות. איך בין אַהין אַוועק.

די מאַדאַם, אַ יידענע אין אַ שייטל, האָט מיך פיין אויפגענומען, אָבער ווען זי האָט דערהערט, צוליב וואָס איך בין געקומען, האָט זי אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן, ווי אויף אַ משוגענעם. די גאַנצע זאַך איז איר פאָרגעקומען פאַרדעכטיק און זי האָט פון אַן אַנדער צימער אַריינגערופן אַ מאַנסביל, אַ הויכער, ברייטער יונג, מיט אַ געשטופּלט פּנים — דער ריכטיקער טיפּ פון דער וואַרשעווער אונ־טערוועלט.

דער געשטופּלטער האָט מיך גענומען אויף אַ מין „קרייץ־פאַרהער" און בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, נאָך וואָס איך דאַרף די ליד־לעך און מעשיות. איך האָב פאַר אים און דער מאַדאַם געמוזט האַלטן אַ גאַנצע לעקציע וועגן דער וויכטיקייט פון פאָלקלאָר, זיי פאַרזיכערט, אַז זאַמלונגען פון פאָלקלאָר זענען דאָ אין אַלע שפּראַכן און אויב זיי גלויבן מיר נישט, קענען זיי זיך נאָכפרעגן. צי זיי האָבן יאָ פאַרשטאַנען, אָדער נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך רעד, ווייס איך נישט, אָבער ענדלעך האָט דער געשטופּלטער יונג אַ זאָג געטאָן צו דער מאַדאַם:

— ער באַצאָלט דאָך! וואָס איז אונדז אַ חילוק, וואָס ער קריגט פאַר זיין געלט?

זיי האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסער שטוב, ווו עס זענען גע־זעסן פינף מיידלעך, פיר פון זיי יידישע און איינע אַ פּוילישע. ער האָט די מיידלעך דערקלערט, וואָס איך וויל פון זיי. זיי האָבן זיך איבערגע־קוקט און זיך פונאַנדערגעלאַכט. דער געשטופּלטער יונג איז אין כעס גע־וואָרן און אַ געשריי געטאָן:

— פאַרמאַכט די פּיסקעס און גיטס אים די סחורה!

ער און די מאַדאַם האָבן פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און איך בין געבליבן מיט די פינף מיידלעך. גראַד דאָס קריסטלעכע מיידל איז געווען די ערשטע אָנצוהייבן צו רעדן — און דווקא אין יידיש. זי האָט

זיך פאר מיר באַרימט, אַז זי קאָן נישט נאָר רעדן יידיש, נאָר אויך זינ-גען יידישע לידלעך.

איינע פון די מיידלעך האָט נאָך אויסגעזען זייער יונג — אַרום 15, אָדער 16 יאָר אַלט. זי האָט זיך געהאַלטן ווירדיקער פון די אַנדערע און זי האָט אַפילו אויסגעזען שעמעוודיק.

די מיידלעך האָבן פאַר מיר געזונגען לידער, אָבער די מיינסטע לי-דער האָב איך שוין געהאַט פריער פאַרשריבן פון אַנדערע גאַסן-מיידלעך. בלויז אַ צוויי, אָדער דריי פון זייערע לידער האָב איך געהערט צום ערשטן מאָל.

אין צווייטן צימער האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ פון דער טיר און איך האָב דערהערט שטימען פון צוויי מענער. די מאַדאַם האָט זיך באַ-וויזן און אַרויסגערופן צוויי פון די מיידלעך — שטאַם-געסט זענען גע-קומען! קונים...

דאָס יונגע שעמעוודיקע מיידל האָט מיר דאַן געזאָגט, אַז זי קאָן אַ סך לידער, נאָר זי האָט נישט קיין גוטע שטים צום זינגען, דאָך וועט זי פּרובירן.

זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַ ליד, וואָס די מעלאָדיע דערפון איז מיר באַקאַנט געווען פון אַן אַנדער ליד, אָבער אירע ווערטער זענען גע-ווען אַנדערע. באַלד האָב איך זיך געכאַפּט, וואָס זי איז אויסן. זי האָט מיר פּשוט געלאָזט וויסן וועגן איר פּערזענלעך אומגליק, אַז זי איז דאָ אַ געפאַנגענע, אַ פאַרקויפטע. איך געדענק נישט די ווערטער, נאָר דער אינהאַלט איז געווען אַזוי:

„ליבער מענטש, איך בין אַ באַלעבאַטישע יידישע טאָכטער פון לובלין. געקומען קיין וואַרשע זוכן אַרבעט. מען האָט מיך פאַרנאַרט אַהער. ראַטעוועט מיך אַרויס."

די הענט האָבן מיר אָנגעהויבן ציטערן ביים פאַרשרייבן איר „ליד" און אויפן וווּנק האָב איך איר געגעבן צו וויסן, אַז איך פאַרשטיי, וואָס זי מיינט. זי האָט אויף מיר געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט.

נאָך איינע פון די מיידלעך איז אַרויסגערופן געוואָרן. אין עטלעכע מינוט אַרום נאָך איר אַרויסגיין, האָט זיך די טיר האַסטיק אויפגעפּראַלט

און דער געשטופלטער יונג איז אריינגעלאָפן מיט אַ רציחה. דאָס פּנים איז אים געווען אָנגעלאָפן מיט בלוט און אַ כאַפּ-טוענדיק דאָס יונגע מיידל ביים אָרעם, האָט ער זי ארויסגעשלעפּט פון דער גרויסער שטוב אין אַנדערן צימער אַריין, פאַרהאַקנדיק הינטער זיך די טיר.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איינע פון די מיידלעך האָט געהערט, וואָס דאָס לובלינער מיידל האָט מיר „געזונגען" און האָט זי פאַרמסרט. איך האָב זיך אויפגעהויבן גרייט צו פאַרלאָזן דאָס „הייזל". אָבער דאָ האָט זיך די טיר ווידער אויפגעפּראַלט און דער געשטופּלטער יונג איז אַריין.

ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט זיינע ביסטרע אויגן און נישט אויס-רעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער מיך אַ כאַפּ געטאָן מיט זיינע אייזן-פעסטע הענט און מיך געטראָגן. איך בין זיכער געווען, אַז דאָס גייט ער מיך ארויסוואַרפן. אָבער ס'האָט זיך אויסגעלאָזט ערגער. ער האָט מיך אריינ-געטראָגן אין אַן אַנדער צימער. דאָרט האָט ער מיט אַ פוס אַ בריק גע-טאָן אַן אַ טיר און איידער איך האָב זיך ארומגעקוקט, האָט ער מיך אריינגעשטויסן אין אַ גרויסן קאַמער, ווו ס'זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אַלערליי שמאַטעס און ביי די ווענט זענען געווען אָנגעשטעלט פעסער. די קאַמער האָט געהאַט אַ קליין פענצטערל, די גרויס פון אַ קאַלענדאַר-בלעטל, האַרט ביי דער סטעליע.

דער געשטופּלטער איז פאַרשוואונדן, נאָכדעם ווי ער האָט פון דער אַנדערער זייט פאַרשלאָסן די טיר. איך בין געבליבן אַליין און אָנגעהויבן באַטראַכטן מיין לאַגע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער געשטופּלטער יונג האָט מיך פאַרשפּאַרט צוליב דעם, וואָס איך ווייס אַ סוד, דעם סוד וועגן לובלינער מיידל, וואָס איז פאַרנאַרט געוואָרן דורך פרויען-הענדלער. אָבער וואָס וועט ער טאָן מיט מיר? וועט ער מיך דאָ לאָזן, ביז איך וועל אויסגיין פון הונגער, אָדער ער וועט מיך דערהרגענען?

אַז דאָס איז מיין סוף, אין דעם בין איך זיכער געווען. איך האָב געטראַכט, אַז דער יונג וועט מיך מסתמא דאָ באַגראָבן אויפן פּוסטן מאָ-קאַטאָווער פעלד אַרום דעם „הייזל" און קיינער וועט קיינמאָל נישט וויסן, ווו מיין געביין איז אַהינגעקומען...

איך האָב פּרובירט אויפרייסן די טיר, אָבער האָב דאָס באַלד אויפ־געגעבן. איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פעסל און אַ קוק געטאָן אין דעם פענצטערל, אָבער מער ווי אַ ליידיק פעלד, באַלייגט מיט אַלערליי ברוך־אייזן און ציגל האָב איך נישט געזען. אַפילו ווען איך זאָל שרייען, וועט מיך קיינער נישט הערן. דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן טאָן, איז אָנשרייבן אַ צעטעלע און דאָס אַרויסוואַרפן דורכן פענצטערל — און עמי־צער וועט עס מסתמא געפינען, ווען איך וועל שוין לאַנג זיין אַ תושב אויף „יענער וועלט"...

אָבער דער דאָזיקער פּלאַן איז באַלד צעשטערט געוואָרן. איך האָב דערהערט אַ שליסל פון דער קאַמער־טיר. דער געשטופּלטער יונג האָט זיך אַריינגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן:

— געב מיר נאָר אהער, וואָס דו האָסט דאָרט אָנגעפּאַטשקעט!

איידער איך האָב באַוויזן זיך אַ ריר צו טאָן, האָט ער אַליין גע־מאַכט אַ רייזע איבער אַלע מיינע קעשענעס, אַרויסגענומען אַלע פּאַפּירן, די בלייפעדער, מיין זייגערל, די עטלעכע רובל, וואָס איך האָב געהאַט, אַפילו מיין אַדרעסן־ביכל האָט ער צוגענומען און דאָס אַלץ געלאָזט אַרי־בערוואַנדערן אין זיינע קעשענעס אַריין.

בעת ער האָט אויסגעליידיקט מיינע קעשענעס, האָב איך געהאַלטן אין איין רעדן און אַפּעלירן צו אים, אַז ער זאָל מיך אַרויסלאָזן, פאַר־זיכערנדיק אים, אַז איך וועל גאָרנישט דערציילן. ער האָט מיר אַפילו מיט קיין וואָרט נישט געענטפערט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער איידעלער אַרבעט, איז ער אַרויס און ווידער פאַרשפּאַרט די טיר אויף דער אַנדערער זייט.

די שעהן האָבן זיך געצויגן ווי פון פעך. דאָס זענען געווען שווערע, פּיינלעכע שעהן. אַזוי מוז פילן אַ פאַרמשפּטער צום טויט אין טויטן־קאַ־מער. אַז אויך אויף מיר וואַרט דער טויט, איז ביי מיר קיין ספק נישט געווען. אָבער ווען? יעדער שאָרך האָט מיך אויפגעשווידערט... אָט קומט ער נאָך מיר... וואָס וועט ער טאָן? מיך דערשיסן? ניין, מסתמא וועט ער מיר „אַריינפּעצן" אַ מעסער אין האַרץ אַריין — ווי דאָס איז די מאָדע געווען ביי די וואַרשעווער אונטערוועלט־מענטשן.

מיט אזעלכע געדאנקען האב איך זיך אפגעמוטשעט די גאנצע נאכט און אויף מארגן ביז א שטיק אין טאג אריין. פאר מיר האט עס אויסגעזען ווי א יאר. פלוצלינג האב איך דערהערט טריט און א שליסן פון דער קאמער־טיר. דער געשטופלטער יונג האט זיך אריינגעשטעלט. דאסמאל האט ער שוין נישט אויסגעזען אזוי אין כעס, ווי מיט א טאג פריער.

— ווייסט עמיצער, אז דו ביסט געגאנגען צו אונדז? — האט ער מיך א פרעג געטאן און מיר געקוקט אין די אויגן אריין.

— זיכער ווייס מען! — האב איך אים געזאגט א ליגן, — ס'ווייסן מיינע עלטערן. ס'ווייס עס אויך דער אדוואקאט נח פרילוצקי, אט דער, וועלכער האט מיך אהערגעשיקט פארשרייבן די לידלעך.

— קום! — האט ער מיר באפוילן.

ער האט מיך דורכגעפירט די אנדערע צימערן. זיי זענען אלע גע־ווען אויסגעליידיקט פון מעבל. פון דער מאדאם און די מיידלעך איז אויך קיין שפור נישט געווען. זיי האבן, הייסט עס, זיך אפגעטראגן.

דער געשטופלטער יונג האט מיר דערלאנגט צען קאפיקעס אין האנט אריין, מסתמא פארן טראמוויי צוריקצופארן אין שטאט אריין. דאן האט ער געעפנט די טיר און מיך ארויסגעשטופט אין דרויסן ארויס.

ווען איך בין שוין געווען אין דרויסן, האט ער מיר נאכגעשריגן:

— בעסער האלט דעם פיסק, וועט דיר גארנישט געשען.

איך האב זיך אפילו נישט אומגעקוקט. איך האב געשטעלט פיס. די פרייע לופט האט מיך אפגעפרישט.

זינט דעמאלט בין איך מער נישט געגאנגען צו דער אונטערוועלט נאך פאלקלאר...

***

אין א שטיקל צייט ארום, נאך מיין קומען קיין אמעריקע, האט נח פרילוצקי אויפגעפרישט דעם אינצידענט אין א בריוו צו מיר. בעטנדיק מיך צו זאמלען פאלקלאר צווישן די איינגעוואנדערטע יידן אין אמעריקע, איז ער מיר דערביי מודיע, אז ביי אים האט זיך אנגעקליבן א גרויסער אוצר פאלקלאר פון דער יידישער אונטערוועלט און ער וואלט עס וועלן

אַרויסגעבן אין אַ באַזונדערער זאַמלונג. אפשר קאָן איך געפינען אַ פאַר־לעגער פאַר דעם אין ניו־יאָרק?

ביי דעם פונקט דערציילט ער מיר, אַז צו אים איז געקומען אַ גע־שטופלטער יונג — און ער גיט אָן זיין נאָמען — אַז ער, דער אַדוואָ־קאַט, נח פּרילוצקי, זאָל אים פאַרטיידיקן. וואָס איז? מען האָט אויף דעם יונג „אויסגעטראַכט אַ בלבול", אַז ער איז אַ פרויענהענדלער און דער פּראָצעס דאַרף פאָרקומען אין עטלעכע חדשים אַרום. ווען פּרילוצקי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן זיין פאַרטיידיקער, האָט דער יונג אים דערמאָנט, אַז אַמאָל איז געקומען צו אים אַ בחורל פאַרשרייבן לידלעך ביי זיינע „באַקאַנטע" מיידלעך און ער האָט אים דעמאָלט געזאָגט, אַז ער, דער הער פּרילוצקי, האָט אים געשיקט און ער איז דערפאַר זייער גוט געווען צו מיר...

אין דעם דאָזיקן בריוו פרילוצקיס זענען דאָ נאָך טשיקאַווע איינצל־הייטן מכוח מיין דערפאַרונג מיט דעם פרויענהענדלער. איך האָב דעם בריוו מיט יאָרן צוריק איבערגעגעבן דעם ייוואָ, צוזאַמען מיט נאָך אַ סך אַנדערע בריוו פון די פּרילוצקיס, הלל צייטלין, פּרץ, ספּעקטאָר, שלום־עליכם. .

די גאַנצע געשיכטע האָב איך אין 1921 באַשריבן אין דעם לאָדזשער „פאָלקסבלאַט", וואָס לאַזאַר קאַהאַן האָט רעדאַקטירט און וועלכער האָט מיך איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין צייטונג. די געשיכטע איז דעמאָלט איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ סך יידישע צייטונגען אין פאַרשידענע לענדער. מיין פאָטער האָט מיר דעמאָלט געשריבן, אַז דער אַלטער פּרי־לוצקי איז בייז געווען, פאַרוואָס איך האָב עס נישט פאַרעפנטלעכט אין „מאָמענט" — נישט אַזוי צוליב דער סענסאַציע פון דער געשיכטע, ווי צוליב דעם, וואָס אין „מאָמענט" וואָלט ער אַרויסגענומען זיין זונס נאָ־מען. ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט שלעכט אויסגעטייטשט ווערן, וואָס נח האָט אַ יונג יינגל געשיקט אין אַזעלכע ערטער — זאַמלען פאָל־קלאָר. דער „אַלטער" האָט סיי־ווי פאַראיבל געהאַט אויף מיר, וואָס זייענדיק אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער און אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט

פון „מאָמענט" אין װאַרשע, שרײַב איך גלײַכצײַטיק פֿאַרן „פֿאָלקסבלאַט" אין לאָדזש. ער האָט מיר צוליב דעם שפּעטער געהעכערט דעם האָנאָראַר, כּדי איך זאָל אָפּשטעלן מײַן מיטאַרבעט אין דער לאָדזשער צײַטונג, װאָס איך האָב טאַקע געטאָן.

XX

י. ל. פרץ

י. ל. פרץ האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ קאַפּריזנעם אין זיין באַציאונג צו די, וואָס זענען געקומען צו אים מיט כתבים. אויב די ערשטע שורה איז אים נישט געפעלן, האָט ער שוין נישט געלאָזט יענעם ווייטער לייענען. צירקולירן אַלערליי מעשיות ווי ער האָט ביי דעם און ביי יענעם, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ גרויסער טאַלאַנט, זיך אָפּגענאַרט, אָפּגעזאָגט יענעם דאָס ליטעראַרישע לעבן, אויפן סמך פון איין שורה, אָדער אַן אויסדרוק, וואָס איז אים נישט געפעלן. אויף וויפל די אַלע מעשיות זענען אמת, איז שווער צו זאָגן. אָבער דער אמת איז, אַז שטרענג איז ער געווען און אַ סך יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פּעקלעך כתבים און חלומות, האָבן מורא געהאַט צו אים צו גיין, כאָטש געצויגן צו אים האָט. נישט איינער האָט זיך אומגעקערט פון פּרצעס טיר, איידער ער האָט אַ צי געטאָן דאָס גלעקל... דערפאַר, אַז מען איז צו פּרצן יאָ צוגעקומען און אויב פּרץ האָט זיך פאַראינטערעסירט, דערזען אַ פונק, האָט מען זיך צו אים צוגעבונדן מיט לייב און לעבן, אים ליב געקריגן. פּרץ ווידער, אַז ער האָט אין עמיצנס טאַלאַנט געגלויבט, איז ער יענעם געוואָרן ווי אַ געטרייער פאָטער, זיך געזאָרגט פאַר יענעם. געוואָלט אַפילו וויסן יענעמס פּריוואַטע ענינים, אַרויסגעהאָלפן מיט געלט

— פאַראויסדיקן האָנאָראַר — אויב ער האָט פאַרדעכטיקט, אַז יענער נייטיקט זיך.

מיינע חברים יהושע פערלע, גדליה ווייסבאַרד און יוסף ראָזענפעלד האָבן באַוווּנדערט מיין קוראַזש, וואָס איך האָב זיך דערוועגט צו גיין צו פּרצן. איך האָב צו פּרצן באמת מזל געהאַט. באַלד דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין געקומען צו אים — אַ ייִנגל פון אַ יאָר 15 — באַוואָפנט מיט דריי לידער, האָט ער איינס פון די לידער אויסגעקליבן און עס אָפּגעדרוקט אין צווייטן באַנד פון זיינע זאַמלביכער „יידיש". שפּעטער, ווען ער האָט צונויפגעשטעלט דאָס זאַמלבוך „בוך און לעזער", האָט ער גענומען פון מיר דריי לידער — איינס אונטער אַן אַנדער נאָמען, ווי איך וועל דאָס דערציילן אין אַן אַנדער קאַפּיטל. דערביי האָט פּרץ זיך אַריינגעלאָזט מיט מיר אין אַ שמועס, ווי מיט זיינס גלייכן, מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין פאַמיליע, געוואָלט וויסן וועגן מיין בילדונג, מיך געפרעגט, צי איך נייטיק זיך אין עפּעס. ער האָט מיר געעפנט זיינע ביכער-שראַנקען און מיר געזאָגט, אַז זיין ביבליאָטעק איז אָפן פאַר מיר.

איינגנטלעך בין איך צו פּרצן דאָס ערשטע מאָל געקומען נאָך מיט עטלעכע יאָר פריער — אין עלטער פון 11 יאָר, אָבער דאָס איז געווען אַזאַ קינדערישע שפּיל. איך און מיין חבר הערשל, וואָס האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן פּרצן און שוין געלייענט זיינע זאַכן, פלעגן זיך דרייען אַרום זיין הויז, אויף צעגלאַנע 1, וואַרטן, אַז ער זאָל אַרויסקומען, כדי צו כאַפּן אַ קוק אויף אים. איינמאָל האָב איך זיך אָנגענומען מיט כוח, אַרויף אויף די טרעפּ, צוגעגאַנגען צו דער טיר, אָבער זיך נישט געקענט באַשליסן אַ ציי צו טאָן דאָס גלעקל. שטיי איך אַזוי, נישט אַהין, נישט אַהער. נאָר דאָ געשעט עפּעס.. די טיר גייט זיך אַן עפן און ס'באַווייזט זיך פּרץ אין הוט און פעלערינע. אָפּציען איז שוין געווען צו שפּעט. פּרץ קוקט אויף מיר פאַרחידושט און פרעגט מיך — אויף פּויליש: וואָס ווילסטו, יינגעלע?

דאָס לשון איז ביי מיר אָפּגענומען. נאָר ענדלעך שטאַמל איך אַרויס: ל-י-ד-ע-ר. פּרץ צעשמייכלט זיך, רופט מיך אַריין און — לייענט מיינע לידער. דאָס זענען געווען פון יענע לידער, וואָס איך פלעג פאַרטראָגן ביי

אונדז אויפן הויף — אַקטועלע לידער, ווי מען וואָלט דאָס איצט גע־רופן, אָדער פּראָלעטאַרישע לידער, וואָרום אַלע זענען זיי אויף טאָג־טעמעס און וועגן דער מוראַדיקער אָרימקייט אין די וואַרשעווער אַרבע־טער־קוואַרטאַלן. פּרץ גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל און הייסט מיך קומען אין עטלעכע יאָר אַרום. מיין באַזוך אין עלטער פון 15 יאָר איז אַזוי אַרום פּאַקטיש געווען מיין צווייטער וויזיט ביי פּרצן — האָט ער דאָך מיך אַליין געהייסן קומען... געוועלעך פלעג איך זיך אַריינשטעלן צו פּרצן שבת אינדערפרי, אַרום 10. זומער פלעג איך אים אָפט טרעפן אין די גאַטקעס. אַזוי פלעגט ער זיצן ביי זיין שרייבטיש, פאַרטיפט אין שרייבן, אָדער אין לייענען עפּעס. אין אַזאַ פאַל האָט ער מיר אַ וווּנק געטאָן מיט דער האַנט אויף אַ שטול, אַז איך זאָל זיך זעצן און וואַרטן.

אויב ער איז געווען אויפגעלייגט און שטיפעריש, פלעגט ער רעדן צו מיר פּויליש, כאָטש איך האָב אים אָפּגעענטפערט אויף יידיש. אַזאַ פאַל איז געווען, ווען איך בין צו אים געקומען איין שבת אינדערפרי, איידער ער איז געגאַנגען אין „פילהאַרמאָניע", וווּ ער האָט געדאַרפט פאַרטראָגן — איך ווייס נישט צום וויפלטן מאָל — זיין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". באַלד ווי איך בין אַריין אין הויז, האָט פּרץ, דאָס מאָל שוין אַן אָנגעטוענער, מיך תיכף באַגעגנט מיט אַ טיראַדע אויף פּויליש, גערעדט הויך, געשפּאַסט, אַריינגערופן זיין פרוי און מיט איר געמאַכט שפּאַס — אויף מיין חשבון. איך האָב פּרצן קיינמאָל פריער נישט געזען אין אַזאַ שטימונג און איך האָב זיך געפילט אַביסל פאַרלוירן, נישט גע־וווּסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן.

איינמאָל האָב איך אים געטראָפן זייער אַ נידערגעשלאָגענעם, אַ טרויעריקן. ער איז געווען פאַרטיפט אין עפּעס אַ מאַנוסקריפּט. איך בין געזעסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און געוואַרט. פּלוצלינג האָב איך דערהערט זיין קול: „אַ שאָטן איז דעם מענטשנס לעבן". איך האָב דע־מאָלט נישט געוווּסט, צי ער האָט די ווערטער אַרויסגעלייענט פון דעם מאַנוסקריפּט, אָדער אַזוי זיי אַ זאָג געטאָן. שפּעטער האָב איך דער־וווּסט זיך, אַז דאָס איז די ערשטע שורה פון ה. ד. נאָמבערגס אַ נאָך נישט

פארעפנטלעכט ליד. דאָס דערמאַנט מיך, אגב, אַז פּרץ האָט ליב געהאַט צו זינגען דאָס פאָלקס-ליד, וואָס גייט לויטן אלף־בית:

אלף איז אַן אָדלער,
וואָס טוט הויך שוועבן;
אַ שאָטן פון אַ פליגל
איז דאָס גאַנצע לעבן.

בית איז אַ הויז,
ווו מען איז געזעסן;
אַז מען רופט צום משפט,
מוז מען אַלץ פאַרגעסן.

די יידישע יוגנט האָט זיך צו פּרצן באַצויגן מיט ליבע, מיט ממש פאַרגעטערונג. אַז ער האָט זיך באַוויזן אין דער „ליטעראַרישער אַלייע", אין זאַקסישן גאָרטן — די אַלייע, וואָס יידישע שרייבער און אינטעליגענטן האָבן פאַר זיך אויסגעקליבן פאַר זייערע שפּאַצירן — איז געוואָרן אַן אויפריר. ער פלעגט שפּאַצירן אַליין, אָדער מיט אַן אַנדער שרייבער, זעלטן מיט אַ גרופּע, ס'רוב פון די יונגע, און דער עולם יונגוואַרג האָט פאַר אים געמאַכט אַ וואַרע. אַמאָל פלעגט אַ מיידל אים אונטערטראָגן בלומען, וואָס זי האָט שנעל אָנגעריסן און פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט אויסרופן: פּרץ גייט! פּרץ גייט! ס'האָט זיך געטראָגן פון באַנק צו באַנק און אפילו פאַרלעך, וואָס זענען געווען פאַרנומען אין קושן זיך, האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און פּרצן באַגלייט מיט פאַרליבטע אויגן. דער אינצידענט מיטן מחזור, וואָס אַ יונגערמאַן האָט טאַקע אין יענער „ליטעראַרישער אַלייע" אונטערגעטראָגן דעם גרויסן דיכטער, נאָכדעם ווי פּרץ האָט פאַרעפנטלעכט אין „היינט" זיין באַרימטן רוף „צוריק אין שול אַריין" — איז געווען אַן אויסנאַם-פאַל. און אויך די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע איז בשום-אופן נישט געווען קיין אויסדרוק פון בייזן ווילן, נאָר אַ מין ענטפער פּרצן פון אַ פאָלקס־אינטעליגענט, אַז אין דעם פּרט

איז ער — אדער די יידישע יוגנט — נישט מסכים מיט אים. צוריק אין שול אריין, הייסט עס, וועט מען נישט גיין.

זיין „צוריק אין שול אריין" איז ביי פּרצן נישט געווען קיין קאַפּריז, קיין שטימונג, נאָר אַ טיפער אויסגעשריי — ממעמקים. זעענדיק די הפקרות, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אויף דער יידישער גאַס, דער ביליקער אַטעאיזם, דער שלעכט-פאַרשטאַנענער ראַדיקאַליזם, האָט עס אים וויי געטאָן. שוין בעסער רעליגיע, שול, טראַדיציע ווי אָט דאָס. אָבער אויף דער ראַדיקאַלער יידישער יוגנט, מוז מען מודה זיין, האָט פּרצעס רוף געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. שוין דער טאָן פון דעם אַרטיקל האָט אַביסל באַליידיקט — און איך, מיט מיין גאַנצער ליבע און דרך־ארץ צו פּרצן, האָב אויך אַזוי געפילט. ס'איז געווען עפּעס ווי אַן „אוקאַז": צוריק אין שול אריין. האָב איך טאַקע געהערט טענות: וואָס מיינט ער, פּרץ — מיר זענען מאַנעקינען. ער נעמט אונדז אַרוים פון שול, ווען אים גלוסט זיך און שיקט אונדז צוריק אַהין, ווען אים פאַלט איין!

אָבער פּרץ האָט עס זיך זיכער נישט אַזוי געמיינט. שפּעטער, ווען פּרץ האָט גערופן „צוריק צום תנ"ך", האָב איך פאַרשטאַנען, אַז, אייגנטלעך, רעדט ער מער צו זיך אַליין, ווי צו אַנדערע. ער אַליין וואָלט וועלן צוריק גיין אין שול אריין, באַהעפטן זיך מיט כל ישראל דורך יידישע הנהגה; ער אַליין האָט געוואָלט צוריק צום תנ"ך, און ער איז טאַקע — אין די שאַפונגען פון זיינע לעצטע יאָרן — צוריק צו דער ביבל, צו די נביאים. אָבער די יוגנט האָט אַזוינס פון פּרצן נישט דערוואַרט. נאָר־וואָס האָט זי זיך, נאָך אַ שווערן קאַמף, אַן אינערלעכן, מיט זיך, און אַן אויסערלעכן, מיט דער סביבה, אָוועקגעריסן פון שול, פון דעם גאַנצן שווערן עול פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט און שוין הייסט מען איר צוריקגיין צו דעם. און ווער? פּרץ, דער עמוד-האש פון נייעם, פרייען וואָרט, פון רענעסאַנס. מילא, הלל צייטלין — ער איז עפּעס אַנדערש, טאַקע אַליין טיף-רעליגיעז, אַ פרומער ייד. אָבער דו, פּרץ!

פּרץ האָט געוווסט וועגן דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס זיין רוף „צוריק אין שול אריין" האָט געמאַכט אויף דער יידישער יוגנט, אַרבעטער און אינטעליגענץ, אָבער עס האָט אים נישט באַנג געטאָן, וואָרום ער

האָט עס געמיינט מיטן גאַנצן הארץ, נישט טאַקע ממש, אַז מען זאָל צוריקגיין אין שול אַריין, נאָר אַז מען זאָל זיך צוריק דערנענטערן צו דער טראַדיציע, צום כלל־ישראל. דאָס איז נישט געווען איינער פון זיינע מאָמענטאַנע אויסברוכן, איינע פון זיינע שטימונגען, וואָס מען פלעגט אים אָפט פאַרוואַרפן און משה שאליט, דער יידיש־העברעאישער שרייבער פון ווילנע, האָט אפילו אַמאָל, נאָך פּרצעס אַ פאַרלעזונג אין „ירושלים דליטא", אָנגעשריבן אַ זייער שאַרף אַרטיקל וועגן דעם, זאָגנדיק פּרצן: „פון שטימונגען מאַכט מען קיין פאָן נישט!" יאָ, פּרץ איז געווען אַ שטימונגס-מענטש, ווי יעדער גרויסער קינסטלער, ווי יעדע גרויסע פּערזענלעכקייט, אָבער זיינע שטימונגען האָבן זיך מאַניפעסטירט אין זיין קינסטלערישן שאַפן און אין זיינע ליטעראַרישע באַציאונגען. ווען ס'איז געקומען צו וויכטיקע פּראָבלעמען, האָט די ממשלה איבער אים געקריגן זיין קלאָרער קאָפּ, זיין לאָגיק. זיינע מיינונגען וועגן יידנטום, ציוניזם, סאָציאַליזם און אַנדערע גרונטיקע ענינים זענען געווען זיכערע, פעסטע — נישט פון אַ דיכטער, נאָר פון אַ דענקער, פון אַ טיפן דענקער, וואָס זיינע געדאַנקען זענען געקליידט אין קינסטלערישן לבוש.

***

פאַרן פאָרן קיין אַמעריקע — ווידער אַ שבת אינדערפרי, דעצעמבער 1912 — גיי איך צו פּרצן זיך געזעגענען. ער וווינט שוין דעמאָלט אין דער נייער, רייכער דירה אויף יעראָזאָלימסקע אַלייע. אויף דער טיר איז נאָך דאָ די אויפשריפט „פּאַרכאַטי זשיד" (קרעציקער ייד), וואָס אַ פּוילישער שכן האָט אויפגעשריבן מיט קרייד, צוליב פּרצעס העברעאיש שילדל אויף דער טיר און וואָס פּרץ האָט אַ לאַנגע צייט נישט געלאָזט אָפּמעקן — זאָל מען, הייסט עס, זען די הויכע קולטור פון זיינע פּוילישע שכנים...

איך טרעף פּרצן אין זיין מאַנטל, מיטן הוט אויפן קאָפּ, גרייט אַוועקצוגיין, און ער איז אין אַ צעררודערטן צושטאַנד. דינעזאָן האָט געזאָלט זיין ביי אים נאָך מיט אַ שעה צוריק און ער איז נאָך נישטאָ. פּרץ איז נערוועז, אומרואיק, וואָרום ער ווייס, אַז דינעזאָן איז פּינקטלעך ווי

א זייגער — האָט געמוזט עפּעס טרעפן. דאָס גרייט ער זיך טאַקע אַראָפּ־צופאָרן צו אים, וואָרום קיין טעלעפאָן האָט דינעזאָן נישט אין זיין בחו־רישן צימער, כאָטש דינעזאָן איז אַ געשעפטסמאַן, פירט אַן אַנאָנסן־ביוראָ. פּרץ לאָדט מיך איין מיטצוגיין מיט אים. איך דערפריי זיך, וואָס איך וועל זיין פּרצעס באַגלייטער. מיר לאָזן זיך אַרוים צו דער ווינדע. אָבער דאָ באַווייזט זיך דינעזאָן. פּרץ דערפרייט זיך מיט אים, אָבער ביי־זערט זיך כלומרשט, וואָס ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט...

***

פּרץ איז געווען אַ לעבעדיקע לעגענדע צווישן די יידן אין פּוילן און מ'דערציילט, אַז רבנים אָדער סתם לומדים, וואָס האָבן געהאַט אַ וויכוח מכח עפּעס אַ האַרבער סוגיא, צי אפילו וועגן אַן ענין פון כשר און טריף, האָבן זיך געווענדט צו דעם „אפּיקורס" פּרץ, אַז ער זאָל פּסקענען, אַזוי איינגעגלויבט איז מען געווען, אַז פּרץ קאָן אַלץ. צי אַזעלכע פאַלן האָבן באמת פּאַסירט, דאָס קאָן איך נישט קאַווירן. אָבער עס איז גענוג, אַז מ'האָט דערציילט אַזעלכע מעשיות און מ'האָט דערביי אפילו אָנגערופן די נעמען פון באַרימטע רבנים, וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים.

מיט אַזאַ פּאָפּולאַריטעט צווישן לומדי־תורה און רבנים האָט זיך בלויז נחום סאָקאָלאָוו געקענט פאַרגלייכן צו פּרצן.

***

ווען ב. וואָלאַדעק איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער פון וועג — פון דער שיף — צוגעשיקט אַ סעריע קליינע פּאַראָדיעס אויף שלום־עליכם, מענדעלע, פּרץ און דוד איינהאָרן — ווי יעדער פון זיי וואָלט „באַשריבן" דעם ים. די פּאַראָדיעס זענען, ווי אַ פעליעטאָן, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פריינד", וואָס איז דעמאָלט שוין דערשינען אין וואַרשע. פּרץ האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון די דאָזיקע געראָטענע פּאַראָדיעס, אונטער וועלכע עס איז געווען אונטערגעשריבן איינער פון וואָלאַדעק־טשאַרנים פּסעוודאָנימען: באָניע ברכות.

גלייך אויפן אָרט, נאָכן איבערלייענען די פּאַראָדיעס, האָט פּרץ

עקספּראָמט אָנגעשריבן אַ פּאַראָדיע אויף יעקב דינעזאָנען, ווי ער וואָלט באַשריבן דעם ים. יעקב דינעזאָן, דער גרויסער בעל־רחמנות, וואָס האָט אין זיינע דערציילונגען פאַרגאָסן טרערן אויף דער מערכה פון יתומים און אָרימע, האָט זיך שפּעטער אַרומגעטראָגן מיט פּרצעס פּאַראָדיע, ווו דער ים איז געווען אַן אומגליקלעכער יתום, וואָס ווערט כסדר געפּייניקט, געיאָגט און געשלאָגן פון זיין שטיפמאַמע, דער שטורעם...

*****

פּרץ, וואָס ער האָט אַש׳ן אַרויסגעפירט אין דער וועלט אַריין און אומגעהויער באַגייסטערט געווען פון זיין טאַלאַנט, האָט פונדעסטוועגן געקוקט אויף אים מיט אומרו און זאָרג, צוליב זיין היציקן טעמפּעראַמענט און זיין רייסן זיך צו פּאָפּולאַריטעט — אפילו „אויף יענער זייט פאַרקאַן". פּרץ האָט אויך גרייליך געוואָלט, אַז אַש זאָל צו זיין גרויסן טאַלאַנט אויך האָבן מער בילדונג, אָבער גיי מאַך עפּעס מיט אַש׳ן...

נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן פּרץ און אַש באַזוכט אַ ריי יידישע קהילות, גרעסערע און קלענערע, אין גאַליציע. אין דעם שטעטל בוטשאַטש, ווו פּרץ און אַש האָבן אין אַ דאָרטיקן זאַל רעפערירט וועגן דער טשערנאָוויצער יידיש־קאָנפערענץ, איז פאָרגעקומען אַ טרויעריקער אינצידענט: בעת אַש האָט גערעדט, האָט אַ יידישער סטודענט, וויינרעב, אַ העברעאיסט, כסדר געמאַכט צווישנרופן. אַש האָט אים צוגערופן צו דער טריבונע און ווען דער סטודענט איז צוגעקומען, האָט אַש אים אַראָפּגעלאָזט אַ פייערדיקן פּאַטש.

פּרץ איז געווען אויסער זיך. אָבער ס׳איז געווען פאַרפאַלן. נאָך דער פאַרזאַמלונג, ווען אַש איז אַרויס אין דרויסן, איז פון הינטן אונטערגעקומען וויינרעב און מיטן הענטל פון זיין שטעקן דערלאַנגט אַש׳ן איבערן קאָפּ.

אַש איז אַ לענגערע צייט אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. אויף דער באַן, פאַרלאָזנדיק בוטשאַטש, קוקט פּרץ אויף אַש׳ן, אויף זיין באַנדאַזשירטן קאָפּ און מאַכט צו אים מיט אַ שמייכל:

א. אלמי, אברהם זאק און צבי כהן (זיצנדיק)

פאָטאָגראפירט אין ווארשע אין יאָר 1912

— נו, איצט, אז דו האסט שוין אן אפענעם קאפ, וועסטו אפשר בעסער לערנען!...

***

אז פרץ זאל אומעטום פארנעמען דעם אויבנאן, איז געווען די נאַטירלעכסטע זאך, נישט דערפאר ווייל ער האט זיך געשטופט, נאר ווייל ער איז געווען א דאמינירנדיקע און דינאמישע פערזענלעכקייט און זיין חותם אויפן יידיש-קולטורעלן — און געזעלשאפטלעכן — לעבן פון פוילן איז געווען אומפארמיידלעך. אבער ס'איז געווען פונקט אזוי נאטירלעך, אז אנדערע יידישע שרייבערס זאלן זיין אייפערזיכטיק אויף זיין השפעה און טענהן, אז פרץ וויל זיין אומעטום דער פירער.

די דאזיקע אייפערזוכט האט געפונען דעם שארפסטן אויסדרוק אין א קאריקאטור, וואס דער טאלאנטפולער בראדאטי האט פארעפנטלעכט אין א ווארשעווער יידישער צייטונג: די קאריקאטור שטעלט־פאר א קאַרעטע, וווּ פרץ איז סיי דער אנטרייבער, סיי דער פאסאזשיר, סיי דאס פערד...

אין די יידישע שרייבער-קרייזן איז מען זיכער געווען, אז פרץ וועט זיך פילן שטארק געטראפן און געקרענקט. אבער דינעזאן האט דערציילט, אז פרץ האט שטארק הנאה געהאט פון דער קאריקאטור און געלויבט בראדאטין פאר דער פיינער צייכענונג. דערביי האט דינעזאן מוסיף גע־ווען, אז מכוח דעם עצם געדאנק פון דער קאריקאטור האט פרץ געזאגט:

— דאס איז א גרויסער קאמפלימענט. א יידישער שריפטשטעלער, וואס איז באמת אויסן די אינטערעסן פון פאלק, דארף אויך זיין גרייט זיך איינצושפאנען אין וואגן, ווערן א פערד, אויב נויטיק.

***

מ'האט א סך געשריבן וועגן פרץ דעם מחבר פון די פאלקסטימלעכע געשיכטן, וועגן פרץ דעם פאעט, פר"ץ דעם עסייאיסט און פובליציסט, אבער כמעט גארנישט וועגן פרץ דעם הומאריסט, פעליעטאניסט און סאַטיריקער.

איך מיין נישט דא בלויז דעם עלעמענט פון הומאר, וואס איז דא אין זיינע פאלקסטימלעכע געשיכטן, אפילו אין זיינע חסידישע מעשיות,

נאָר די הונדערטער שפּאַסיקע זאַכן, הומאָריסטישע פעליעטאָנען און לי־דער, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט — אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָנימען.

פּרץ איז אָבער גערן געווען אָפּצוגעבן מער צייט פאַר הומאָר, מיט־אַרבעטן אין הומאָריסטישע זשורנאַלן, נאָר ווייזט אויס, אַז די רעדאַק־טאָרן פון הומאָריסטישע זשורנאַלן איז נישט איינגעפאַלן — אָדער זיי האָבן נישט דערוואגט זיך — איינצולאַדן פּרצן מיטצואַרבעטן.

אין 1912 האָט מאיר גראָסמאַן, דער באַקאַנטער יידישער זשורנאַ־ליסט (אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַ רעוויזיאָניסטישער פירער), אָנגע־הויבן אַרויסצוגעבן אין בערלין אַ יידיש-הומאָריסטישן זשורנאַל „דער אשמדאי". איך האָב געוויזן פּרצן די איינלאַדונג, וואָס איך האָב באַ־קומען פון גראָסמאַנען, מיטצואַרבעטן אין זיין זשורנאַל.

פּרץ האָט געשמייכלט און מיר, דעם יונגן בחורל, אַ זאָג געטאָן: „אפשר קענט איר מיר געבן אַ רעקאָמענדאַציע צו גראָסמאַנען, אַז ער זאָל מיך אָננעמען פאַר אַ מיטאַרבעטער?"

איך האָב זיך אַ ביסל פאַרלוירן פון פּרצעס שפּאַס. אין אַ שטיקל צייט אַרום, בעת איך בין געווען אין בערלין, האָב איך גראָסמאַנען דער־ציילט וועגן פּרצעס שפּאַסיקער באַמערקונג און אים געראָטן איינצולאַדן פּרצן מיטצואַרבעטן. צי ער האָט עס געטון, ווייס איך נישט. סיי־ווי האָט דער „אשמדאי" געהאַט קורצע יאָרן — חדשים, מיין איך...

***

אַ זיידענער, חסידישער יונגערמאַן, אַ זונדל פון אַ רייכער פאַמיליע, וואָס האָט פאַרמאָגט עטלעכע מויערן אויף מוראַנאָווסקע גאַס און אויף אַנדערע גאַסן פון דער יידישער געגנט — האָט דווקא געוואָלט ווערן אַ יידישער שרייבער. ער האָט באַוואָרפן מיט מאַנוסקריפּטן די יידישע צייטונגען, צווישן זיי דעם „מאָמענט", ווו איך בין געווען סעקרעטאַר און ס'איז געווען מיין חוב צו לייענען מאַנוסקריפּטן, זיי רעקאָמענדירן דעם רעדאַקטאָר (צבי פּרילוצקי), אויב זיי האָבן געטויגט, און דערנאָך זיי רעדאַגירן; אָדער צוריקוויזן דעם בעל-יד, אויב איך האָב עס געהאַלטן פאַר גראַפאָמאַניע.

דער דאָזיקער חסידישער יונגערמאַן האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט, מיך פאַרבעטן צו זיך אין הויז אַריין, מיר צוגעזאָגט אַ פיינע באַלוינונג פאַר איבעראַרבעטן זיינע „זאַכן" און אים מאַכן פאַר אַ שרייבער. איינ-מאָל האָט ער מיר געבראַכט אַ מעשה „משה רבינוס טויט", געבויט אויף אַ מדרש-לעגענדע, וואָס איז געווען גאַרנישט שלעכט. איך האָב דעם מאַ־נוסקריפּט אַ ביסל באַאַרבעט און אים געראָטן צו גיין דערמיט צו פּרצן.

דער יונגערמאַן, וועמען איך און אַנדערע באַקאַנטע זיינע פלעגן רופן „דער בורזשוי" (זיין נאָמען, ליידער, פאַרגעסן) איז אַוועק צו פּרצן אין דער קהלה-שטוב, אין דער מתים-אָפּטיילונג, וווּ פּרץ האָט געאַרבעט. פּרץ איז געווען צו־שטאַרק פאַרנומען און אים געהייסן קומען אַן אַנדערמאָל. אַזוי איז ער געקומען עטלעכע מאָל און פּרץ איז אַלץ געווען פאַרנומען, ביז איינמאָל האָט ער אים געהייסן אַרויפקומען צו אים, פּרצן, אין דער דירה אַריין, נאָך 3 נאָכמיטאָג.

דער „בורזשוי" איז אַ גליקלעכער אַוועק צו פּרצן. נאָכדעם ווי פּרץ האָט איבערגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט, האָט ער אַ קוק געטאָן דעם מחבר אין פּנים אַריין און אים געזאָגט:

— איר האָט גוט געטון, וואָס איר זענט לכתּחילה געקומען אין דער מתים־אָפּטיילונג פון דער גמינע. אַ שאָד, וואָס איך האָב אייך געהייסן קומען אַהער... וואָרום אייער מעשה געהער צום מתים־שטיבל. איר האָט באַגראָבן אַ גוטע טעמע. ביז אַהער האָט מען נישט געוווסט וווּ משהס קבר געפינט זיך. איצט ווייס איך.

אָנשרייבנדיק פּ"נ (פּה נקבר) אויפן מאַנוסקריפּט, האָט ער אים דעם יונגנמאַן צוריקגעגעבן און אים צוגעפירט צו דער טיר...

ווען דער „בורזשוי" האָט מיר איבערגעגעבן פּרצעס רייד, האָב איך געטראַכט, אַז פּרץ איז צו-שאַרף געווען. איך האָב אים געטרייסט, נישט אַראָפּצופאַלן ביי זיך און ווייטער פּראָבירן זיין מזל.

דער „בורזשוי" האָט דעם מאַנוסקריפּט דאַן אַוועקגעשיקט קיין ניו-יאָרק, צו ד"ר חיים זשיטלאָווסקין — און זשיטלאָווסקי האָט „משה רבינוס טויט" אָפּגעדרוקט אין „דאָס נייע לעבן" (אין 1911 אָדער 1912).

XXI

הלל צייטלין

עס איז ביי אונדז אָנגענומען, ממש ווי אַ הלכה מסיני, אַז ליטווישע יידן זענען דורכאויס קאָפּ, טרוקענע ראַציאָנאַליסטן, דערצו איבערגע־שפּיצט, אָדער ווי דאָס פאָלק רופט זיי „צלם־קעפּ", אין היפוך צום ייד פון אוקראַינע און פּוילן, וואָס איז לויטער האַרץ, נשמה. דערפאַר, הייסט עס, האָט דער חסידיזם, וואָס באַזירט זיך דער עיקר אויף האַרץ, אויף געפיל, זיך מיט אַזאַ שנעלקייט פאַרשפּרייט איבער פּוילן און אוקראַינע, בעת די השכלה, וואָס איז דורכאויס ראַציאָנאַליסטיש געווען, איז געווען אַזוי דערפאָלגרייך אין ליטע.

וועל איך דאָ נישט אַריינגיין אין אַ קולטור־היסטאָרישער און פּסי־כאָלאָגישער שטודיע מכוח די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו אַזאַ צו־גאַנג צום ליטווישן ייד. מיר מעגן מסופק זיין דערין, אַז ס'איז באמת דאָ אַזאַ שאַרפע ליניע צווישן די ליטווישע און פּויליש־אוקראַינישע יידן. דער ליטווישער ייד איז זיכער נישט לויטער קאָפּ, ווי דער פּוילישער און וואָלינער ייד איז נישט לויטער האַרץ. נאָר דאָ וויל איך רעדן וועגן איין ליטוואַק, וואָס ער האָט אין זיין פּערזענלעכקייט סינטעטיזירט קאָפּ און האַרץ, געדאַנק און געפיל, דעם ווילנער גאון און רבי ישראל בעל־שם־טוב. — רב הלל צייטלין זצ"ל.

דער ליטוואק הלל צייטלין, וואס האט זיינע בעסטע יארן פאר־בראכט אין פוילן און דארט אומגעקומען על קידוש השם, מיט מיליאנען יידן, איז געווען דער שענסטער טיפ פון א חסיד, וואס מיר איז אויסגע־קומען צו באגעגענען. ער איז געווען חסיד און רבי צוזאמען, און דעם חסידיזם האט ער אויפגענומען מיט הארץ און מיט קאפ, מיט התלהבות און מיט פילאזאפישער זאכלעכקייט, מיט עמאציאנעלער און ראמאנטי־שער פארליבטקייט, ווי מיט געדאנקלעכער אינטערפרעטאציע.

איך דערמאן זיך וואס פארא אומגעהויערן רושם ס'האט געמאכט אויף דער יידישער יוגנט — און נישט בלויז אויף דער יוגנט — אין פוילן זיין איבערדיכטונג פון רבי נחמן בראצלאווערס חסידישע פילא־זאפיע, וואס איז דערשינען אין די העפטן פון א זשורנאל, וואס יינגערע יידישע שרייבער האבן ארויסגעגעבן אין ווארשע פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה — דאכט זיך, אז „נייע־צייט". עס איז אין דער איבער־דיכטונג אפשר געווען נישט ווייניקער צייטלין, ווי בראצלאווער, אבער ארויסגעקומען איז א רייכע סימפאניע פון דערהויבנדיקע געדאנקען און געפילן.

פונקט אזא טיפן רושם האבן געמאכט זיינע „בריוולעך צו דער יידי־שער יוגנט", וואס ער האט שפעטער פארעפנטלעכט אין „מאמענט". אין זיי האט געבלוטיקט א גרויסע יידישע נשמה, געוויינט אויף דער הפקרות, וואס האט זיך אריינגעריסן אין דער יידישער גאס, דער עיקר אין דעם יונגוואוקס; עס איז אין די בריוולעך געווען באלויכטונג, באלערונג, מוסר און אויך כעס. פארשטייט זיך, אז אין דער ראדיקאלער יידישער וועלט האבן די דאזיקע בריוולעך געמאכט א רושם פון א גאנץ אנדערן מין. פון דער ראדיקאלער וועלט, אדער פון דעם „ראדיקאלעכץ", ווי ה. צייט־לין האט דאס גערופן, איז מען אים באפאלן, אים געשטעמפלט פאר א שרעקלעכן רעאקציאנער; אויף א פארזאמלונג, וווּ רב הלל איז אויפגע־טרעטן, האט אפילו א יונגערמאן אים א ווארף געטאן אין פנים אריין: פאביעדאנאסצעוו!...

פארשטייט זיך, אז דאס אפשטעמפלען הלל צייטלינען פאר א רעאק־ציאנער, איז געווען לעכערלעך, נאריש, שווידערלעך אומגערעכט. האט

הלל צייטלין ליב געהאט די צארישע ארדענונג, אדער שפעטער די פוי־לישע האלב-פאשיסטישע הערשאפט? האט ער נישט געוואלט, אז דער יידישער ארבעטער — און יעדער ארבעטער ביי יעדן פאלק — זאל לעבן בעסער, פרייער און שענער? האט ער נישט געוואלט א פרייע, שיינע, ליכטיקע וועלט און שלום צווישן פאלק און פאלק און מענטש און מענטש? זיכער האט ער דאס אלץ געוואלט און געקעמפט פאר דעם מיט אלע זיינע חושים, ווי ער האט מיט אלע חושים פאראכט דעם צאריזם, ווי יעדע אנדערע דעספאטיע.

אבער זיין קאנצעפציע פון פרייהייט, גלייכהייט, שלום און אמת איז געווען א גאנץ אנדערע, ווי די פון א געוויסן מין געשווירענע ראדיקאלן, וואס זעען בלויז שפליטערלעך פון אמת און יושר און וואס די אידעאָ־לאגיע ווערט ביי זיי וויכטיקער פון דעם מענטש. קודם-כל האט ער נישט געקענט אפטיילן און אויסטיילן דעם יידישן ארבעטער פון דעם יידישן פאלק. ער האט נישט געגלויבט אין אזא קלאסיפיקאציע פון קלאסן. ער האט אויך נישט געהאלטן פון פארקויפן די בכורה פאר א טאפ לינדזן — און יענע לייט, וואס געהערן צו יענעם טיפ „ראדיקאלעכץ", האלטן אין איין פארקויפן, אדער אויסטוישן: אויב ווּיסנשאפט, איז אוים רעליגיע; אויב רעוואלוציע, איז אוים גאט; אויב גלייכהייט, איז אוים יידנטום; אויב ברויט מיט פוטער, איז אוים מיט די אינערלעכע, גייסטיקע בענק־שאפטן אין דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. עס איז ווי פארקויפן די שיך פאר א היטל און די הויזן פאר א רעקל.

און אזוי ווי קודם-כל קומט ביי אים דער מענטש, דער ייד, נישט די אידעע, אדער אידעאלאגיע, מעג זי ווי שיין און דערהויבן זיין, האט ער זיך נישט געקענט פארקשנט-סעקטאנטיש ביי איין „איזם", אויב דער „איזם" האט אין דעם געגעבענעם מאמענט נישט געשטימט מיט די באדערפענישן פון דעם ייד, ווי ער האט זיי אויפגעפאסט און פארשטאנען. דערפאר איז הלל צייטלין, דער תורה-ייד, וואס זיין ליב־שאפט צום עם ישראל און ארץ-ישראל איז געווען אין לשער, צוגעשטא־נען צו דער טעריטאריאליסטישער באוועגונג, גלויבנדיק, אז ארץ-ישראל איז שיינע צוקונפט-מוזיק, אבער דער ארימער, דערשלאגענער ייד פון

פוילן, פון מזרח-אייראָפּע בכלל, מוז ב א ל ד געפינען אַ זיכערן, מעג זיין אַ צייטווייליקן, מקום-מנוחה. מיר דערמאָנט זיך דאָ, אַז ווען פּראָפ. מאַנדעלשטאַם, דער האַרציקער ייד, ציוניסט-טעריטאָריאַליסט, איז געשטאָרבן, האָט דער „מאָמענט" דעלעגירט הלל צייטלינען צו פאָרן צו דער לוויה קיין קיעוו. עטלעכע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע, צווישן זיי דער רעדאַקטאָר, צבי פּרילוצקי, זענען דאַן אַוועק צו צייטלינען אהיים, אויף שליסקע 60. צבי פּרילוצקי, אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער ציוניסט, נאָך פון די אַלטע חובבי-ציון, האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז הלוואי וואָלט דער טעריטאָריאַליזם געשטאָרבן און דער ליבער פּראָפ. מאַנדעלשטאַם געבליבן לעבן.

הלל צייטלין האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, זיך פאַרטראַכט און דאַן, אַלץ קוקנדיק שאַרף פּרילוצקין אין פּנים אַריין, אַרויסגערעדט:

—און ווען מאַנדלשטאַם אַליין וואָלט די ברירה געהאַט, וואָלט ער ליבערשט אויסגעקליבן דעם טויט פאַר זיך, ווי פאַר דעם טעריטאָריאַליזם.

מען האָט געלאָזט וויסן, אַז די דראָשקע שטייט שוין אין הויף און וואַרט אויף צייטלינען, אים צוצופירן צום וואָקזאַל. אַלע האָבן זיך געזעגנט מיט צייטלינען. בלויז איך, דער סעקרעטאַר פון „מאָמענט", בין געבליבן, צו באַגלייטן צייטלינען, פאַר אים קויפן אַ באַן-בילעט און זען, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג.

צייטלין איז נישט געווען אַזוי אומבאַהאָלפן, אָבער דער ענין פון קויפן אַ בילעט, דאָס שמעקט שוין מיט געלט טראַנזאַקציע און דאָס איז עפּעס פרעמד און דערווידער געווען צייטלינען. יעדנפאַלס איז אַזוי מיין איינדרוק געווען. חוץ דעם איז אים פרעמד געווען דאָס לויפן, איילן, שטופּן זיך, וואָס איז נייטיק ביי אַ באַן, און ער האָט נאָך געקענט פאַרשפּעטיקן דעם צוג.

אויף געוויסע צדיקים זאָגט דאָס פאָלק נאָך אַ שבח, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט קיין צורת-מטבע. דער שבח פּאַסט זיך זייער אויף צייטלינען. געלט איז עפּעס געווען אַ טמא ענין פאַר אים — צו האַלטן עס; געלט ווערט ערשט געלייטערט, ווען מען גיט עס אַוועק פאַר אַ דבר-צדקה,

א דבר־מצווה. און ווען צייטלין איז אינדערפרי אויפן וועג צו דער רע־דאקציע און אן אָרימער ייד, אָדער א יידענע שטרעקט אוים א האנט צו אים, שטעקט ער אריין די האנט אין קעשענע, נעמט ארוים די מטבעות, וואס ליגן דארט און גיט זיי אוועק דעם אָרימען מענטש. אין טראַמוויי, ווען דער קאָנדוקטאָר קומט צו אים צו, כאפט ער זיך ערשט, אז זיינע קעשענעס זענען ליידיק. א סך אַזעלכע מעשיות פלעגט מען אין ווארשע דערציילן וועגן צייטלינען. אפילו ווען זיי זענען געווען איבערגעטריבן, זענען זיי אָבער כאראקטעריסטיש פאר אים.

די איינוווינער פון שליסקע 60, ווו די צייטלינס האָבן געוווינט יאָרן-לאַנג, זענען זייער שטאָלץ געווען, וואָס רב הלל צייטלין איז זייער שכן. שליסקע 60 איז בכלל דעמאָלט געווען א ליטעראַריש הויז. דאָרט האָבן אין יענע יאָרן, פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה, אויך געוווינט פישל ליאַכאָווער, דער העברעאישער קריטיקער; אהרן לאַנגזאַם, אן אָקסן-סוחר מיט ליטעראַרישע אַמביציעס, וועלכער האָט טאקע פארעפנטלעכט אין דער יידישער פרעסע פיינע דערציילונגען און פעליעטאָנען; און צבי כהן, דער יידיש-העברעאישער שריפטשטעלער. אין צייטלינס שטוב גופא האָט זיך שוין געצייטיקט זיין בכור אהרן, וועלכער האָט צו 13 יאָר פאר עפנטלעכט א ליד אין העברעאיש. אין יענעם הויף האָט דעריבער אַלע-מאָל געשוויבלט און געגריבלט מיט יידישע און העברעאישע שרייבער, אינטעליגענטן און סתם יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געצויגן צו צייטלינען, צו הערן פון אים א וואָרט. איינמאָל, געדענק איך, ס'איז געווען אין א יום-טוב, פסח, דאכט זיך, בין איך אריין אויף שליסקע 60, דאָסמאָל אויף א באַזוך צו צבי כהנען, האָב איך אין הויף אָנגעטראָפן א רעדל יידן. אַלע האָבן זיי געקוקט ארויף־צו, צו איין פונקט, געקוקט און גע-שוויגן. האָב איך אויך ארויפגעקוקט און דערזען ווי הלל צייטלין זיצט ביים אָפענעם פענצטער, א פארטראַכטער.

נישט זעלטן האָט געטראָפן, אז אין רעדאַקציע פון „מאָמענט" האָט זיך אריינגעשטעלט א ייד פון דער פראָווינץ און אז מען האָט אים גע-פרעגט וואָס און וועמען ער דאַרף, האָט ער ארויסגעשטאַמלט: רב הלל צייטלין. איין ייד אַזא, וואָס האָט געפרעגט אויף צייטלינען און מען

האט אים געזאגט, אז ער איז פארנומען, האט זיך מודה געווען, אז, אייגנטלעך, האט ער קיין שום ענין נישט צו רב הלל צייטלינען. ער וויל בלויז אים אנקוקן. איז אפשר מעגלעך צו עפענען די טיר פון דעם קאַבינעט, ווו צייטלין זיצט... אויף איין מינוטקעלע... ער וועט בלויז א קוק געבן, איין קוק... מען האט דעם ייד צוליב געטאן און ער האט טאקע א קוק געטאן און אוועק א צופרידענער. צייטלין, וועלכער איז געזעסן פארטיפט אין שרייבן זיין ארטיקל אויף בייטל-פאפיר, אונטערברומענדיק עפעס א ניגון, ווי זיין שטייגער איז געווען, האט די גאנצע סצענע אפילו נישט באמערקט.

הגם א חסידישער דענקער, אדער א פילאסאפיש-רעליגיעזער חסיד, איז ער צייטנווייז אריינגעפאלן אין עצבות, וואס דאס זעט אויס ווי א ווידערשפרוך צו דער חדווה, פרייד, וואס חסידיזם פרעדיקט. אבער אויב דאס איז טאקע געווען עצבות, ווי מיר האבן דאס אויסגעטייטשט, בעת ער איז ארומגעגאנגען פארזונקען אין זיך און געקוקט מיט טרויעריקע אויגן אין דער וועלט אריין און אפילו זיין דעמאלט רויטע בארד איז, דאכט זיך, טונקעלער געווארן, אדער דאס איז סתם געווען פארטראַכטקייט — איז אט די שטימונג זיינע זיכער נישט געווען פון פערזענלעכן כאראקטער. די יידישע לאגע איז געווען א שווערע, א ביטערע, די צאַרישע פארפאלגונגען, דער אנטיסעמיטיזם אין פוילן — דאס האט זיך שווער געלייגט אויף זיין געמיט, ווי דאס איז געווען צו זען נישט נאר פון דער מרה־שחורה, וואס פלעגט זיך צייטנווייז אוועקלייגן אויף זיין פנים, נאר אויך — און טאקע דער עיקר — פון זיינע ארטיקלען, וואס האבן געשריגן מיט יידישן ווייטיק, מיט יידישן צער, אבער גלייכצייטיק אויך מיט יידישן בטחון.

מיר דערמאנט זיך אזא פאל. דאס איז געווען אין זומער 1911. דער „מאמענט" האט געגעבן פרעמיעס די לייענער — ערד־שטחים אין מילאסנע, נישט ווייט פון ווארשע, ווו מען האט אפגעקויפט אן אלטן פריצישן גוט, צוזאמען מיט דעם שלאס. יעדן טאג האט זיך אויף דער ערשטער זייט פון „מאמענט" געדרוקט א קופאן, וואס די לייענער האבן געדארפט אויסשניידן און דערנאך צושטעלן א געוויסע צאל פון זיי,

אויסגעפילט מיט די נעמען און אדרעסן. דאן האט מען געצויגן א גורל, אין דער אנוועזנהייט פון באוווסטע יידישע כלל-טוער, און ווער עס האט זוכה בגורל געווען, האט באקומען אן אנווייזונג אויף א שטיק באדן אין מילאסנע. מיט דער צייט האט מען אויף די ערד-שטחים, ארומגערינגלט מיט וואלד, געזאלט בויען היימען פאר די גליקלעכע געווינער.

אגב, האבן אויך די אנדערע צייטונגען, דעם אנהייב האט, דאכט זיך, געמאכט דער „היינט", געגעבן אלערליי פרעמיעס, כדי צוצוציען לייענער. ש. ראזענפעלד האט דעמאלט פארעפנטלעכט אין „פריינד" א סעריע ארטיקלען אונטערן נאמען „דאס צעטל", ווו ער האט מיט ביטערקייט גערעדט וועגן דער דאזיקער מעטאדע צו געווינען לייענער. די סעריע ארטיקלען איז דערנאך ארויס אין א בראשור. דאס געלט פאר דער בראשור האט צוגעשטעלט מיין פריינט גדליה ווייסבארד, וועלכער האט געארבעט אין דער אדמיניסטראציע פון „פריינד" און א טייל פון דער סומע האט ווייסבארד געליען ביי מיר — אזוי ארום איז א מיטארבעטער פון „מאמענט" געווארן אן אומדירעקטער שותף צו א ביטערער אטאקע אויפן „מאמענט"... פארשטייט זיך, אז דאס האט געמוזט בלייבן א שטרענגער סוד צווישן ווייסבארדן און מיר.

ווען עס זענען שוין געווען גענוג זוכה-בגורלניקעס, האט דער „מאמענט" אראנזשירט אן אויספלוג קיין מילאסנע. עס זענען ארויסגעפארן א צאל מיטארבעטער פון „מאמענט", מיטן רעדאקטאר צבי פרילוצקי בראש, צווישן זיי הלל צייטלין, מרדכי ספעקטאר, דוד דרוק, י. א. לייזעראוויטש (איזידאר לאזאר), דער פאעט און פעליעטאניסט; י. ח. זאגאראדסקי, י. י. פויזנער; די ארויסגעבער פון „מאמענט", מיטגלידער פון דער אקציען-געזעלשאפט „יידישע פרעסע", וואס האט דעם „מאמענט" ארויסגעגעבן: חיים פרושאנסקי מיט זיין פרוי לאה פרושאנסקי, א שריפטשטעלערין; אליעזר זילבערבערג, מאגנוס קרינסקי, דער יידישהעברעאישער פעדאגאג; ווי אויך די פרוי פון צבי פרילוצקי („פעפי"), זייערע טעכטער און זייער יינגסטער זון, נחמן; הלל צייטלינס פרוי; דער „מאמענט"-אדמיניסטראטאר ס. טארטאצקי מיט זיין פרוי, זין און טעכטער; א צאל יידישע כלל-טוער, די זוכה-בגורלניקעס און סתם לייענער.

אין מילאסנע נעבן וואַרשע

דער ערשטער אויספלוג אויפן פּלאַץ, וווּ מען האָט געזאָלט גרינדן די „מאָמענט"-קאָלאָניע (אין יאָר 1911).

צווישן עולם געפינען זיך: 1) חזן גרשון סיראָטא, 2) נפתלי טורקאָוו, 3) א. אלמי, 4) אליעזר זילבערבערג, 5) י. א. לייזעראָוויטש. (איזידאָר לאזאר), 6) אהרן לאנגזאם, 7) א. טארטאצקי, 8) הלל צייטלין, 9) דוד דרוק, 10) י. ח. זאגאראָדסקי, 11) מרדכי ספעקטאָר, 12) צבי פּרילוצקי, 13) מאגנוס קרינסקי, 14) חיים פּרוזשאנסקי, 15) פרוי צייטלין, 16) פרוי פּרילוצקי, 17 און 18) פּרילוצקים טעכטער, 19) נחמן פּרילוצקי, 20) אהרן צייטלין, 21) נפתלי זילבערבערג.

אין מילאָסנע האָט אונדז באַגעגנט אַן אָרקעסטער, וועלכער האָט געשפּילט יידישע מעלאָדיעס. אינעווייניק, אין דעם אַלטן פּריצישן שלאָס, זענען געשטאַנען געדעקטע טישן מיט אַלערליי געטראַנקען און פאַרבייסן. חיים פּרושאַנסקי האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער און פּראָקלאַמירט מי־לאָסנע אַלס „מאָמענט"-קאָלאָניע... נאָך דער אָפיציעלער שמחה האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט, אָדער אויפגעשטעלט, אויף די טרעפּ פון דעם אַלטן ווייסן שלאָס, זיך צו פאָטאָגראַפירן. דאָ כאַפּט מען זיך, אַז הלל צייטלין איז נישטאָ. לייזעראָוויטש און איך לאָזן זיך אַוועק אים זוכן. מיר גע־פינען אים אין וואַלד, ווו ער שטייט צווישן דיביימער, אַ פאַרטיפטער אין מחשבות. מיר רופן אים צו קומען מיט אונדז זיך פאָטאָגראַפירן. ער גייט נישט גערן, אַ שווייגנדיקער, אַ מרה־שחורהדיקער. דער פאָטאָגראַ־פיסט אַרבעט מעשים, שטעלט אונדז איבער, הייסט דעם זיך אָראָפּבייגן, יענעם פאַררייסן דעם קאָפּ העכער. די פּראָצעדורע שלעפּט זיך ווי פון פּעך. אַז אַלץ איז שוין אין אָרדענונג, כאַפּט זיך עמיצער, אַז צייטלין איז ווידער פאַרשוווּנדן. דאָסמאָל לויפט שוין לייזעראָוויטש אַליין צום וואַלד און ברענגט אים צוריק. דער פאָטאָגראַפיסט מוז די אַרבעט אָנ־הייבן פון דאָסניי און ער איז שטאַרק אין כעס. ער האָלט שוין אַן אויג אויף צייטלינען און ווען ער באַמערקט, אַז צייטלין גיט זיך אַ הייב, ווידער גרייט אַוועקצוגיין, פאַלט ער פּשוט אַריין אין אַ רציחה. אָבער צייטלין זעצט זיך צוריק אַנידער און דאָס בילד ווערט, ענדלעך, גענומען.

ביים צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין, איז צייטלין געזעסן אַ שווייגנ־דיקער, אַ פאַרמוחטער, בעת אַלע אַנדערע האָבן הויך גערעדט, פאָרגע־זאָגט, אַז מילאָסנע וועט אויסוואַקסן אַ גרויסע יידישע גאָרטן-שטאָט — און ס'וועט זיין אַ היסטאָרישער פאַרדינסט פון דעם „מאָמענט". צייט־לין האָט, ווי ס'האָט אויסגעזען, גאָרנישט געהערט וואָס אַרום אים טוט זיך. אָבער פּלוצלינג גיט ער זיך אַ קער צו צבי פּרילוצקין און פּרושאַנס־קין, וועלכע זענען געזעסן איינער נעבן אַנדערן:

— איר, אַלס אומקאָמפּראָמיסלעכע ציוניסטן, וואָס איר זענט אַזוי שטאַרק קעגנעריש צום טעריטאָריאַליזם, איר וואָלט ליבערשט געדאַרפט

געבן די לייענער לאַנד-פּרעמיעס אין ארץ ישראל, אַנשטאָט אין מי־לאַסנע... אין פּוילן בויען מיר אויפן ווינט.

קיינער האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט מיט דער קורצער באַמערקונג צעשטערט די שמחה, די האָפּעריקייט.

פון דער געפּלאַנטער „מאָמענט"-קאָלאָניע אין מילאָסנע איז טאַקע גאָרנישט געוואָרן.

***

בעת מיין באַזוך אין פּוילן אין 1934, האָב איך צייטלינען געטראָפן אין רעדאַקציע פון „מאָמענט", ווען ער איז אויף איין טאָג אריינגעקומען אין שטאָט פון דער דאַטשע. ער האָט מיך כמעט גאָרנישט געפרעגט וועגן מיין פּערזענלעך לעבן, נאָר מיך אויסגעפרעגט וועגן יידנטום אין אמעריקע, וועגן דעם חינוך, רעליגיעזע אינסטיטוציעס, כאָטש ער איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס גייט-אָן אין דער יידישער וועלט פון אמעריקע. אין 1939, עטלעכע וואָכן פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, האָב איך ווידער באַזוכט וואַרשע. צייטלין איז נישט געווען אין שטאָט און איך האָב זיך געגרייט צו אים אַראָפּצופאָרן. אָבער איינמאָל, גייענדיק מיט פּראָפּוסן אויף דער גאַס, שרייט פּראָפּוס אויס:

— אָט איז רב הלל!

צייטלין איז יענעם טאָג געקומען אין שטאָט אריין, צו עפּעס אַן אסיפה. זיין באָרד איז שוין געווען אינגאַנצן ווייס. נאָכן באַגריסן זיך, איז זיין ערשטע פראַגע געווען:

— איר גלויבט טאַקע, אלמי, אַז עס וועט זיין געפערלעך פאַר די יידן אין אמעריקע צו שטימען אין די וואַלן אַלס יידן, אַנשטאָט אַלס מיטגלידער פון פאַרשידענע פּאַרטייען?

אָט אַזוי, גלייך ער וואָלט פאַרגעזעצט אַ שמועס, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט... אָבער... דאָס האָט זיך צייטלין באַצויגן אויף אַ פּאָלעמיק, וואָס איך האָב מיט עטלעכע יאָר פריער געהאַט פאַרפירט מיט אים אין „מאָמענט" מכוח דעם דאָזיקן ענין. צייטלין האָט געהאַלטן, אַז

די יידן אין אמעריקע דארפן ארויסשטעלן א פאראייניקטן „באלאט", אלס יידן — און אזוי ארום פארשטארקן זייערע פאזיציעס.

צייטלין האט זיך געאיילט און מיר האבן נישט געקענט לאנג שמועסן. ער האט זיך שטארק אנטשולדיקט און מיך געבעטן ארויסצו־קומען צו אים אויף שבת. אין דער לופט האט שוין געשמעקט מיט פול־ווער. דער פוילישער אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק פליט קיין בערלין, צו היטלערן, אבער אין ווארשע גלויבט קיינער נישט, אז היטלער וועט מאכן אנהייבן א מלחמה. היטלער סטראשעט בלויז! פון די יידישע שריפטשטעלער איז בלויז ריקלים (לידיק) זיכער, אז ס'וועט זיין מלחמה און ער ווארנט מיך וואס שנעלער צו פארלאזן פוילן.

איך פארלאז ווארשע מיט א שווער געמיט. אבער ווער האט זיך דעמאלט, אין מיטן אויגוסט 1939, געקענט ריכטן אויף דעם מוראדיקן אומגליק, וואס רוקט זיך אן אויף אונדזער פאלק?

XXII

אַנאַרכיזם און ציוניזם

נאָך מיט יאָרן פריער, איידער פּיאָטר קראָפּאָטקין, דער גרויסער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָג, האָט געפּסקנט — אויף דער שאלה פון אַ יידישן סטודענט — אַז מען קאָן זיין אַן אַנאַרכיסט און אַ ציוניסט אין דער אייגענער צייט, האָב איך דעם דאָזיקן דואַליזם דורכגעפירט אין דער פּראַקטיק. אָבער איך האָב נישט געוווסט, אַז מען מעג. אדרבא, איך האָב געפילט, אַז איך טו עפּעס נישט קיין שיינע זאַך, ווען איך האָב אין עלטער פון 14-15 יאָר אָרגאַניזירט צוויי יוגנטלעכע גרופּעס, אַ ציוניסטישע און אַן אַנאַרכיסטישע, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט העלפן, וואָרום „צוויי נשמות האָבן געקלאַפּט אין איין ברוסט". מיך האָט געצויגן דער ראָמאַנטיזם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און די פרייהייטלעכקייט פון דעם אַנאַרכיזם.

די ציוניסטישע גרופּע האָב איך אַ נאָמען געגעבן „תקות ציון" און מיר פלעגן אָפּהאַלטן אונדזערע פאַרזאַמלונגען אָדער אונטערן פרייען הימל, אין אַ גאָרטן, אָדער אויסערן שטאָט, אָדער אין דער מזרחיסטישער שול „תפארת ציון", ווו ר' מענדל וואַלמאַן, שפּעטער באַרימט געוואָרן אין ארץ ישראל, ווו ער האָט זיך באַזעצט ווי אַ וויכטיקער יידישער געלערנטער, איז געווען דער גייסטיקער פירער; אָבער געטוליעט האָבן מיר

זיך צו זיין זון, לייבל (י. ל.) וואַלמאַן, וואָס האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן — עד היום הזה — אויסגעצייכנט אַלס יידישער שריפטשטעלער — דראַמאַטורג און פּובליציסט.

י. ל. וואַלמאַן פלעגט פאַר אונדז האַלטן רעדעס און אונדז געלויבט פאַר אונדזער טעטיקייט. מיר האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין פאַרקויפן נאַציאָנאַל-פאָנד מאַרקעס...

פאַר אונדזער גרופּע פלעג איך אויך צונויפשטעלן אַ בלעטל, וואָס האָט געהייסן דעם זעלביקן נאָמען, וואָס די גרופּע: „תקות ציון". גע-וועגלעך פלעג איך דאָס בלעטל אַליין אויספילן מיט אַרטיקעלעך, לידער און אַלערליי ידיעות. אַמאָל פלעג איך אויך עפּעס אַרויסנעמען פון דער יידישער און העברעאישער פּרעסע.

***

די אַנאַרכיסטישע גרופּע האָבן מיר אָנגערופן „די רויטע האַנט" — נישט מער און נישט ווייניקער. פאַר דער דאָזיקער גרופּע האָב איך גע-שריבן פייערדיקע אַנאַרכיסטישע פּראָקלאַמאַציעס, כאָטש — מוז איך זיך מודה זיין — איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ גאַנץ שוואַכן באַגריף פון דער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע, אַ פּשיטא שוין פון דעם אונטערשייד צווישן דעם אינדיווידואַליסטישן און קאָמוניסטישן אַנאַרכיזם.

די אַנאַרכיסטן פלעגן אין יענע יאָרן אָרגאַניזירן עקספּראָפּריאַציעס, אָבער פּשוטע באַנדיטן האָבן דאָס אויסגענוצט. ס'האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז עטלעכע חברה-לייט, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, זענען אַריין אין אַ געשעפט, אָדער אין אַ פּריוואַטער רייכער דירה און אויס-געדופן: „אין נאָמען פון די אַרטיסטן-קאָמאָליסטן אינטערנאַציאָנאַל פאָדערן מיר פון אייך"... א. אז. וו. דאָס האָבן זיי, נאַטירלעך, געמיינט צו זאָגן: אַנאַרכיסטן-קאָמוניסטן.

אונדזער יוגנטלעכע אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט וועלכע ס'איז אַנדערע אַנאַרכיסטישע גרופּעס. מיר האָבן אַליץ געטאָן אויף אונדזער אייגענער איניציאַטיוו און אחריות. „גע-טאָן" איז צו אַ שטאַרק וואָרט, ווייל געטאָן האָבן מיר כמעט גאָרנישט —

אויסער, וואָס מיר האָבן געשיקט דראָאונגס-בריוו צו געוויסע יידישע הויז־איינגנטימער — און קודם-כל צו דער אייגנטימערין פון הויז, ווו מיר האָבן געוווינט — אַז זיי זאָלן אויפהערן צו רייסן דירה־געלט און ארויסשטעלן אַרימעלייט פון די דירות פאַר נישט צאָלן דירה־געלט.

מיינע נאָענטע מיטאַרבעטער זענען געווען לייבוש דאַווידזאָן, ווי ער רופט זיך אין אַמעריקע, אָדער דאַווידאָוויטש, ווי ער האָט געהייסן אין וואַרשע; הערשל, שמאַילע, זבולן בין, וואָס האָט אין אַמעריקע גע־ביטן זיין נאָמען אויף זאַלאַ... און נאָך עטלעכע, וואָס זייערע נעמען האָב איך שוין פאַרגעסן.

כאָטש די דאָזיקע נאַאיווע יוגנטלעכע גרופּע האָט אַזוי גוט ווי גאָר־נישט אויפגעטאָן פאַרן אַנאַרכיזם, איז די פּאָליציי געפאַלן אויף אירע שפּורן און דער דערמאָנטער הערשל איז אַרעסטירט געוואָרן. הגם ער איז נאָך געווען כמעט אַ קינד, אַרום 16 יאָר אַלט, האָט מען אים פאַר־שיקט קיין סיביר. די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט אים, צוזאַמען מיט אַזוי פיל טויזנטער אַנדערע קרבנות פון צאַריזם, באַפרייט און מיט יאָרן שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז ער איז געוואָרן אַ גרויסער מאַכער ביי די באָלשעוויקעס.

***

אַ מיידל אין מיינע יאָרן, צעשע, אַ דאַרינקע, אַ צאַרטע, אַ סימ־פּאַטישע, אָבער פול מיט ענערגיע, מיט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט, האָט מיך דעמאָלט געוואָלט צוציען צו די „פּ. פּ. ס." (פּוילישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי), ווו זי איז געווען זייער אַקטיוו. דאָס אַליין איז נישט וויכטיק. דערמיט איז אָבער פאַרבונדן אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע:

ווען אונדזער אַנאַרכישע גרופּע איז פונאַנדערגעפאַלן, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין ווין און קראָקע, ווו איך האָב פאַרבראַכט אַ שטיק צייט. אין קראָקע האָב איך מיך באַגעגנט מיט אַ געוויסן א. ב. און זיין פרוי. דאָס פּאָרל האָט זיך נאַר־וואָס געהאַט אומגעקערט פון אַמעריקע, ווו א. ב. איז געווען אַן איינבינדער. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער, אַליין פון דער ליטע, האָט געדינט אין רוסישן מיליטער אין וואַרשע, ווו ער איז

געווען א מיטגליד פון א געהיימען מיליטעריש־רעוואלוציאנערן קאמי־טעט. דער קאמיטעט איז „פארשיט" געווארן און ער איז אנטלאפן קיין אמעריקע.

איצט וויל ער צוריקפארן קיין ווארשע. אבער ווי אזוי? האט ער מיך געבעטן, אז ווען איך וועל צוריקקומען קיין ווארשע, זאל איך זיך זען מיטן אדוואקאט סטאניסלאוו פאטעק (אט־דער, וואס דאס באפרייטע פוילן האט אים, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געשיקט אלס אמבא־סאדאר קיין וואשינגטאן), און פאטעק וועט מסתמא קענען עפעס פאר אים טון, אים צו בשרן... צוריקקומענדיק קיין ווארשע, האב איך זיך אנגעהויבן נאכפרעגן ווי צוצוקומען צו פאטעקן, האט מיר עמיצער אנגע־וויזן אויף צעשען, אן איינגייערין אין פאטעקס הויז.

פאטעק האט גארנישט געקענט טון. אבער מיט עטלעכע טעג שפע־טער טרעף איך אן אין ווארשע, אויף מארשאלקאווסקע גאס דעם א. ב. — און אין א זעלנערישן אוניפארם. דאס האט מיך איבערראשט, אבער ב. האט מיר דערציילט א לאנגע מעשה ווי אזוי ער האט זיך דורך „לאפ־קע" אויסגעקויפט פון זיינע זינד און מ'האט אים מוחל געווען. מיט א שטיקל צייט שפעטער טרעף איך אים ווידער — דאסמאל שוין אין ציווילע קליידער. ווידער עפעס א מעשה, וואס האט זיך נישט געקלעפט. איך האב אנגעהויבן חושד זיין, אז עפעס איז דא נישט גלאט, אבער קיין שום באווייזן האב איך נישט געהאט.

אט־דער א. ב. האט זיך ליב געהאט צו חברן מיט יידישע שרייבער, אזוי אין קראקע, ווו ער האט זיך געדרייט ארום אברהם רייזענען, און אברהם וויעוויארקען, וועלכער האט דעמאלט זיך אויך געפונען אין קראקע; און אזוי אין ווארשע, ווו ער האט זיך דער עיקר באפריינדט מיט משה טייטשן.

איינמאל, א שבת פארנאכט, טרעף איך אים אין זאקסישן גארטן, אין דער „ליטערארישער אלייע". ער האט זיך מיט מיר אפגעשטעלט אויף עטלעכע מינוט און אוועק. באלד ווי ער איז אוועק, קומט צו מיר צו אן אומבאקאנטער בחור און זאגט מיר שטיל:

— „היט זיך פאר דעם חברה-מאַן, ער איז אַ שפּיאָן”.

***

ס׳איז אַריבער אַרום אַ יאָר און איך האָב אים מער נישט געזען. אַ געוויסן שבת בין איך אַראָפּגעפאָרן קיין ראַדאָם, ווו איך האָב געהאַט פריינט, צווישן זיי יוסף ראָזענפעלד, אַ יונגער שרייבער, וואָס האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין ארץ-ישראל. מיט אַ גאַנצער חברה יונגוואַרג בין איך אַוועק אויף אַ שפּאַציר אין „אַלטן גאָרטן”. מיר האָבן דאָרט גוט פאַר-בראַכט, אָבער פּלוצלינג ווערט אַ פּאַניק און מיינע באַגלייטער הויבן אָן לויפן, שרייענדיק: „די אָכראַניקעס!”. איך קוק זיך אַרום און דערזע א. ב. מיט נאָך עטלעכע יונגען. „איך קאָן דאָך אים!” — רוף איך צו מיינע באַ-גלייטער, נאָר זיי שלעפּן מיך, אַז איך זאָל שנעל אַנטלויפן.

שפּעטער האָבן זיי מיר דערציילט, אַז דער א. ב. איז איינער פון די הויפּט-פירער פון דער אָכראַנע אין ראַדאָם.

***

א. ב. האָט מיך, ווייזט אויס, נישט געזען. אַ סימן האָב איך, אַז איינ-מאָל — ס׳איז געווען אין מיינע ערשטע חדשים אין אַמעריקע, כאַפּט ער זיך מיט מיר אַרום אויף צווייטער עוועניו. דאָס גאַנצע בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין, אָבער איך האָב זיך קאָנטראָלירט, גענומען ביי אים דעם אַדרעס און דערנאָך געוואָלט אים דאָ דעמאַסקירן, אָבער יעדער איינער האָט מיר דערקלערט, אַז ווי באַלד איך האָב נישט קיין איבערצייגנדיקע באַווייזן, קאָן מען גאָרנישט טאָן. איך וועל בלויז אַריינ-קריכן אין אַ צרה.

מיט יאָרן שפּעטער — דאָס איז שוין געווען אין 1938 — האָב איך אים נאָכאַמאָל באַגעגנט. איך האָב שפּאַצירט אין וואַן־קאָרטלאַנד פּאַרק, אין בראָנקס. פּלוצלינג הער איך עמיצן שרייען: משה טייטש, משה טייטש! איך קוק זיך אַרום — און ס׳איז א. ב. ער האָט מיך פאַרמישט מיטן טייטשן. ווידער האָט ער מיר געגעבן זיין אַדרעס און ווידער האָב איך גאָרנישט געקענט טאָן, צו דעמאַסקירן אים.

XXIII

ליבע און טויט

דורך דער גענשע־גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט, האָבן זיך יעדן טאָג געצויגן לוויות צו דעם גרויסן „גענשער בית-עולם”. אונדזער הויז איז געווען זייער נאָענט פון דעם הייליקן אָרט. פריער האָבן מיר געוווינט אויף דזשעלנע-גאַס אַ סך נענטער צום בית-הקברות, אָבער די לוויות זענען אַלעמאָל געגאַנגען דורך דער גענשע, איז די גאַס שטענדיק פול געווען מיט די יללות פון די אבלים.

קיין סך פרייד און פריילעכקייט האָבן די לוויה־פּראָצעסיעס זיכער נישט געקענט אַרויסרופן ביי די איינוווינער, באַזונדערס אין די נשמות פון די יונגע קינדער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין גאַס. ווען י. ל. פּרץ האָט מיך איינמאָל, בעת איך האָב אים געבראַכט לידער, געפרעגט, ווי עס קומט, וואָס איך, אַזאַ יונג יינגל נאָך, ווייַן אַזוי אין די לידער, האָב איך אים דערציילט וועגן אונדזער גאַס. פּרץ, וואָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער מתים-אָפּטיילונג אין דער וואַרשעווער יידישער קהילה, האָט מיר געצהט, אַז איך זאָל אַמאָל מאַכן אַ שפּאַציר איבערן בית-עולם, וועל איך זען, אַז אַפילו אויף אַ בית-הקברות איז דאָ פרייד און געלעכטער.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט און אים נישט געוואָלט איבערפרעגן. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך אַרויס-

געכאַפּט אויפן בית-עולם, אויסצוגעפינען וואָס פּרץ האָט געמיינט... איך האָב שפּאַצירט פון איין אַלייע צו דער אַנדערער. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ פריילעך געזאַנג — אַ געזאַנג פון יידישע פאָלקס-לידער. איך האָב זיך געלאָזט נאָכן געזאַנג און אָנגעקומען אויף אַ גרויסן פרייען פּלאַץ, וווּ ס'זענען אויף דעם באַגראָזטן באָדן געשטאַנען אויסגעשטעלט ניי־מאַשינען און יונגע מיידלעך האָבן גענייט — תכריכים, זינגענדיק און שטיפנדיק דערביי מיט די בחורים, וואָס האָבן צוגעשניטן די „בגדים".

פרייד און געלעכטער אין גאָרטן פון טויט!

***

אָבער מיר איז אייגנטלעך נישט נייטיק געווען צו גיין אויפן בית־עולם, כדי אויסצוגעפינען, אַז אויך אין אָנבליק פון טויט קאָן מען לאַכן און פריילעך זיין, ווארום אין דער אייגענער צייט, וואָס איך האָב געשריבן אַזעלכע ערנסטע לידער, האָט זיך אויך פון מיר געריסן — ווי אויף להכעיס דעם טויט, דער דיקער וואַנט און דער נויט אין אונדזער הויז — אַ קוואַל פון געלעכטער און פרייד. איך האָב געשריבן הומאָריס־טישע לידער און מעשיות און צווישן פריינט בין איך באַטראַכט גע־וואָרן פאַר אַ וויצלער, פאַר אַ פריילעכן לונג-און-לעבער. אָבער פּרץ האָב איך עפּעס מורא געהאַט צו ווייזן אָט די שטיפערישע זייט פון מיין פערזענלעכקייט. איך האָב זי שפּעטער אַנטפּלעקט פאַר נח פּרילוצקין און נח האָט דערמוטיקט דעם הומאָריסט אין מיר.

***

מיר איז אָבער באַשערט געווען, אַז אויך איינע פון מיינע יוגנטלעכע ליבעס זאָל זיין פאַרבונדן מיטן בית-עולם. אָנגעהויבן האָט עס זיך אויפן ערשטן יידישן זשורנאַליסטן-באַל אין וואַרשע, נאָכדעם ווי עס האָט זיך דאָרט אָרגאַניזירט דער פאַראיין פון יידישע זשורנאַליסטן. צום באַל איז און קאַריקאַטורן.

פאַר מיר זענען דער באַל און דער זשורנאַל געווען אַ באַזונדערס

אַנטיילנעמער אויפן באַנקעט אין יאָר 1934.

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס : מ. קרימסקי, ב. כולינאָוויטש, מ. מ. הורוויץ, מ. סוריץ, י. העפּטמאַן, י. י. פּראַפּוס, א. ראָזענפעלד, א. אלמי, א. קאַנאַנאָווסקי, נ. מייזיל, א. זאַק, א. גראַפּמאַן ש. יאַנאָווסקי, א. נאַמבערג, ש. י. סטופּניצקי און י. בארענשטיין.

גרויסער יום־טוב. אט נאר־וואס האב איך אנגעהויבן מיין זשורנאליס־טישע קאריערע (אין „מאמענט") און די עלטערע קאלעגן האבן מיך שוין אנערקענט פאר א זשורנאליסט, ארייננעמענדיק מיך פאר א מיט־גליד אין פאראיין און דערביי מיך אויך איינגעלאדן מיטצואורבעטן אין דעם זשורנאליסטן-זשורנאל. איך האב דארט פארעפנטלעכט א סאטיריש ליד „צונגען" — וועגן זשורנאליזם טאקע...

דער באל איז פארגעקומען אין דעם שיינעם „שווייצערטאל" (שווייצארסקא דאלינא) און דארט האט זיך פארזאמלט די גאנצע סמעטענע פון דער יידישער ליטעראטור און פרעסע, די יידישע אינטעליגענץ און, פארשטייט זיך, אז אויך „עמך". איך האב זיך געפילט ווי א מחותן, יום-טובדיק, פארפלאמט, און מיינע אויגן האבן געשוועבט איבערן שיינעם, העל־באלויכטענעם זאל, באוואונדערנדיק דאס „שיינע געשלעכט"...

מיין בליק האט זיך אפגעשטעלט אויף א מיידל מיט א פיינער, שלאנקער פיגור, לאנגע ברוינע צעפ און שווארצע אויגן. איך בין ווי פאר־כשופט געווארן און זיך צו איר דערנענטערט. צו מיין גליק איז זי דארט געווען אליין און מיר האבן זיך שנעל צוגעבונדן איינע צו די אנדערע און דעם גאנצן אוונט געטאנצט.

דער באל האט זיך געענדיקט ארום 2 אזייגער ביינאכט. עס איז גע־ווען נאטירלעך, אז איך זאל אהיים באגלייטן מיין דאמע. אבער — צו מיין דערשטוינונג האט זי זיך שטארק געווערט קעגן דעם. זי האט ליב אהיימצוגיין אליין, האט זי מיר פארזיכערט, אבער ווי לאזט מען א מיידל אהיימגיין אליין אין אזא שעה? בין איך נאכגעגאנגען.

ס'איז געווען א פרעכטיקע ווינטער-נאכט. די גאסן זענען געלעגן אונטער דיקע קאלדרעס שניי. די לבנה האט אונדז באגלייט. אבער זי האט אלץ נישט געוואלט, אז איך זאל זי באגלייטן. איך האב געוואלט נעמען א דראשקע, נאר זי האט בשום אופן מיר נישט געוואלט אויסזאגן, ווו זי וווינט.

זענען מיר אזוי געגאנגען שווייגנדיקע. זי האט מער גארנישט גע־זאגט. דער שניי האט געסקריפעט אונטער אונדזערע פיס. מיר האבן זיך ארייגעדרייט און ארויסגעדרייט פון גאסן און געסלעך און ווו זי גייט,

האָב איך אַלץ נישט געוווסט. אָבער אָט האָב איך באַמערקט, אַז די שטאָט ענדיקט זיך שוין... מיר זענען אויף סמאָטשע-גאַס. זי פאַרנעמט זיך אויף געניעצע... פון ווייטן זעט זיך שוין דער אַלטער יידישער בית-עולם. די ביימער, איבערגעדעקטע מיט שניי, בייגן זיך, וויגן זיך און זיי זעען פון ווייטנס אויס ווי מתים, איינגעהילט אין טליתים.

מיר ווערט אומהיימלעך. אָבער איך גיי. די אָרימע הייזער פון געניעצע-גאַס האָבן זיך געענדיקט. זי פאַרשנעלערט אירע טריט — אויפן פּוסטן פעלד, אין טיפן שניי, צום בית-עולם צו. איבער מיין לייב לויפט דורך אַ פרעסטל. מאָדנע מחשבות קומען מיר אין קאָפּ אַריין. מיט אַ צייט פריער האָט וואַרשע געקאָכט מיט אַ געשיכטע וועגן צוויי פרויען, וואָס האָבן געדונגען אַ דראָשקע און געהייסן דעם יידישן „דראָשקאַרזש" (בעל-עגלה) פאָרן צום בית-עולם. ס'איז אויך געווען שפּעט ביינאַכט און דער דראָשקאַרזש איז געפאָרן און געפאָרן. ווען ער איז צוגעקומען צום בית-עולם-טויער, זענען די צוויי פרויען אַרויסגעשפּרונגען. אַ הייב געטאָן זייערע מאַנטלען, וווייזנדיק אים זייערע תכריכים און — זיי זענען אַריבערגעפלויגן איבערן פּאַרקאַן...

די יידישע צייטונגען — און דאַכט זיך, אַז אויך די פּוילישע — האָבן געשריבן וועגן דעם. מרדכי ספּעקטאָר האָט פאַרעפנטלעכט אַ פעליעטאָן וועגן דער מעשה. איז כאָטש איך בין געווען אַן „אויפגעקלערטער", ווי דאָס פאָלק רופט דאָס, האָט זיך מיר — קעגן מיין ווילן — געטראַכט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן צו אַזאַ פאַרשווינטע. באַלד וועט זי מיר ווייזן אירע תכריכים און — אַוועקפליען... אָדער אפשר איז דאָס לילית, דעם אשמדאיס ווייב, און זי איז ספּעציעל געקומען צום יידישן זשורנאַליסטן-באַל, כדי מיך צו פאַרפירן?...

איך האָב שוין קוים געקענט באַוועגן מיינע פיס. פון אַנטלויפן האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. איך בין געווען אין איר מאַכט און זיך מיט אַלע כוחות נאָך איר נאָכגעשלעפּט... אָט זענען מיר שוין ביים טויער פון בית-עולם. זי ציט דאָס גלעקל. פון יענער זייט פּאַרקאַן דערהערט זיך דאָס סקריפּען פון שווערע פיס אין שניי... דאָס ליכט פון אַ לאַמטערן וויגט זיך איבערן שניי... דאָס טויער עפנט זיך... אַן אַלטער ייד, איינ-

גאנצן ווייס פון שניי, מיט א ווייסער באָרד, קוקט אויף מיר... ער דער־פרייט זיך מיט מיין דאמע און לאָזט זי אריין...

ווי אזוי איך האָב זיך נאָכדעם דערשלעפּט אהיים, איז מיר ביזן היינטיקן טאָג א וואונדער... איך האָב זיך א גאנצע נאכט ביזן שפּעטן טאָג אריין געוואָרפן ווי אין פיבער, כאָטש איך האָב שוין פארשטאנען, אז מיין דאמע איז נישט געווען קיין „יענע וועלטיקע", אָדער א „נישט גוטע".

אדרבא, ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז געווען זייער א גוטע — א גוטע יידישע טאָכטער און א גוטע געליבטע. טאָקע אויף מאָרגן האָב איך אויסגעפונען, אז זי האָט טעאטראלישע אמביציעס און האָט גע־וואָלט, אז פּרץ זאָל זי אריינגעמען אין דער דראמאטישער סעקציע פון „הזמיר", ווו עס האָבן, צווישן אנדערע, געשפּילט מארק שווייד, פריילין עסטרין, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן די פרוי פון יעקב בן-עמי און, דאכט זיך, אז אויך בן-עמי.

אזוי ארום האָט זיך דאָס מיידל באַקענט מיט פּרצן, געניע איז איר נאָמען געווען. אין דער דראמאטישער סעקציע האָט ער זי טאָקע נישט אריינגענומען, אָבער דערפאר האָט ער איר פאָטער געגעבן א שטעלע פאר א שומר אויפן בית־עולם — און די גאנצע פאמיליע האָט זיך ארי־בערגעקליבן אהין. זייער וווינונג האָט זיך געפונען צווישן קברים, און דערפאר האָט זי נישט געוואָלט, אז איר קאוואליער, א יונגער דיכטער און זשורנאליסט, זאָל זי באגלייטן אהיים...

צווישן אונדז האָט זיך שפּעטער פארפירט א שטארקע פריינטשאפט און איך פלעג זי גאנץ אָפט באזוכן אין איר בית-עולם-וווינונג. אָבער איך האָב אלעמאָל געהאַט דאָס געפיל, אז צווישן אונדז שטייט דער טויט... פון איין זייט האָט דווקא דאָס — דאָס מיסטישע פון ליבע און טויט — מיך געצויגן צו איר; פון דער צווייטער זייט האָט אן אומ־היימלעכע מורא מיך געריסן פון איר.

ווען איר פאָטער האָט אָנגעהויבן רעדן פון תכלית, האָב איך באַ־

שלאָסן, אַז דער בעסטער תכלית וועט זיין אַרויסצורייסן פון זיך די בית-עולם-ליבע. ס'איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען, דאָך האָב איך אין זיך גובר געווען דאָס געפיל צו איר.

אָבער יאָרן-לאַנג האָבן זיך מיר געחלומט חלומות פון ליבע און טויט.

מיט יידישע שרייבער אין ווארשע ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.
עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: נחמן מייזיל, איציק מאנגער, א. אלמי, אברהם זאק,
אפרים קאגאנאָווסקי און יהושע פערלע.

XXIV

בערזעס פון אידעאַלן...

דאָס וואָרט „בערזע" קלינגט מיט געלט, מיט געשעפט, מיט ווערט-פּאַפּירן, שפּעקולאַציעס — אפילו אַ קבצן וויים וועגן די גרויסע געלט-בערזעס אין די הויפּטשטעט פון אייראָפּע און אַמעריקע, וווּ מענטשן ווערן איבער נאַכט אָדער גרויסע גבירים, אָדער גרויסע קבצנים, אָדער גייען אַרויס מיטן קרן. עס ווענדט זיך, צי ס'הייבט זיך, צי ס'פאַלט, צי ס'איז אויף דער בערזע עליה, אָדער ירידה; נו, און וועלכער ייד האָט נישט געלייענט — און דערביי געלאַכט און געוויינט — אונדזער שלום-עליכמס מעשיות וועגן די געשעפטן, דרייענישן, פאַרדרייענישן און צו-דרייענישן פון אייביק-לויפנדיקן, שמאַיעדיקן מנחם מענדל?

אָבער אין וואַרשע האָבן מיר געהאַט אַנדערע בערזעס — דער עיקר אין די יאָרן פון רעוואָלוציע און חלומות פון פרייהייט, גלייכהייט און אַלמענטשלעכן גליק — אין די יאָרן פון אַרום 1905 ביז דער ערשטער וועלט-מלחמה: דאָס זענען געווען בערזעס פון אידעאַלן, פון חלומות, פון פאַרבאָרגענע בענקשאַפטן און צוקונפט-מוזיק. יעדע פּאַרטיי, יעדעס קלייזל, יעדע שיטה האָט זיך געהאַט איר אייגענע בערזע — אָדער „ביר-זשע", ווי די ליטוואַקעס האָבן דאָס גערופן; יעדע פון זיי האָט געהאַט אַ חזקה אויף אַ באַשטימטער גאַס און קיין אַנדערע פּאַרטיי, אָדער ריכ-טונג האָט אַהין נישט געהאַט קיין דריסת הרגל.

איבערהויפּט האָט זיך געקאָכט מיט רעוואָלוציע און מיט חלומות אין די וואַרשעווער יידישע קוואַרטאַלן, ווו עס האָבן געוווינט די גע־דריקטסטע פון די געדריקטסטע, די באַרויבטסטע פון די באַרויבטסטע; די טרוימער פון דער געטאָ, וואָס האָבן געזוכט משיחן אָדער אין די אייגענע יידישע אידעאַלן, אָדער אין אַלגעמיין־ מענטשלעכע אידעאַלן. זענען די מיינסטע בערזעס טאַקע געווען אין די אָרימע יידישע גאַסן, אין די גאַסן פון אַרבעטער און הענדלער, וואָרום אין די רייכע יידישע גאַסן האָט מען נישט געחלומט פון צוקונפט־מוזיק, נאָר פון וואָס מער און וואָס שטאַרקער זיך צופּאַסן צו דעם איצט, צו דעם נישט־יידישן אַרום, ווו מען האָט געוואָלט וואָס טיכטיקער אָפּמעקן דעם יידישן צלם־אלוהים.

פּאַרטייען און קליינלעך זענען אויף דער יידישער גאַס געווען אַ סך, זייער אַ סך און זיי זענען געוואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן: בונד, פּועלי־ציון, ס. ט. (ציוניסטן־טעריטאָריאַליסטן), סיימאָווצעס, וואָס האָבן געשטרעבט דערצו, אַז יידן זאָלן קריגן זעלבסט־פאַרוואַלטונג, מיט אַן אייגענעם סיים, אויף דער אייגענער יידישער שפּראַך; פּע־פּע־עס (פּויליש סאָציאַליסטן), וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון פּוילן, וואָס איז דעמאָלט געווען צעריסן צווישן די דריי אימפּעריאַ־ליסטישע לייבן: רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך; סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן, אַנאַרכיסטן און — ווער קאָן זיי דען אַלע געדענקען און אויסרע־כענען, די אַלע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך אויף דער יידישער גאַס?

זיי אַלע האָבן געהאַט „בערזעס" — אויסער די אַלגעמיינע, אָדער בירגערלעכע ציוניסטן, וואָס האָבן נישט געגלויבט, אַז די אַלגעמיינע אידעאַלן און באַפרייאונג וועט ברענגען די יידישע גאולה. די בערזע איז געווען — רעוואָלוציע. שוין דאָס אַליין, וואָס אַ פּאַרטיי איז אַרויס אין גאַס, כאָטש גאַסן־פאַרזאַמלונגען זענען אונטערן צאַריזם געווען פאַר־באָטן, איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער שריט. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך באַגנוגנט מיט די שולן און בתי־מדרשים און מיט אסיפות צווישן פיר ווענט, ווו זיי האָבן געשפּונען דעם חלום פון שיבת־ציון, דעם חלום פון די נביאים און פון ד"ר הערצל.

פארשטייט זיך, אז אויף די בערזעס האט געשוועבלט און געגריבלט מיט שפיאָנען, וואס האבן צוגעלייגט אן אויער, זיך געזוכט אריינצו-קריגן אין די פארטייען און גאנץ אָפט איז דאס זיי טאקע געראָטן אויך. די בערזעס זענען געווען באוועגלעכע, מחמת שטיין אויף אן אָרט וואלט שוין געהייסן א גאסן-פארזאמלונג, וואס דאס איז שטרענג פארבאָטן גע-ווען. איז מען כסדר געגאנגען, געמארשירט און גערעדט, זיך געדונגען וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט און פון יידישן פאלק. יעדע פארטיי פלעגט אונטערשיקן אירע מענטשן, אגיטאטאָרן, אזעלכע „אפאָס-טאָלן", אויף די בערזעס פון די אנדערע פארטייען, צו „פאנגען נשמות", איבערצוציינגן די יונגעלייט און מיידלעך, אז נאָר ביי „זיי", ביי די אנ-דערע, איז דער גאָלער אמת, אז נאָר „זיי" קענען און וועלן ברענגען די גאולה פאר דער מענטשהייט און פאר דעם פאלק ישראל.

די בערזעס פלעגן זיך, נאטירלעך, „עפענען" אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, נאָכן אָוונטברויט. אפגעכאפט דאס אָרימע מאָלצייט, האט מען זיך ארויסגעלאָזט אויף דער בערזע. און מען האט מיט דורשט, מיט אָפענע נשמות, געשלונגען די רייד פון די אגיטאטאָרן, פון די אייגענע און פון די „פרעמדע", פון די אונטערגעשיקטע פון די אנדערע פאר-טייען. אמאָל פלעגט עס קומען צו הייסע צוזאמענשטויסן, אפילו קלעפ, צווישן די אייגענע און די אונטערגעשיקטע אגיטאטאָרן און פראָפאגאנ-דיסטן, וואס זענען געקומען ארויסכאפן חברים און חברטעס פון „דער" בערזע פאר אן אנדערע בערזע פון אן אנדער פארטיי. מען פלעגט טאקע אמאָל זען ווי אן אגיטאטאָר, וואס האט געהאט א שארף צינגל, פלעגט זיך באווייזן אויף א בערזע און אין א שעה ארום האט ער א זיגרייכער, ווי א גענעראל, וואס האט געוואונען א שלאכט, אוועקמארשירט צוריק צו זיין בערזע — און נאָך אים האבן נאָכגעמארשירט „געפאנגענע" יידישע בחורים און מיידלעך, וועמען ער האט איבערצייגט, אז אויף זיין בערזע, אין דער שכנותדיקער גאס, איז דאָ דער גאנצער אמת.

געווען אזעלכע יונגעלייט און מיידלעך, וואס כמעט יעדע נאכט זע-נען זיי געווען אויף אן אנדער בערזע, „איבערצייגט" געוואָרן, הייסט עס, אין דעם אמת פון אן אנדער פארטיי. איך האב אמאָל פארפירט א שמועס

מיט אזא איינעם, א שניידער-געזעל, דער זון פון אונדזערס א שכן, וואָס האָט בסדר געהאַלטן אין בייטן די פּאַרטייען. און ער האָט מיר מיט זיין גאַנצער אויפריכטיקער תמימות דערקלערט: „איך האָב אויס דעם בונדיסט און איך זע, אַז ער איז גערעכט; קומט צו מיר דער פּעפּעסניק און רעדט אין מיר אריין — אַזאַ גוט יאָר זאָל איך האָבן, ווי גערעכט ער איז! קומט צו מיר דער פּועל-ציון און דערציילט מיר וועגן אַ יידישער מלוכה, ווו אַלע וועלן זיין גלייך — איז ער דען נישט גערעכט?”

און אַזעלכע, ווי דער דאָזיקער שניידער-געזעל, זענען געווען אַ סך. אַלע זענען גערעכט. די וועלט דאַרף זיין פריי. פּוילן דאַרף זיין פריי. יידן דאַרפן זייער אייגן לאַנד. אַ טעריטאָריע דערוויל ערגעץ אַנדערש? — מהיכי תיתי! ארץ ישראל איז אוודאי גוט! טאָ וואָס איז זיך דאָ צו דינגען, צו רייסן? בנאמנות, זיי וואָלטן אַלע געדאַרפט מאַכן יד-אחת, זיך פאַראייניקן, אַז פון אַלע פּאַרטייען זאָל ווערן איין פּאַרטיי. מיט אַזעלכע איז געווען שווער צו אַרגומענטירן. פאַר די אַגיטאַטאָרן זענען זיי געווען אַ לייכטער ביסן — מען האָט זיי לייכט איבערצייגט; אָבער פאַר דער פּאַרטיי זענען זיי געווען אַ האַרטע נוס. זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די אַנדערע פּאַרטיי, אָדער שיטה טויג נישט? ס'טייטש, זיי ווילן דאָך אַזעלכע גוטע זאַכן און צו זיי געהערן דאָך אַזעלכע וויכטיקע מענטשן!

אַלע יונגעלייט אויף אַלע בערזעס האָבן שפּאַצירט און מאַרשירט מיט שטעקנס. די שטעקנס זענען בכלל געווען דעמאָלט אין מאָדע אין גאַנץ אייראָפּע. אָבער אויף די בערזעס איז דער שטעקן אויך צונויפגעקומען ווי אַ קאַמפּס-געווער. האָט מען דערשנאַפּט אַ שפּיצעל, אַ שפּיאָן — נו, נו, האָט אים מער נישט געפעלט! פון אַלע זייטן האָבן געהאָגלט שטעקנס אויף זיין קאָפּ, ביז ער איז אוועקגעפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער. דאַן האָט די בערזע, ווי דורך אַ כשוף, זיך אָפּגעליידיקט. אויך די זייטיקע מענטשן זענען פאַרשוווּנדן. אויף אַ ליידיקער, נאַכטיקער, האַלבטונקעלער גאַס, איז געלעגן אַ פאַרבלוטיקטער מענטש און זיך געראַנגלט אין יסורים, ביז פּאָליציי איז אָנגעקומען און אים אַוועקגעפירט. נישט איינמאָל איז דער געשלאָגענער געווען אַן אומשולדיקער קרבן, עפּעס אַ

נייגיריקער פאַרבייגייער, וואָס האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דעם און צו יענעם און אַרויסגערופן מיט זיין אויפפיר פאַרדאַכט, ביז עמיצער האָט אַ שושקע געטאָן: אַ שפּיצעל! דעם מורמל האָבן אויפגעכאַפּט אַנדערע, ביז פון דעם געמורמל איז געוואָרן אַ געשריי: אַ שפּיצעל, אַ שפּיאָן!

איבעריק צו זאָגן, אַז די בערזעם פלעגן צייטנווייז אַרומגערינגלט ווערן פון פּאָליציי, אָדער סאָלדאַטן. אין אַזאַ פאַל איז געוואָרן אַ געלאַף, נישט, חלילה, אויס פּחדנות, נאָר פשוט אויסצומיידן אַרעסט, קלעפּ, אָדער לשם קאָנספּיראַציע, וואָרום אַ סך פון זיי האָבן אין די קעשענעס געהאַט פּראָקלאַמאַציעס. וואָס־וואָס, נאָר קיין פּחדנים זענען די דאָזיקע יונגעלייט און מיידלעך נישט געווען. אַז ס׳איז געקומען צום קאַמף, צום אָפענעם פאַרמעסט, אַן ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע, אָדער אַ דעמאָנסטראַציע אין מיטן יאָר — האָט מען געקעמפט מוטיק און העלדיש. אָבער כל־זמן מען האָט געקענט אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס, האָט מען דאָס געטאָן, אויב אַזאַ צוזאַמענשטויס איז נישט נויטיק געווען און נישט געווען אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי אין יענעם מאָמענט.

טיילמאָל פלעגט די פּאָליציי זיך אַרויסלאָזן אין די גאַסן, נישט אויף מאַכן אַרעסטן, נאָר אויף „אַנטוואָפענען" די יונגעלייט. ווו די פּאָליציסטן האָבן געזען אַ יונגנמאַן מיט אַ שטעקן, האָט מען דעם שטעקן קאָנפיסקירט און דעם יונגנמאַן געלאָזט גיין. עס איז געווען קאָמיש, צו זען ווי פּאָליציאַנטן — און אַמאָל סאָלדאַטן — מאַרשירן מיט גאַנצע הויפנס שטעקנס — זייערע קריגס־טראָפייען... איך וועל זיך דאָ באַריימען, אַז כאָטש איך האָב אַלעמאָל שפּאַצירט מיט אַ שטעקן, האָט די פּאָליציי קיין איין מאָל מיין שטעקן נישט צוגענומען, הגם נישט איינמאָל בין איך אַריינגעפאַלן אין מיטן פון אַזאַ שטעקן־קאָנפיסקאַציע. איך האָב אָנגעווענדט אַ פשוט פאָרטל, אָדער „טריק", ווי מען זאָגט עס אויף ענגליש: אַזוי שנעל ווי איך האָב באַמערקט, אַז די פּאָליציי קאָנפיסקירט שטעקנס, האָב איך זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאַליקע, אַ לאָמען, וואָס קאָן אָן אַ שטעקן נישט מאַכן קיין שריט... די פּאָליציאַנטן האָבן מיך דעריבער דורכגעלאָזט מיט מיין שטעקן, נאָך אָפּגעטרעטן דעם וועג...

איך שטעל זיך פאָר, אַז עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע חכמים,

ווי איך, וואָס האָבן דער פּאָליציי נישט פאַרגונען דאָס פאַרגעניגן אַוועק-צונעמען זייערע שטעקנס און זיי אפשר דערנאָך פאַרקויפן, אָדער מיט זיי באַהייצן זייערע אויוונס... אָבער צווישן מיינע חברים האָב איך גע-גאָלטן פאַר אַ גרויסן אויפטוער און זיי האָבן געטענהט, אַז ווען איך זאָל נאָר וועלן, קאָן איך ווערן אַ וואַזשנער אַקטיאָר. אַזאַ מיינונג וועגן מיינע אַקטיאָרישע פעאיקייטן האָבן זיי געהאַט נישט נאָר צוליב מיין לאָם ווערן בעת די שטעקן-בהלות, נאָר אויך צוליב אַנדערע שפּיצלעך, וואָס איך פלעג אָפּטאָן. אַזוי, למשל, האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז בעת איך האָב געטראָגן פולע קעשענעס מיט פּראָקלאַמאַציעס פון אַן אַנאַרכיסטי-שער גרופּע, איז אָנגעקומען אַ פּאַטרול פון סאָלדאַטן, אונטער דער אָנ-פירונג פון אַן אָפיציר, און אָפּגעשטעלט יעדן יונגטלעכן, אים געפרעגט אויף דאָקומענטן, באַזוכט און אויב ער איז פאָרגעקומען פאַרדעכטיקט — אַרעסטירט.

דער פּאַטרול האָט אַזוי אומגעריכט זיך אַריינגעדרייט פון אַן אַנ-דער גאַס, אַז פון אַנטלויפן האָט קיין שום רייד נישט געקענט זיין. וואָס טוט מען? כהרף-עין האָב איך זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאַליקע, ווי בעת אַ שטעקן-בהלה. אין איינגעבויגענער אין דרייען האָב איך זיך שוין גע-האַט דורכגעשלעפּט ממש ביי די פיס פון די סאָלדאַטן — אַן אומבאַ-מערקטער, אַן „איגנאָרירטער". אָבער פּלוצים האָט זיך דער אָפיציר אַ לאָז געטאָן צו מיר, מיך אָנגעכאַפּט ביי אַן אַקסל און מיט כעס און פאַראַכטונג מיך געפרעגט ווו איך, אַזאַ וויסטער קאַליקע, שלעפּ זיך ביינאַכט. אין דעם מאָמענט בין איך געוואָרן טויב און שטום. אויף שטום לשון האָב איך דעם אָפיציר געוויזן, אַז נישט איך קאָן הערן, נישט איך קאָן רעדן. מיט אַ פאַראַכטלעכן בליק האָט ער געקוקט אויף דעם פּיל-פּאַכיקן קאַליקע — טויב, שטום, לאָם און צעהויקערט, — דאַן מיטן פוס מיר אַ בריק געטאָן און מיך געהייסן גיין...

צווישן די יונגעלייט און מיידלעך, וואָס זענען געקומען אויף די בערזעס, זענען געווען אַ סך, וואָס זיי האָט אַהינגעצויגן נישט בלויז אי-דעאַליזם, דער קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט, נאָר אויך — ראָמאַנטיזם... איבערהויפּט זענען פון דעם ראָמאַנטישן מאָטיוו, אָדער אפשר זאָגן: פון

דעם פראקטישן שידוך־מאטיוו — באוויגן געווען א היפש ביסל מיידלעך. אויף די בערזעס האבן זיך באגעגנט ביידע געשלעכטער, געשפאצירט זייט ביי זייט, דיסקוטירט וועגן קארל מארקסן, ד״ר הערצלען, מענטשהייט, ארץ ישראל, אנארכיזם, אבער אין זייערע הערצער האט דערביי געזונגען שיר־השירים... נישט איין שידוך איז געשלאסן געווארן אויף די דאזיקע באוועגלעכע בערזעס און נישט איין יידישער דור איז דער פועל־יוצא פון יענע דיסקוסיעס אין די נעכט פון זומער, פרילינג און הארבסט אויף די ווארשעווער גאסן, ווי אויף די גאסן פון אנדערע גרויסע יידישע שטעט אין פוילן.

חוץ די בהלות מיט צוזאמענשטויסן צווישן „פיינטלעכע" אגיטאטארן, שפיאנען און פאליציי, פלעגן פון צייט צו צייט אויסברעכן אויף די בערזעס אויך אנדערע סארטן בהלות, א חסידישער טאטע, אדער א פרומע יידישע מאמע פלעגט זיך באווייזן, גיין פון איין גרופקעלע צו דער אנדערע און זוכן מיט די אויגן, ביז מען האט דערשנאפט די טאכטער, וואס איז אראפ פון דרך־הישר, אוועק צו די „ציציליסטן", זיך פארטשעפעט מיט דעם קיסר און דרייט זיך אויף די בערזעס מיט הפקרוונגען. א בייזער טאטע האט די טאכטער א כאפ געטאןביים צאפ, אדער זי אויסגעפאטשט אין מיטן דער גאס; א מאמע האט מיט גוטן, מיט געוויין, געבעטן איר טאכטער, אז זי זאל מיט איר אהיימגיין, זי נישט מאכן צו לייטיש געלעכטער. אמאל האט די טאכטער, א פארשעמטע, איבערגעלאזט די בערזע און אהיימגעלאפן; אמאל האט אזא טאכטער זיך טראציק געשטעלט קעגן דעם טאטן, אדער דער מאמען און הויך געשריגן, אז זי איז נישט קיינעמס שקלאף, אז זי איז א פרייער מענטש און זי קאן טאן, וואס זי וויל.

טיילמאל פלעגט אזא טאטע, אדער מאמע אויפגענומען ווערן פון די „בערזעניקעס" מיט א „הורא", מיט געלעכטער, אדער מיט אלערליי אויסרופעענישן. בלויז איין פאל געדענק איך, ווען עס איז געקומען צו קלעפ, בעת א חסידישער ייד, א געזונטער, א ברייטפלייציקער, האט זיך געווארפן אויף זיין טאכטער מיט די פויסטן. די יונגעלייט, וואס האבן מיט איר שפאצירט, האבן פארשטעלט דאס מיידל און ווען דער ייד האט

זיך אויך אויף זיי פארמאסטן מיט די פויסטן, האבן זיי אים מכבד געווען מיט זייערע שטעקנס איבערן קאפ און דער ייד האט געמאכט א גוואלד, אז מען דערהרגעט אים. די טאכטער האט זיך אריינגעריסן צווישן איר פאטער און אירע פארטיידיקער, כדי אים צו באשיצן, אבער אין פלאנטער און טומל האט זי געכאפט א קלאפ מיט א שטעקן און — געפאלן אין חלשות. דער פאטער האט געלאזט זיין טאכטער ליגן, שרייענדיק צו איר:

— גוט פאר דיר, דו חצופה! — און ער האט אויף איר א שפיי געטאן.

די יונגעלייט האבן די געחלשטע מיט גרויס צערטלעכקייט אויפגעהויבן און זי אריינגעטראגן אין א טויער פון א הויז אריין.

באלד נאך דעם אינצידענט איז די בערזע אפגעלייזיקט געווארן.

ווונדערלעכע בערזעס, ווו נישט געלט-געשעפטן, נאר צוקונפט-חלומות זענען געווען אייערע ווערט-פאפירן!

XXV

סאַניניזם

נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין די יאָרן 1905-7, האָט זיך פאַרשפּרייט, ווי אַ מגפה, דער סאַניניזם, פריער צווישן דער אַנטווישטער אינטעליגענץ און דערנאָך צווישן גרויסע מאַסן פון עולם. פון רוסלאַנד איז די מגפה אַריבער קיין פּוילן און זי האָט דאָ פאַר־כאַפּט היפּשע צאָלן פון דער יידישער יוגנט, דערין אַפילו ייִנגלעך און מיידלעך אין דער סאַמע פריער יוגנט — פון 14, 15, 16 יאָר.

סאַנין, וואָס פון אים האָט זיך געשאַפן די מישטיינס-געזאָגטע באַ־וועגונג „סאַניניזם", איז דער הויפּט-העלד פון אַ ראָמאַן, וואָס דער רו-סישער שרייבער אַרציבאַשעוו האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט. סאַנין, ווי אַרציבאַשעוו האָט אים געשילדערט, איז אַ הוליאַקע, אַ ציניקער, וועלכער לאַכט זיך אויס פון אידעאַלן, פון דעם גאַנצן סענטימענטאַלן „שטאָף" און דער עיקר ביי אים איז לעבן אַ גוטן טאָג און אַ גוטע נאַכט — און טאַקע היינט, שוין — וואָרום קיין מאָרגן איז נישטאָ, דער מאָרגן איז נישט זיכער. היום חי ומחר בקבר. כאַפּ-זשע, ברודערקע, אַריין דעם היינט, דעם איצטיקן מאָמענט — לעב און געניס, האָב הנאה — איבער־הויפּט טאַקע אויפן „געביט" פון געשלעכט, סעקס.

סאַנין וויל באַרעכטיקן זיין הוליאַקישע „פילאָסאָפיע" מיט אַן אי-

דייע. אַט די אידייע קאָן צום בעסטן איבערגעגעבן ווערן דורך די צוויי אַלטע תלמודישע ווערטער: מחשבה כמעשה. דאָס הייסט, אַז ווען איר לעבט עפּעס איבער אין גדאַנק, איז עס אַזוי גוט ווי איר וואָלט עס באמת געטאָן. אויב, הייסט עס, איר זינדיקט אין גדאַנק, איז אַלצאיינס ווי איר וואָלט געזינדיקט בפועל־ממש, פּאַקטיש באַגאַנגען די עברה. אָבער אין גדאַנק זינדיקן מיר אַלע, אין גדאַנק גלוסטן מיר, אין גדאַנק זענען מיר נאָענט מיט דער ערשטער בעסטער רייצנדיקער פרוי, וואָס מיר באַגעגענען. אויב אַזוי, איז שוין גלייכער באמת צו זינדיקן. נישט מער, וואָס לויט סאַנינען איז דאָס זינדיקן קיין זינד נישט.

ווען קיין וואַרשע איז אָנגעקומען לעאָן קאָבריגס יידישע איבערזע־צונג פון אַרציבאַשעווס ראָמאַן, האָט דאָס יידישע יונגוואַרג זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן, אים צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער. ווו מען איז געשטאַ־נען און געגאַנגען, האָט מען געהערט דיסקוטירן סאַנינען. איר האָט עס געהערט אין היימען, אין גאַס, אין גאָרטן. פאַרשטייט זיך, אַז נישט צו אַלעמען האָט דער סאַניניזם אַפּעלירט. אָבער דער סאַניניזם מיט זיין „פרייער ליבע" און כאַפּ־אַריין־פילאָסאָפיע האָט פונדעסטוועגן אָנגע־מאַכט אַ חורבן אין אַלע יוגנטלעכע קרייזן, ווו מען האָט פריער בלויז זיך פאַרנומען מיט דיסקוסיעס וועגן פאָלק, רעוואָלוציע, מענטשהייט, גלייכהייט, פרייהייט. דער סאַניניזם האָט געגעבן אַ „מאָראַלישע", אָדער „פילאָסאָפישע" באַרעכטיקונג פאַר די אַלע פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען, דראַנגען און גלוסטונגען אין די נשמות פון דעם יונגוואַרג.

איך האָב דאָ אין זינען אויסשליסלעך די גאָר יונגע, מיט וועלכע איך בין זיך צוזאַמענגעקומען, כאָטש דער סאַניניזם האָט אויך פאַרכאַפּט גרויסע צאָלן פון די עלטערע, אָבער די עלטערע — צווישן 20 און 30 — זענען געווען אויסער די גרענעצן פון מיין דעמאָלטיקער וועלט. פון מיינע אייגענע קרייזלעך — אַנאַרכיסטישע און ציוניסטישע — זענען כסדר אויסגערונען געוואָרן יינגלעך און מיידלעך. און ווען איך האָב זיי דערנאָך באַגעגנט אין גאַס, אָדער אין גאָרטן און זיי געפרעגט, ווו זיי זענען נעלם געוואָרן, האָבן זיי מיר אָפן געלאַכט אין פּנים אריין:

— וואס דרייט איר א ספאדיק מיט אייערע אידעאליסטישע נאַ־רישקייטן?! האט בעסער הנאה פון לעבן!

דערפון ווערט שוין קלאר, אז אויף מיר האט דער סאניניזם נישט געמאכט קיין איינדרוק און אז דער סאניניסטישער „הנאה פון לעבן" האט צו מיר נישט אפעלירט. איך בין פארבליבן ראמאנטיש־סענטימענ־טאל און אידעאליסטיש.

צווישן די יונגע מיידלעך, וואס זענען ארומגעפאלן אונטער סא־נינס פליגל, זענען געווען א סך שיינע. אייניקע פון זיי האבן מיך גע־האלטן אין איין אגיטירן פאר „פרייער ליבע" און איך פלעג זיי ענט־פערן, אז אפשר איז עס פריי, אבער קיין ליבע איז עס נישט, אז איך מוז קודם־כל טאקע ליב האבן — אויפן ראמאנטישן שטייגער.

צווישן די דאזיקע מיידלעך האט זיך באזונדערס אויסגעצייכנט איי־נע פאלא, א מיידל א ברען. זי האט פראפאגאנדירט — איבערהויפט צו מיר — דעם סאניניזם מיט ממש רעליגיעזן פאנאטיזם. זי איז געווען א חסידישע טאכטער, וואס צו אירע עלטערן אין הויז האט קיין בחור נישט געטארט אריינקומען און דאס ווארט „ליבע" איז דארט טריף געווען ווי חזיר.

איר פאטער איז געווען א פאנאטישער גערער חסיד. ער פלעגט רעדן פון גערער רבין מיט אזא פייער, מיט אזא התלהבות, אז ס'איז פשוט געווען א מורא נישט מסכים צו זיין מיט אים. פונקט מיט אזא ליידנשאפט, מיט אזא פייער האט זיין טאכטער גערעדט וועגן סאנינען.

פארשטייט זיך, אז וועגן איר סאניניזם האט זי נישט גערעדט צו איר טאטע־מאמע, נאר צו אירע חברטעס און חברים. זי האט געמאכט מער אנהענגער פאר סאנינען, ווי איר טאטע פארן גערער רבין. אבער איינמאל, א שבת־נאכמיטאג, ווען דער פאטער איז געווען פארזונקען, ווי זי האט געמיינט, אין זיין עונג שבתדיקן שלאף, האט זי פארפירט א שמועס מיט אירס א חברטע, וואס האט זי באזוכט, וועגן סאנינען. זי האט וועגן אים גערעדט ווי א פארליבטע וועגן איר געליבטן און פאר דער חברטע גענוי געשילדערט זיין אויסזען, זיין אויפפיר, ווי ארציבא־שעוו שילדערט דאס אין זיין ראמאן.

דער פאטער איז גראד נישט געשלאפן און ער האט אלץ געהערט. ער איז זיכער געווען, אז דער סאנין איז זיין טאכטערס א געהיימער „ליובאווניק" און אויסגעפינענדיק פון פאלאס רייד, וואס פארא תכשיט דער סאנין איז, וואס פארא שיינע מעשים ער טוט אפ און וואס פארא רייד ער רעדט, איז דעם גערער חסיד באפאלן א שרעק. ער איז ארויס־געשפרונגען פון בעט און אנגעהויבן צו שרייען:

— ווער איז דער סאנין? ווו איז ער? אזוי, ליובקעס פירסטו היג־טער מיינע פלייצעס! דערפאר ווילסטו נישט וויסן פון קיין שדכנים! זאג מיר שוין אוים ווו דער סאנין, דער פאסקודניק מיטן גויאישן נא־מען, איז — וועל איך אים די ביינער צעברעכן! קרעפל־פלייש וועל איך פון אים מאכן!

פאלא האט אים פארזיכערט, אז סאנין איז דער העלד פון א רא־מאן. אבער דער פאטער האט א לאנגע צייט חושד געווען, אז די טאכ־טער נארט אים און יעדעס מאל, ווען זי איז ביינאכט אהיים געקומען שפעט, האט ער זי באגעגנט מיט די זעלביקע געשרייען:

— אנו, שוין ווידער זיך ערגעץ געליובקעט מיט דיין סאנין! ווארט, ווארט, איך וועל אים נאך פאקן מיט דיר, ער׳ט זיך שוין א שווארץ יאר אויסריכטן!

און ער האט אים טאקע געפאקט. דער פאטער האט איר אנגעהויבן נאכשפיאנירן, כדי איינמאל פאר אלעמאל אריינצוקריגן אין זיינע הענט דעם ליידאק, דעם סאנין.

אויף מיין שלים־מזל איז אויסגעפאלן, אז איך, דאס אידעאליסטי־שע בחורל, וואס האט באקעמפט סאנינען, זאל זיצן אין זאקסישן גארטן מיט פאלאן און אריינקריגן די קלעפ, וואס זענען געווען באשטימט פאר סאנינען.

עס איז געווען א פרייטיק־צו־נאכט. פאלא און איך האבן שפאצירט איבערן גארטן און דערנאך זיך אנידערגעזעצט אויף א באנק אין א טונ־קעלער אלייע. זי האט צו מיר גערדשנט אויף איר באליבטער טעמע — וועגן סאנינען און פרייער ליבע.

פלוצלינג איז איר פאטער אויסגעוואקסן און מיך א כאפ געטאן ביי דער שווארצער פעלערינע, וואס איך האב געטראגן.

— אט דאס איז דאס דער סאגין! — האט ער געשריגן אויפן קול

— אט דאס איז דער ליידאק?! א שיין פנים האט ער! קוק עס נאר — ס'האט דאך גארנישט קיין יידישע צורה! לאנגע האר, ווי אן אשה, און א פעלערינע! א ציציליסט נאך מסתמא אויך!

איך האב זיך געראנגלט, געוואלט זיך ארויסרייסן פון אים, אבער זיינע קולאקעס האבן שוין געהאגלט אויף מיר. ענדלעך האב איך זיך ארויסגעריסן פון אים, איבערלאזנדיק מיין פעלערינע אין זיינע הענט. ווען איך בין שוין פריי געווען פון אים און ער האט זיך ווידער געוואלט ווארפן אויף מיר, האב איך אריינגעשטעקט די האנט אין מיין קעשענע און אויסגערופן:

— איר טראגט זיך אפ פון דאנען, אדער איך דערשיס אייך!

שטעלט זיך פאר, אז קיין רעוואלווער האב איך נישט געהאט, אבער מיין סטראשונעק האט געווירקט. אויף אזא חברה-מאן, ווי סאנין, איז אלץ צו גלויבן, אפילו, אז ער זאל דערשיסן א גערעכטן חסיד. האט דער פאטער אונדז איבערגעלאזן, אבער אוועקגייענדיק האט ער פונדעסטוועגן נאך א סטראשע געטאן די טאכטער זיינע, אז ער וועט זיך נעמען צו איר, ווען זי וועט אהיימקומען.

זי איז שוין אבער נישט אהיימגעגאנגען. זי איז אוועק צו א חברטע און פון יענעם אוונט אן האט זי זיך נישט געוויזן פאר אירע עלטערן. זי האט באקומען א שטעלע אין אן עקספארט-אימפארט געשעפט אלס בוכהאלטערין און זייענדיק פריי פון עלטערנס השגחה, האט זי זיך נאך שטארקער אריינגעווארפן אין סאניניזם.

דער סוף איז אבער געווען, אז אין א שטיקל צייט שפעטער האט זי זיך פארליבט אין א בחור, א מוזיקער, און איז מיט אים געפארן קיין אמעריקע. איך האב זי מיט יארן שפעטער געטראפן. זי איז געווען נאך שענער און רייצנדיקער. זי האט מיך דערמאנט, ווי זי פלעגט מיך וועלן איבערגעוויינען צום סאניניזם און „פרייע ליבע" און איך האב איר אויפריכטיק געענטפערט:

— איצט טוט מיר באַנג, פאַרוואָס איך האָב זיך נישט געלאָזט אָי-בערעדן...

— דער שכל קומט מיט די יאָרן! — האָט זי לאַכנדיק געענטפערט,

— אָבער איך בין אויך צום שכל געקומען. איצט האָב איך שוין צוויי שיינע קינדערלעך, אַ פיינע היים און אַ פיינעם מאַן.

איך האָב זיך מיט איר געזעגנט און שוין אָנגעהויבן אוועקגיין. אָבער זי האָט מיך אָפּגעשטעלט און זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי פאַרבעט מיך נישט צו זיך אין הויז. זי האָט מורא, האָט זי מיר אָפּנהאַרציק דערקלערט, אַז איך זאָל אַמאָל, נישט-ווילנדיק, זיך אַרויסכאַפּן אין איר מאַנס קעגנוואַרט וועגן איר סאַניניסטישער פאַרגאַנגענהייט...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט דעם מוזיקער האָט זי זיך באַקענט נישט אין די קרייזן פון „פרייע ליבע", נאָר צופעליק ביי אַ קאָנצערט, און זי האָט אים דאָס אונטערגעשיילט צו פאָרן מיט איר קיין אַמעריקע, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז אין וואַרשע וועט ער זיך דערוויסן וועגן איר „פרייע ליבע"...

XXVI

„פרעמדע" יידן אין פוילן

ווארשע האָט צו זיך געצויגן יידן פון ארבע־פינות אייראָפּע, באַזונדערס פון די מדינות און מדינהלעך, וואָס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען זיי געווען טיילן פון דער רוסישער אימפּעריע און נאָך דער מלחמה — זעלבסטשטענדיקע שטאַטן.

און ווארשע, די עיר ואם בישראל, איז געווען אַ שמעלצטאָפּ פון די פארשידענע „יידנטומס". ליטוואַקעס, אוקראַאינער, קורלענדער און „גרויס-רוסן" האָבן זיך „פּאָלאָניזירט" — דאָס הייסט: יידיש-פּויליש געוואָרן.

ס'איז געווען אַ נאַטירלעכע, אַ פרייוויליקע „אַסימילאַציע". און זיי האָבן ליב געקריגן ווארשע, פּוילן, די ווייסל, דעם יידיש־פּוילישן שטייגער.

זיי האָבן גוטמוטיק אָפּגעלאַכט פון די פּוילישע „איטשע-מאירס", פון די לאַנגע קאַפּאָטעס, פון די קיילעכדיקע היטעלעך, פון דעם ווארשעווער „יאַך" — אָבער אין האַרץ איז געווען ליבע.

און אַז אַזאַ יידישער „אימיגראַנט" אין ווארשע, האָט נאָך יאָרן וווינען דאָרט פאַרלאָזט פּוילן, האָט עס אים צוריקגעצויגן, ווי אַ מאַגנעט. אפילו דאָס האַרטע יידיש פון די ליטווישע יידן איז אין ווארשע

ווייבער געוואָרן. און זייערע קינדער האָבן שוין גערעדט ווי עכטע פּוי-לישע יידן מיטן „יאָך" און „ווועס", נישט געקוקט אויפן „קאַמץ", וואָס די ליטווישע עלטערן האָבן געפּירט קעגן זייערע קינדערס „קאַליע גע-וואָרן" לשון...

און „געמישטע חתונות" זענען פאָרגעקומען צווישן פּוילישע און ליטווישע און די יידן פון אַנדערע מקומות. אָבער די קינדער פון אַזעלכע „געמישטע" חתונות האָבן שטענדיק זיך געשטעלט אויפן „פּוילישן" צד.

אַ קינד פון אַזאַ „געמישטער חתונה" איז, למשל, אפרים קאַגאַ-נאָווסקי, איינער פון די טאַלאַנטפולסטע בעלעטריסטן אין דער יידישער ליטעראַטור. קאַגאַנאָווסקי איז צווישן די יידישע שרייבערס אין וואַרשע באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ שונא פון ליטוואַקעס, אָבער דאָס איז, פאַר-שטייט זיך, געווען איבערגעטריבן. דער בלבול אויף אים האָט זיך גע-נומען דערפון, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו אימיטירן די ליטוואַקעס, זייער יידיש — און מיר פלעגן האָבן אַ סך שפּאַס דערפון.

זיינע „ליטווישע אימפּראָוויזאַציעס", פלעגט ער דורכפירן אָדער ביי י. ל. פּרצן אין הויז — און פּרץ פלעגט קייכן פון געלעכטער; אָדער צווישן חברים, באַזונדערס ביי יהושע פּערלען אין וווינונג.

***

דער אינטערעסאַנטסטער און עקזאָטישסטער טיפּ פון „פרעמדן" ייד, וואָס האָט זיך „אַסימילירט" מיטן פּוילישן יידנטום, איז געווען אַ קאַווקאַזער ייד און ס'האָט אויסגעזען, אַז אָט־דער „גרוזינער" וועט אפילו ווערן אַ יידישער שרייבער.

יידן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין קאַווקאַז, האָבן מיר, איינגנטלעך, אַ היפּש ביסל און צוויי פון זיי פאַרנעמען אפילו אַן אויבן-אָן אין יידישן זשורנאַליזם — די ברידער וולאַדימיר און מאיר גראָסמאַן; אָבער זיי זענען קינדער פון היימישע יידן, ליטווישע, פּוילישע, אוקראַי-נישע, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין קאַווקאַז.

אָבער דער גרוזינישער ייד, מכּוח וועלכן דאָ איז די רייד, איז געווען אַ קאַווקאַזער פון דור דורות און אַרומגעגאַנגען איז ער טאַקע אין דעם קאַווקאַזער הולך, באַהאַנגען מיט קינזשאַלן. ביז ער איז געקומען קיין

פוילן, האט ער נישט געוווסט פון קיין אנדער יידיש לעבן, פון דער יידי־שער שפראך און יידישע מנהגים.

ווען ער איז געקומען קיין פוילן, קיין ווארשע, וווהין „פאניע" האט אים געשיקט דינען אין מיליטער, האט ער אפילו נישט געוווסט, אז אט־די יידן אין די לאנגע קאפאטעס, וואס רעדן א לשון, וואס ער האט קיינ־מאל פריער נישט געהערט, זענען יידן. נאר אזוי שנעל ווי ער איז דאס געוואר געווארן, האט ער זיך פאראינטערעסירט, זיך אויסגעלערנט יידיש, זיך באקענט מיט יידישע מנהגים און ליב געקריגן פוילן און דאס פוילי־שע יידנטום.

אזוי ליב האט ער באקומען ווארשע און די דארטיקע יידן, אז נאכ־דעם ווי ער האט אפגעדינט „פאניען", האט ער זיך באזעצט אין ווארשע, חתונה געהאט מיט א דארטיק יידיש מיידל און — דווקא געוואלט ווערן א יידישער שרייבער.

דאס ערשטע מאל, וואס איך האב אים דערזען, ווען ער איז אריינ־געקומען אין רעדאקציע פון „מאמענט", האב איך געגאפט, ווען ער האט צו מיר גענומען רעדן אין א גאנץ פיינעם יידיש, כאטש שטארק געמישט מיט רוסישע ווערטער; נאך גרעסער איז מיין חידוש געווארן, ווען אט־דער הויכער, ברייטפלייציקער „גרוזינער" אין זיין קאווקאזער טראכט, האט ארויסגענומען א מאנוסקריפט, געשריבן מיט געציקלטע יידישע אותיות, און מיר אים דערלאנגט.

ס'איז געווען א דערציילונג און דווקא פון יידישן לעבן — אין פוילן. איך האב אים געבעטן, אז ער זאל שרייבן פון יידישן לעבן אין קאווקאז, וועט עס זיין פאר אונדז אינטערעסאנט, ווען אפילו ס'איז ליטעראריש נישט געראטן. אבער ער האט א מאך געטון מיט די הענט און פארוואונדערט מיך געפרעגט:

— וואס איז דען דא צו שרייבן פון יידישן לעבן אין קאווקאז?

דער „גרוזינער" איז נאך עטלעכע מאל געקומען אין רעדאקציע אריין, אבער אלץ מיט מעשיות פון יידישן לעבן אין פוילן. וויפיל איך האב זיך ביי אים נישט געבעטן, אז ער זאל שרייבן מעשיות פון קאוו־

קאז, וועט זיך לוינען זיי איבערצושרייבן — האָב איך ביי אים נישט געקענט פועלן.

אביסל שפּעטער איז ער „שפּורלאָז" פאַרשוואונדן.

**
*

צווישן די פּראָמינענטע יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך גרינטלעך „אַסימילירט" מיטן פּוילישן יידנטום, זענען געווען דער ליט-וואַק יעקב דינעזאָן און דער אוקראַינער מרדכי ספּעקטאָר.

זיי זענען מיט לייב און לעבן געוואָרן פּוילישע יידן. קיינער פון די פּוילישע יידן, וואָס האָבן איינגעוואָנדערט אין אַמעריקע, האָט נישט גע-ליטן פון אַזאַ שטאַרקער „היים-וויי", פון בענקשאַפט קיין פּוילן, ווי ספּעקטאָר.

— אוי, וואַרשע, וואַרשע! — פלעגט ער כסדר מיר זיפצן אין די אויערן אַריין יעדעס מאָל, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן אין רעדאַקציע פון „דאָס יידישע טאָגעבלאַט", וווּ מיר האָבן ביידע געאַרבעט, אָדער אין גאַס, אָדער ביי אים אין הויז.

נישט ווייניקער פאַרליבט אין וואַרשע, אין פּוילישן יידנטום, איז געווען דינעזאָן. אָבער דינעזאָן האָט אפילו נישט געקענט טראַכטן פון פאַרלאָזן וואַרשע. צוויי כוחות האָבן אים געהאַלטן צוגעשמידט צום אָרט: טאַקע וואַרשע אַליין און י. ל. פּרץ.

ער איז געבליבן געטריי וואַרשע און פּרצן ביזן טויט אַריין.

און אַז מען רעדט וועגן ספּעקטאָרן און דינעזאָנען, מוז מען זיך דער-מאָנען אָן אַ גרויסער עוולה, וואָס אונדזער ליטעראַטור-קריטיק איז באַ-גאַנגען און באַגייט לגבי די דאָזיקע פּיאָנערן פון גרויסן יידישן ראָמאַן.

ספּעקטאָר און דינעזאָן זענען געווען די שאַרפסטע צוויי הפכים, וואָס מען קאָן זיך נאָר אויסמאָלן — פיזיש, גייסטיק און ליטעראַריש... דער ערשטער — אַ בעל-גוף, שווערער קאָפּ, רויטער קאַרק, ברייטע אַקס-לען; דער צווייטער דין, איידל, אַ שמאָל, ווייך פּנים. דער ערשטער עסט אַ סך און מיט גרויס אַפּעטיט; דער צווייטער עסט ווי פּאַר יוצא וועגן, שניידט קליינע פּעניצלעך ברויט, ריירט קוים אָן מיטן שפּיץ גאָפּל דאָס

שטיקעלע פלייש און טראָגט עס צו צום מויל פּאַמעלעך, ווי נישט קענענדיק זיך באַשליסן: יאָ, אָדער נישט אַריינלייגן אין מויל אַריין.

ספּעקטאָרס ראָמאַנען זענען אָנגעפּראָפּט מיט געזונטע, שטאַרקע מענטשן, בעלי־גוף, אַפילו די גוטע און איידעלע מענטשן עסן ביי אים אַ סך און ווען זיי עסן נישט, רעדן זיי כאָטש פון עסן...

דינעזאָנס ראָמאַנען זענען פול מיט איידעלע, נעבעכדיקע מענטשן, יתומים, עלנטע, וואָס רופן אַרויס רחמנות און טרערן; אַפילו זיינע רשעים האַלטן זיך קוים אויף די פיס.

אָבער ביידע זענען זיי פּיאָנערן פון דעם גרויסן יידישן ראָמאַן. פון אייזיק מאיר דיקן ביז דינעזאָן און ספּעקטאָר איז — פּאָלג מיך אַ גאַנג!

דאָך... ווער דערמאָנט זיי, אָט־די צוויי גרויסע שריפטשטעלער? נישט מען פּראָוועט זייערע יאָרצייטן, נישט ס'איז דאָ אַ מאָנאָגראַפיע וועגן זיי. כסדר די דריי: מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ. די דריי ריזן פאַרדינען אַלע מאָנומענטן אין אונדזער ליטעראַטור. אָבער — ספּעקטאָר און דינעזאָן — פאַרדינען זיכער נישט אַזוי פאַרשווייגן צו ווערן.

**
*

וועגן מרדכי ספּעקטאָרס פיזישער שטאַרקייט און זיין אומגעהויערן אַפּעטיט האָבן צירקולירט אַ וועלט מיט מעשיות. אָבער זיי זענען נישט געווען איבערגעטריבן. פּרץ האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט, אַז ספּעקטאָר איז אַ גוף אָן אַ נשמה. ער האָט עס געזאָגט אויף אַ גוטמוטיקן אופן טאָקע דעם מחבר פון „יידישן מוזשיק" אין פּנים אַריין און ספּעקטאָר האָט זיך פאַררויטלט ווי אַ 16־יאָריק מיידל.

נישט נאָר האָט ספּעקטאָר אַליין אַ סך געגעסן, נאָר ער האָט אויך געמאַכט אַנדערע עסן — זיינע פּאַרשוינען און „העלדן", וואָס ער האָט באַשריבן אין זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען. ביי קיין דערציילער עסט מען נישט אַזוי פיל ווי ביי ספּעקטאָרן — אין זיינע שאַפונגען...

אָט־דעם מענטש האָט פּראָפ. פעלדמאַן געוואָלט היפּנאָטיזירן. פּראָפ. פעלדמאַן איז אַמאָל געווען דאָס ווונדער און די סענסאַציע פון דער

וועלט. ער פלעגט, דורך היפנאָטיזם, אויסהיילן קראַנקהייטן, וואָס די גרעסטע דאָקטוירים האָבן „אויפגעגעבן". געווען איז ער אַ לאַנדסמאַן פון מרדכי ספעקטאָר און די עלמאַנס (מישאַ עלמאַנס עלטערן). אָבער ער האָט יאָרן-לאַנג געוווינט אין דער שווייץ, פון וואַנען זיין רום האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע לענדער.

איינמאָל איז פּראָפ. פעלדמאַן אַרויסגערופן געוואָרן קיין קעשעניעוו צו אַן 18-יאָריק יידיש מיידל, וואָס איז פולשטענדיק פאַראַליזירט געווען זינט דעם עלטער פון 6 יאָר — און די גאַנצע מעדיצינישע וויסנשאַפט איז געווען הילפלאָז. פּראָפ. פעלדמאַן האָט זי אויסגעהיילט. אויפן וועג צוריק קיין שווייצאַריע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע און צוזאַמען מיט דעם אַלטן עלמאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען מיט מישאַן אין וואַרשע, באַזוכט ספעקטאָרן.

פּראָפ. פעלדמאַן האָט, אויפן פאַרלאַנג פון די געסט אין ספעקטאָרס הויז, היפנאָטיזירט איינעם נאָכן אַנדערן. אָבער אַז ס'איז געקומען צו ספעקטאָרן, האָט דער באַרימטער היפנאָטיזאַטאָר געשוויצט. ער האָט גע-פּרוּווט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, אָבער ספעקטאָר — ווי ניִשט אים מיינט מען.

דער היפנאָטיזאַטאָר האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט און אויסגע-רופן:

— ספעקטאָר האָט מיך באַזיגט!...

***

דאָ דערמאָן איך זיך אָן אַן עפּיזאָד מיט ספעקטאָרן מיט יאָרן שפּע-טער — אין ניו-יאָרק.

מרדכי ספעקטאָר כאַפּט מיך אַמאָל אָן אויף די טרעפּ פון דער „טאָ-געבלאַט"-רעדאַקציע:

— קומט, קומט, איך מוז מיט אייך שמועסן! זייער וויכטיק!

מיר לאָזן זיך שפּאַצירן איבער איסט-בראָדוויי. ער פירט מיך אַריין אין אַ זייטיקער גאַס. איך וואַרט מיט אומגעדולד, אויסצוגעפינען, וואָס דער ענין איז:

— אלמי — הייבט ער אן — איך וויל פון אייך, אז איר זאלט מיר זאגן דעם אמת. איך קאן דאך אייך זינט איר זענט געווען א ייִנגל... איך געדענקט ווארשע... רעדאקציע „מאמענט", די דאטשע אין יוזעפאוו?... ספעקטארן טארט איר נישט נארן. מיר דארפט איר זאגן דעם גאנצן אמת.

אזוי ווי דעמאלט האט שוין דאס „טאגעבלאט" געהאלטן ביי גסיסה, בין איך זיכער געווען, אז ער וויל פון מיר אויסגעפינען, צי ס'האלט טאקע אזוי שלעכט. איך פארזיכער אים דעריבער, אז איך וועל אים זאגן אלץ, וואס איך ווייס.

— מאלאדיעץ! — גיט ער מיר א קלאפ אין פלייצע — איך האב געוווסט, אז ספעקטארן וועט איר נישט אפנארן... איך האב נאר־וואס איבערגעלייענט אייער בוך „די צווייטע עקזיסטענץ", וועגן השארת הנפש... זאגט־זשע מיר, אלמי — מען לעבט טאקע נאכן טויט?

איך האב אים פארזיכערט, אז — יא, אוודאי לעבט מען נאכן טויט! און זיינע אויגן האבן אויפגעלויכטן. אין עטלעכע וואכן ארום איז מרדכי ספעקטאר געשטארבן.

***

מרדכי ספעקטאר פלעגט שרייבן פעליעטאנען אונטערן פסעוודאנים „אמת". באזונדערס האט זיך אויסגעצייכנט זיין „שטעט און שטעט־לעך", וואס ער האט יארן־לאנג געשריבן אונטער אט־דעם נאמען. פון וואנען קומט צו אים אזא פסעוודאנים? איז די מעשה אזא: ספעקטאר, דער ערשטער קרעפטיקער יידישער ראמאניסט, איז נישט געווען שוה־בשוה מיטן אויסלייג פון העברעאישע ווערטער און ס'פלעגן וועגן דעם צירקולירן אלערליי וויצן. איינמאל האט ער זיינעם א קליינעם פעליעטאן געחתמעט „עם עס" (די איניציאלן פון מרדכי ספעקטאר). דער זעצער איז זיכער געווען, אז ספעקטאר האט געוואלט אנשרייבן „אמת", האט ער אים פארריכט — און ס'איז געבליבן אמת...

***

דינעזאן, דער ווייכער, סאמעטענער, גוטמוטיקער, דער מענטש אן

א גאַל, האָט מיך אָבער אַמאָל פֿיינלעך איבערראַשט. מיר זענען געווען כמעט שכנים, ווייל דזשעלנע, וווּ דינעזאָן האָט געוווינט, איז געווען בלויז א שטיקל וועג אַוועק פֿון גענשע, וווּ מיר האָבן געוווינט, פֿלעג איך זיך צו אים פֿון צייט צו צייט אַריינכאַפּן. איינמאָל, בעת איך בין אַזוי געזעסן ביי אים, האָט זיך פּלוצים אויפֿגעפּראַלט די טיר און אַן אַלטער אָרימער ייד, א בעטלער, האָט זיך אַריינגעשטעלט.

דינעזאָן איז האַסטיק אויפֿגעשפּרונגען, זיך א וואָרף געטאָן צום בעטלער און אים אַרויסשטופּנדיק פֿון דער טיר, האָט ער בייז געמורמלט:

— נישט אויסצוהאַלטן פֿון די שנאָרערס!

כאָטש איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דינעזאָן האָט אַזעלכע געסט מסתמא גאַנץ אָפֿט און זיי שטערן אים אין זיין אַרבעט און אין זיין רו, בפֿרט, אַז פֿון פֿריער אָנקלאַפּן אין טיר האָט מען אין די אָרימע יידישע קוואַרטאַלן נישט געוווּסט — דאָך האָט דער דאָזיקער אויסברוך דינעזאָנס מיך אינגאַנצן צעטרייסלט. ס׳האָט אַזוי נישט געשטימט מיט דעם בילד פֿון דעם גוטמוטיקן, פֿריינטלעכן און האַרציקן דינעזאָן, אַז איך בין געבליבן געפּלעפֿט, אָן לשון — און איך האָב באַלד, נאָך אָט דער סצענע, פֿאַרלאָזט זיין שטוב.

דער רושם פֿון דינעזאָנס אומגעריכטן צאָרנדיקן אויסברוך איז פֿאַרבליבן אין מיר ביזן היינטיקן טאָג.

**
*

ביי די וואַרשעווער יידן איז יעדער ייד, וואָס האָט גערעדט אַביסל אַנדערש ווי אין וואַרשע, געווען — א ליטוואַק. אין דער רשימה פֿון ליטוואַקעס זענען אַריין נישט נאָר יידן פֿון אוקראַינע, קורלאַנד, נאָר אַפֿילו יידן פֿון אַזעלכע פּוילישע שטעט און שטעטלעך, ווי קאַליש, וולאָצלאַוועק, א פּשיטאַ שוין פֿון מעזריטש.

מודה זיין מוז מען, אַז קיין גרויסע ליבע צו ליטוואַקעס האָט ביי וואַרשעווער יידן נישט געהערשט. די פֿאַראורטיילן זענען אַרויסגעוואַקסן ערשטנס דערפֿון, וואָס א גרויסער פּראָצענט פֿון די ליטוואַקעס, די אמתע, איז באַשטאַנען פֿון „אויפֿגעקלערטע” און דערצו זענען זיי אַלע געגאַנגען

קורץ געקליידט, מעשה „דייטשן", וואָס דאָס איז ביי די פרומע וואַר־שעווער יידן געווען חוקת הגוי, אפּיקורסות.

אַ ראָל האָט דאָ אויך געשפּילט דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר. די ליט־וואַקעס זאָלן האָבן „פאַרכאַפּט" די בעסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס... די פאָראורטיילן און באַציאונגען פון די וואַרשעווער יידן צו די ליטוואַקעס זענען געווען כמעט אַזעלכע ווי די פון די פּאָליאַקן צו יידן אין אַלגעמיין. אמת איז אמת.

דער פאַראורטייל פון די פּוילישע, דער עיקר פון די וואַרשעווער צו די ליטווישע יידן האָט זיך אפילו אַריינגעגנבעט אין יידישן פאָלקלאָר. יידישע קינדער פלעגן זינגען:

ליטוואַק חזיר,
טשו־טשו־טשו — —
לייג זיך אין דר'ערד אַריין
ליו־ליו־ליו.

אָבער פיינלעך ביז גאָר איז פאַר מיר געווען, וואָס דער דאָזיקער נאַ־רישער און שעדלעכער פאַראורטייל פון איין גרופּע פאַרפאָלגטע צו אַן אַנדער גרופּע פאַרפאָלגטע אין דעם אייגענעם פאָלק, האָט זיך אַריינגע־כאַפּט אויך אין דער ליטעראַטור.

איטשע מאיר ווייסענבערג ע"ה, דער גרויסער יידישער פאָלקס־קינסטלער, איז געווען דער טשאַמפּיאָן פון אַנטי־ליטוויציזם אין דער יידישער ליטעראַטור. ס'איז געווען אין אים אַ מין פּאַטאָלאָגישע שנאה צו ליטוואַקעס, ממש אַ יידישער „אַנטיסעמיטיזם" קעגן נישט־פּוילישע יידן, איבערהויפּט „פרעמדע" יידישע שרייבער.

די ליטוואַקעס האָבן פאַרכאַפּט די יידישע ליטעראַטור! — האָט ער געשריגן — און געשריבן. און אויך ביי אים, ווי ביי די פּשוטע פאָלקס־מענטשן, זענען געווען ליטוואַקעס אַלע, וואָס זענען נישט געבוירן גע־וואָרן אין וואַרשע, אָדער אין זיין שטעטל זשעליכאָוו. אפילו די אָרטאָ־גראַפיע פון יידיש איז ביי אים געווען אַ ליטווישע און ער האָט דעריבער איינגעפירט זיין זשעליכאָווער אָרטאָגראַפיע, דאָס הייסט: אַן אויסלייג

פון יידישע ווערטער ווי זיי ווערן ארויסגערעדט פון זיינע זשעליכאָווער לאַנדסלייט.

פאַר זיין אַנטי־ליטווישער פּראָפּאַגאַנדע האָט ווייסענבערג געגרינ־דעט דעם זשורנאַל „אינזער האָפענונג", ווו ער האָט ביטער געקעמפט קעגן ליטוואַקעס און בכלל קעגן אַלע, וואָס זענען נישט מסכים געווען מיט זיין שטעלונג און מיט זיין אָרטאָגראַפיע.

כאָטש איך האָב ווייסענבערגן אַלעמאָל פּאַרטיידיקט קעגן די אָנ־פאַלן אויף אים, וועלנדיק אים פאַרשטיין, האָט ווייסענבערג אויך אויף מיר זיך איינמאָל ארויפוואַרפן און ער האָט אין „אינזער האָפענונג" געשריבן, אַז די דיקטאַטאָרן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע זענען אַב. קאַהאַן, ד"ר יעקב שאַצקי און א. אלמי. פאַרוואָס ער האָט אָט די דריי צוזאַמענגעפּאַרט, הגם זיי האָבן איינער מיטן אַנדערן קיינ־מאָל קיין שום שייכות נישט געהאַט, נישט ליטעראַריש און נישט אי־דעאָלאָגיש — דאָס איז אַ סוד, וואָס ווייסענבערג האָט מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַריין.

פּראָווידיאַניש קאָן מען דערקלערן ווייסענבערגס „אַנטיסעמיטיזם" לגבי „ליטוואַקעס" מיט דעם שפּלות־געפיל אין אים. ווייסענבערג, דער גרויסער קינסטלער, דער שאַפער פון „דער טאַטע מיט די בנים", „דאָס וואַלד־מיידל", „ אַ שטעטל" און אַנדערע וווּנדערלעכע ווערק, האָט קיין שום בילדונג נישט באַזעסן, איז געווען אומגעהובלט, פּאָלקסטימלעך פּשוט, און דאָס האָט אין אים דערוועקט אַ קנאה־שנאה צו די „אינטע־ליגענטן", וואָס באַנוצן אַזאַ הויכע שפּראַך.

אים זענען אַלעמאָל געווען דערווידער די „יונגעלייטלעך אין די ציי־מערלעך", ווי ער האָט כאַראַקטעריזירט די „עקסטערנס", די יונגעלייט, וואָס זענען געקומען פון דער ליטע און פון אַנדערע טיילן אין דער רוס־לענדישער אימפּעריע קיין וואַרשע שטודירן. די לייכטע איראָניע לגבי ליטוואַקעס אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע יאָרן האָט זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אים אין אַן אָפענער, קריגערישער שנאה, אין אַן אי־דייע־פיקס.

קאָן זיין, אַז ווען די קאַלעגן־שריפטשטעלער וואָלטן אים געפּרוווט

פֿאַרשטיין און אים באַהאַנדלען מיט איינזעעניש, וואָלט זיין פֿאַראורטייל זיך מיט דער צייט אויסגעוועבט; אָבער אָנשטאָט דעם האָט מען אים געריצט מיט חוזק, מיט ביטול, מיט בייזע אַטאַקעס. דאָס האָט אים נאָך ביטערער געמאַכט און צעפֿלאַקערט זיין שנאה.

אַ קרעפּטיקער, אַ ברייט־פּלייציקער, ממש אַן אַטלעט, מיט אַ מאָנ־גאָליש פּנים, ווו אונטער אַ שמאָלן שטערן זענען געווען צוויי קליינע איי־געלעך — אַ פּנים, וואָס דערמאָנט אָן לענינס געזיכט — האָט ער אין די „אינטעליגענטן" אויך פֿיינט געהאַט זייער ווייכקייט, זייער שוואַכקייט. און ער פֿלעגט פֿון זייער „ווייבלעכקייט" אָפּלאַכן. אויף דעם ליטוואַק נח פּרילוצקין (וואָס ער איז גאָר געווען אַן אוקראַינער) האָט וויסענבערג, למשל, אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט „געקאַכטע הענטלעך". וואָס־וואָס, נאָר אַריינזאָגן האָט ער געקענט, גערעכט, צי אומגערעכט — און ס'רוב טאַקע אומגערעכט.

דערצו האָט אים פֿאַרביטערט זיין אייביקע אָרימקייט, כאָטש די אַנדערע יידישע שרייבער אין וואַרשע זענען אויך נישט געווען קיין גרוי־סע גבירים.

עס דערמאָנט זיך מיר אַזאַ אינצידענט:

וויסענבערג איז איינגעלאַדן געוואָרן קיין לובלין אויף אַ פֿאָרלע־זונג, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין לייטישן אנצוג אָנצוטאָן. דער אַנ־צוג, וואָס ער האָט געטראָגן, איז געווען אָפּגעטראָגן, פֿאַרלאַטעט און צע־ריסן.

ער איז אַרויפֿגעקומען צו יהושע פּערלע אין הויז אַריין, ווו איך בין דאַן געווען און פֿאַרלאַנגט פֿון אים, אַז ער זאָל אים אויסלייען זיינס אַן אנצוג. פּערלע האָט זיך דעמאָלט געגרייט חתונה צו האָבן מיט שרה קאָרנבייסער, די שיינע, ברוין־הויטיקע יידישע טאָכטער, מיט די לאַנגע קאַשטאַן־פֿאַרביקע צעפּ, און דער גליקלעכער, פֿאַרליבטער פּערלע, וועל־כער האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אַ באַנק אַלס אַ געהילף־בוכהאַלטער, האָט זיך געלאָזט אויפֿנייען אַ שוואַרצן אנצוג.

ווען פּערלע האָט וויסענבערגן צוגעפֿירט צו דער קליידער־שאַפֿע, אַז ער זאָל זיך אויסקלייבן אַן אנצוג, האָט וויסענבערג אויסגעקליבן אָט

דעם נייעם אנצוג, וואָס פערלע האָט נאָך קיין איין מאָל נישט געהאַט געטראָגן.

פערלע האָט אים דערקלערט, אַז דאָס איז זיין חתונה-אנצוג, אָבער וויסענבערג האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז דווקא דעם אנצוג וויל ער — בלויז אויף עטלעכע טעג. ער וועט אים אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. פערלע האָט אים דעם אנצוג געגעבן. וויסענבערג האָט אים אויף זיך אַרויפגעצויגן. די הויזן זענען געווען אַביסל צו לאַנג אויף אים, האָט ער זיי פּשוט פאַרקאַטשעט. אַ צרה איז געווען מיט די שיך. אַ נייער שוואַר־צער אנצוג און אַ פּאָר אַלטע צעריסענע שיך מיט לעכער פון אויבן און פון אונטן זענען עפּעס קיין פּאָר נישט געווען. אָבער פערלעס שיך זע־נען צו קליין געווען אויף וויסענבערגס פיס. מילא, איז אַן שיך. וועט ער ביי אַן אַנדער קאָלעגע קריגן אַ פּאָר שיך...

עטלעכע וואָכן זענען אַריבער און וויסענבערג האָט זיך נישט גע־וויזן. פערלע האָט חתונה געהאַט אין אַן אַלטן אנצוג. און פערלע איז נישט אין כעס געווען, ער האָט וויסענבערגס שרייבן צו שטאַרק ליב געהאַט.

איין אָוונט בין איך פון דעם דאַטשע־אָרט יוזעפאָוו געפאָרן קיין וואַרשע. דער וואַגאָן דריטע קלאַס פון דעם צוג, וואָס איז געקומען פון אַ וווייטערער געגנט, איז געווען פול מיט פויערים און סאָלדאַטן. כמעט אַלע האָבן געראויכערט מאַכאָרקע און אין לופט איז געשטאַנען אַ דיקער רויך, וואָס האָט געהאַט אַ נישט איבעריק אנגענעמען ריח.

איך האָב געפונען אַ פּלאַץ פאַר זיך און זיך אַוועקגעזעצט. פון אַן אויבערשטער באַנק איבער מיר איז אַראָפּגעהאַנגען אַ מענערישער פוס אין אַן אַלטן אָפּגעטראָגענעם שוך. דער שוך איז מיר פאַרגעקומען באַ־קאַנט... איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אַרויפגעקוקט אויף דער באַנק... יאָ, עס איז געווען וויסענבערג! ער איז געלעגן אויסגעצויגן אין פערלעס שוואַרצן אנצוג, וועלכער איז שוין איצט געווען צעקנייטשט און פאַר־פלעקט.

וויסענבערג איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן, געשמאַקן שלאָף און איך האָב אים נישט געוואָלט אויפוועקן. ווען די באַן איז אָנגעקומען

אין וואַרשע, האָט ווייסענבערג זיך אויסגעטשוכעט, אַראָפּגעקראָכן פון דער אויבערשטער באַנק און — מיך דערזען.

מיר האָבן זיך באַגריסט. ווען ער האָט באַמערקט ווי איך אָבסער-וויר דעם אנצוג אויף אים, האָט ער אַ מורמל געטאָן:

— אַ שיינעם אנצוג האָט ער מיר געגעבן, אייער פּערלע — ער צעפּלאַצט דאָך אויף מיר! אייערע אינטעליגענטלעך מיט די ווייבערישע פּלייצעס!

גוט כאָטש, וואָס ער האָט פּערלען נישט אָנגערופן ליטוואַק. ניין, פּערלען האָט ווייסענבערג אָנערקענט פאַר אַ פּוילישן...

XXVII

דער מיסיאָנער לעווערטאָוו

וואַרשעווער יידן פלעגן האָבן אַ פאַרווייַלונג: זיי האָבן זיך אַרייַנגעכאַפּט צו דעם אָדער יענעם מיסיאָנער (און מיסיאָנערישע קרעמלעך זענען אין וואַרשע געווען עטלעכע), כּדי חוזק צו מאַכן פון דעם מיסיאָנער. דאָס האָבן ס'רוב געטאָן יונגעלייט, סיי חסידישע, סיי אויפגעקלערטע. די חסידישע האָבן געוואָלט באַווייַזן זייער לומדות, און די „אויפגעקלערטע" — זייער אַפּיקורסות סיי אין יידנטום, סיי אין קריסטנטום.

די יידישע פּרעסע האָט אַפּעלירט צום יידישן עולם דאָס נישט צו טאָן, מחמת דאָס ווילן דאָך די מיסיאָנערן. זיי ווילן באַווייַזן, אַז דער יידישער עולם פאַראינטערעסירט זיך מיט זיי. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן פון לאָנדאָן אַ גאָר גרויסער משומד־מיסיאָנער און פאַררופן אַ מאַסנמיטינג. אַזאַ מיטינג פלעגט זיך כּמעט שטענדיק פאַרענדיקן מיט סקאַנדאַלן, און אַמאָל אויך מיט געשלעגן.

די יידישע צייטונגען האָבן אויך וועגן דעם געוואָרנט די וואַרשעווער יידן, געבעטן זיי, נישט צו גיין צו אַזעלכע פאַרזאַמלונגען.

דער באַרימטסטער לאָנדאָנער מיסיאָנער, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט אַראָפּגעכאַפּט קיין וואַרשע, איז געווען לעווערטאָוו, וואָס פלעגט

זיין נאָמען אויסלייגן דווקא אויף העברעאיש: לבר-טוב. מען האָט וועגן אים דערציילט, אַז אַמאָל איז ער געווען אַ ישיבה-בחור און ער איז פון אַ קליין פויליש שטעטל אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד שטודירן. אָבער איינמאָל, ווען ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן פון לייפּציג אַ הונגעריקער און אַ מידער, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ קאַטוילישן קאַטעדראַל, ווו די רייכקייט, פּילפאַרביקייט און די אָרגל-מוזיק האָבן אויף אים אַזוי געווירקט, אַז ער איז געפאַלן אויף די קני צוזאַמען מיטן קריסטלעכן עולם. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער זיך געשמדט.

לבר-טוב איז מיט דער צייט געוואָרן אַ באַדייטנדיקער געלערנטער און אַ ליבהאָבער פון דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. ער האָט ליב געהאַט די געזעלשאַפט פון יידישע שריפטשטעלער און געלערנטע. ער איז דערביי געווען אַן אויפריכטיקער קריסטלעכער מאמין, טאַקע באמת געגלויבט, אַז די ישועה פאַרן יידישן פאָלק און דער מענטשהייט בכלל וועט קומען, ווען יידן וועלן אַנערקענען דעם נוצרי. ווען נאָך ער איז געקומען קיין וואַרשע, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו דוד פרישמאַנען, וואָס מיט אים האָט ער זיך באַפריינדעט, כאָטש פרישמאַן פלעגט חוזק מאַכן פון זיין קריסטלעכקייט. ער פלעגט אויך אַמאָל באַזוכן פּרצן און אַנדערע יידישע שריפטשטעלער, צווישן זיי נחום סאָקאָלאָוו. ער האָט איינמאָל אַפילו פאָרגעלייגט סאָקאָלאָוון, אַז ער זאָל אים דערלויבן צו פאַרעפנטלעכן אין „הצפירה" אַ סעריע אַרטיקלען וועגן קריסטנטום. פאַרשטייט זיך, אַז סאָקאָלאָוו האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן דערפון.

י. ח. זאַגאָראָדסקי האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז סאָקאָלאָוו זאָל אַפילו האָבן געענטפערט לעווערטאָוון בזה הלשון:

— קריסטנטום איז זיכער אַן אינטערעסאַנטע טעמע, אָבער ווען איז דאָס געוואָרן געוואָרן? ווען מען שרייבט מכוח דעם ווינסשאַפטלעך-אָביעקטיוו. שטיוול זענען אויך וויכטיק, און ווען איינער זאָל אָנשרייבן אַ מאמר וועגן שטיוול, וועגן זייער אויפקום און אַנטוויקלונג, און דאָס אויף אַ ווינסשאַפטלעך-אָביעקטיוון שטייגער, וואָלט אַזאַ אַרטיקל געווען אינטערעסאַנט פאַר די לייענער. אָבער ווען אַ שטיוול-סוחר שרייבט אַן

א מאמר וועגן שטיוול, ווערט עס — רעקלאַמע... ווי־זשע קענט איר דער־וואַרטן, אַז די „הצפירה" זאָל רעקלאַמירן אייער קריסטנטום?

אָבער ס'איז געווען אַ צייט, ווען לבר־טוב האָט נאַאיוו געגלויבט, אַז די צייט איז רייף פאַר מאַסן־שמד פון ייִדן. דאָס איז געווען יענע צייט, ווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן צו קלינגען קירכן־גלאָקן. שלום אַש האָט געשריבן וועגן מרימען, יעזוסעס מוטער, און זי באַהאַנדלט מיט אַזוי פיל צאַרטקייט — אויב נישט מיט נאָך מער — ווי דער מאַמע רחל. ד"ר ח. זשיטלאָווסקי איז אין אַמעריקע דעמאָלט אַרום מיט זיין סעריע אַרטיקלען, וווּ ער האָט גערופן צו רע־ווידירן דעם „אַלטן דרייפוס־פּראָצעס". דער „אַלטער דרייפוס" איז נישט קיין אַנדערער, ווי יעזוס קריסטוס.

קריסטלעכקייט איז געוואָרן אַ מאָדע אין דער ייִדישער ליטעראַ־טור. יונגע ייִדישע און העברעאישע שרייבער, — צווישן זיי דער ייִדיש־העברעאישער פּאָעט יהודה קארני — האָבן נאָכגעשפּאַנט אין די פוס־טריט פון אַש און זשיטלאָווסקי. און לעווערטאָוו, וועלכער האָט אין לאָנ־דאָן נאָכגעפאָלגט די ליטעראַטור אויף ייִדיש און אויף העברעאיש, איז זיכער געווען, אַז אָט די ייִדישע שריפטשטעלער דריקן אויס די שטי־מונג פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן... ווי קען עס דען אַנדערש זיין? איז דאָך די ליטעראַטור דער שפּיגל פון לעבן!...

לעווערטאָוו איז געקומען צולויפן קיין וואַרשע אַ פאַרסאַפּעטער, אַ דערפרייטער, ער איז אַריינגעפאַלן צו פרישמאַנען אין דירה. פרישמאַן האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפל קאַלט וואַסער פון זיין סאַרקאַזם און איראָניע. לעווערטאָוו האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס „קריסטלעכ־קייט" איז בלויז אַ מאָדע, אָדער אַ משוגעת, וואָס וועט באַלד אַריבער, און די ייִדישע שרייבער וועלן אויסטראַכטן עפּעס אַן אַנדער מאָדע, ווי פרישמאַן האָט אים פאַרזיכערט — און ער האָט פאַררופן אין דעם גרויסן „פילהאַרמאָניע"־זאַל אַ מיסיאָנערישן מאַסנמיטינג. לעווערטאָוו און צוויי וואַרשעווער מיסיאָנערן זענען געווען די רעדנער.

עס איז געקומען אַ גרויסער ייִדישער עולם, אַ צו גרויסער, מחמת נישט נאָר די „פילהאַרמאָניע", נאָר אויך די גאַס אַרום איז געווען שוואַרץ

פון עולם. דער עולם אינעווייניק איז בכיון געווען זייער טומלדיק. מ׳האָט גערעדט צווישן זיך אויפן קול; טייל האָבן געזונגען, און אַנדערע האָבן געמאַכט אַלערליי אויסרופן קעגן די מיסיאָנערן. אויף דער בינע זענען געשטאַנען די מיסיאָנערן און עפּעס גערעדט צום עולם, אָבער מען האָט קיין וואָרט נישט געהערט.

איינער פון די צוויי וואַרשעווער מיסיאָנערן איז אַזוי צעקאָכט געוואָרן פון רציחה, אַז ער איז אַראָפּ פון דער בינע און זיך מיט זיין שטעקן געוואָרן אויף אַ גרופּע יונגעלייט, וועלכע האָבן געזונגען. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק, און דער סוף איז געווען, אַז לעוועטראָוו האָט מיט זיינע צוויי וואַרשעווער אַדיוטאַנטן געמוזט אַנטלויפן דורך אַ הינטערטיר.

לעוועטראָוו — האָט מען מיר דערציילט — איז שטאַרק אין כעס געווען, וואָס יידישע שרייבער האָבן אים אָפּגענאַרט... ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר פרישמאַנען, און פרישמאַן האָט אים געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— אָבער א י ך האָב אייך נישט אָפּגענאַרט!...

די קלויסטער־גלאָקן האָבן טאָקע אינגיכן אויפגעהערט צו קלינגען אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי פרישמאַן האָט פאָראויסגעזאָגט, — ביז... ביז שלום אַש איז ווידער אַרויסגעקומען מיט ווערק אויף קריסטלעכע טעמעס און אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער יידישער וועלט.

XXVIII

דאָס יידישע הימעלע און דער קאַפּעליוש

(וועגן ב. יאושזאָן ע"ה)

דער זשורנאַליסט האָט אַלעמאָל מקנא געווען דעם בעלעטריסט, וואָס שאַפט פאַר דער „אייביקייט", בעת אַלע, וואָס ער, דער צייטונגס-שרייבער, שרייבט, איז בלויז פאַרן טאָג, פאַר דער שעה. „היינט געשריבן, היינט געלעזן און אויף מאָרגן איז עס אַלט", ווי מאָרים ראָזענפעלד האָט געקלאָגט. אָבער דעם בעלעטריסט האָט אויך געצויגן צו דער טאָג-צייטונג, געוואָלט זיך אַרויסזאָגן וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען. האָט נישט זעלטן פּאַסירט אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור און פּרעסע, אַז אַ זשורנאַליסט האָט געשאַפן אַ וויכטיק בעלעטריסטיש ווערק — אַ נאָוועלע, אָדער אַ דראַמע, אָדער פּאָעזיע; און אַז אַ בעלעטריסט איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער פּובליציסט, אָדער פעליעטאָניסט. אַזוינע שריפט-שטעלער דינען צוויי געטער און ס'קומט פאַר אַ שטענדיקער ויתרוצצו אין זיי צווישן דעם בעלעטריסט און זשורנאַליסט — און אָפט רייסט זיך איינער אַריין אין אַנדערנס גבול.

זינט דער ערשטער וועלט-מלחמה איז די ליניע צווישן זשורנאַליסט און בעלעטריסט זייער דין געוואָרן. בעת אין דער ליטעראַטור האָבן זיך

אויפגעהויבן קולות, אַז די קונסט דאַרף דינען דעם טאָג, דער צייט, די אַקטועלע פּראָבלעמען, האָבן זשורנאַליסטן זיך אַ לאָז געטון שווימען אין דער „אייביקייט" אַריין — דורך רעפּאָרטאַזש-ביכער. רעפּאָרטאַזש איז געוואָרן אַ לעגיטימער און אינטעגראַלער חלק אין דער ליטעראַטור. איינגנטלעך האָט זשורנאַליזם אַלעמאָל געהאַט אַן „אייביקייט"-ווערט — ווי אַ זשורנאַליסטישע שילדערונג פון אַ באַשטימטער תקופה, אירע גע-שעענישן און פּראָבלעמען, אַ באַריכט צו דער צוקונפט דורך דעם מעדיום פון פעליעטאָן, פּובליציסטיק און פּאָלעמיק, ווי די „שיינע ליטעראַטור" איז אַ „באַריכט" דורך קינסטלערישע בילדער.

איך וואָלט געקענט אויסברייטערן אָט-דעם ענין — בעלעטריסטיק און זשורנאַליזם — וואָס איז פאַר זיך גופא אינטערעסאַנט. אָבער דאָ בין איך אויסן זיך צו פאַרנעמען מיט איין שריפטשטעלער — ב. יאושזאָן, וואָס אין אים האָט זיך זייער בולט אָנגעזען דער גרענעץ־צווישן דעם בעלעטריסט און זשורנאַליסט. און וואָס זיינע זשורנאַליסטישע, דער עיקר פעליעטאָניסטישע, שאַפונגען זענען אַ לעבעדיק, באַוועגלעך בילד פון אַ רייכער און קאָלירפולער תקופה אין יידישן לעבן אין פּוילן. דאָך איז משה יוסטמאַן־יאושזאָן אַלץ נישט צופרידן געווען מיט זיך און ווען איך האָב, אויף מיין באַזוך אין פּוילן ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, מיט אים פאַרבראַכט, האָט ער זיך פאַר מיר געקלאָגט, ווי מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק: „געשריבן, געשריבן און — גאָרנישט!" דער מחבר פון די בעלעטריסטישע ווערק „אפיקורסים" און אין „רבינס הויף", האָט נאָך אַלץ רעוואָלטירט אין אים און אויפגעהאַלטן די בעלעט-ריסטישע בענקשאַפטן. און ווען איך האָב יאושזאָנען געזאָגט, אַז אויב ער זאָל אַרויסגעבן אין בוכפאָרעם זיינע פעליעטאָנען, אפילו איטשעלעס פּאָליטישע בריוו, וועלן זיי האָבן אַ וויכטיקן ווערט פאַר די צוקינפטיקע דורות, איבערהויפּט, נאַטירלעך, פאַר די פאָרשער פון אונדזער צייט, איז ער זיכער געווען, אַז איך מאַך חוזק פון אים.

ב. יאושזאָן איז פאַר דעם גרויסן יידישן מאַסן־לעזער אין פּוילן גע-ווען דאָס, וואָס אַ דוד פרישמאַן און אַ ה. ד. נאָמבערג זענען, ווי פעליע-טאָניסטן, געווען פאַר יחידי-סגולה, פאַר דער אינטעליגענץ. דאָס מיינט

נישט, אז אן אינטעליגענטער לעזער האָט נישט געקענט הנאה האָבן פון יאושזאָנס פעליעטאָנען. וואָס דאַרף מען מער: — פּרץ. און פּרץ פלעגט געשמאַק לאַכן און הנאה האָבן, ווען ער האָט געלייענט איטשעלעס פּאָלי-טישע בריוו. איך בין נישט זיכער, צי ס'איז געווען פּרץ, אָדער אַן אַנדער אָנגעזעענער יידישער שריפטשטעלער, וואָס האָט מיר אַמאָל געזאָגט וועגן יאושזאָנען: „אַ שלום עליכם פון פעליעטאָן". און דאָס איז אַ זייער גע-ראָטענע כאַראַקטעריזירונג פון יאושזאָנס פעליעטאָן, דער עיקר פון זיינע פּאָליטישע בריוו, דער פאָלקס-טאָן, דער פאָלקס-וויץ, דער בית-המדרש-דיקער נוסח, דער פּלפּוליזם און די אַלעגאָרישקייט, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט „אַריינצוזאָגן" די צאַרישע מיניסטאָרן ווי אין באַפרייטן פוילן, די פּוילישע רעגירער, און וואָס האָט די גאַנצע וועלט-פּאָליטיק אַרויסגעשטעלט ווי אַ בית-מדרשדיקן פּלפּול צווישן בטלנים — דאָס אַלץ האָט יאושזאָנס פעליעטאָן דערהויבן צו דער מדרגה פון פאָלקסטימלעכער קונסט.

איך האָב יאושזאָנען צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין יאָר 1909 אין אַ וואַרשעווער בוכהאַנדל, דאַכט זיך, אַז אין גיטלינס. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט פאַרעפנטלעכט דאָ און דאָרט קורצע זאַכעלעך, סקיצן — אונטערן פּסעוודאָנים בעל-יאוש. דער חסידישער יונגערמאַן, אין דער געהאַקטער קאַפּאָטע און מיטן קליינעם פּויליש-יידישן היטעלע אויפן קאָפּ, האָט זיך פאַררויטלט, ווען דער בוכהענדלער האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר מיר. שפּעטער האָבן מיר לאַנג שפּאַצירט אין קראַשינסקיס גאָרטן. און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס ער האָט אויסגעקליבן אַזאַ טשיקאַווען פּסעוו-דאָנים ווי בעל-יאוש, וואָס שפּעטער איז דערפון געוואָרן ב. יאושזאָן. דער חסידישער יונגערמאַן איז געווען פול מיט יאוש, מיט ספקות. אין שטוב און אין חסידים-שטיבל, וווּ ער האָט זיך געמוטשעט מיט זיין שרייבע-ריי, איז געווען ענג. די גרויסע וועלט איז אים געווען פרעמד. ווי אַ סך אַנדערע יונגעלייט אין זיינע יאָרן און אין זיין מצב, איז אין אים פאַר-געקומען אַן איבערברוך, צעריסן צווישן צוויי וועלטן. כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע דעמאָלטיקע שטימונגען איז זיין ערשטע „שאַפונג", אַ סקיצע, וואָס האָט געטראָגן דעם טשיקאַווען נאָמען: „אַנטוענדיק די שקאַרפּעטקע",

ווי ער שילדערט א חסידישן יונגנמאן, וואס אין מיטן אנטוען א שקאר-פעטקע פאלט ער אריין אין מחשבות און את-אזוי, מיט דער שקארפעט-קע מער אין דער האנט, ווי אויפן פוס, „לופטערט" ער אוים זיין גאנץ לעבן, די וועלט און אלע פראבלעמען, וואס האבן אים יארן-לאנג געמא-טערט.

אין יאושזאנען איז פארגעקומען דער איבערברוך אפשר בעת ער האט אנגעטון זיין היטעלע. פארבייטן עס אויף א מאדערנעם קאפעלוש? אריבער אין דער גרויסער וועלט אריין, אדער זיך האלטן ביים היטעלע און דער לאנגער קאפאטע? צווישן „יידישן" היטעלע און דעם קאפעלוש ליגן גאנצע וועלטן, דורות און קולטורן. און יאושזאן איז יארן-לאנג גע-בליבן ביים „יידישן" היטעלע. בלייבנדיק אינערלעך טראדיציאנעל-פרום, האט ער מורא געהאט פאר עברה גוררת עברה, אז מיטן אוועקווארפן דאס היטעלע, וועט דער יצר-הרע זיך שטארקן איבער אים און ער וועט בים-לעכווייז אוועקווארפן איין יידיש פעקל נאכן אנדערן. ס'האט געדארפט פארקומען א וועלט-מלחמה, די מפלה פון די האהענצאלערנס, דער צו-זאמענברוך פון דער עסטרייכישער אימפעריע, די באפרייאונג פון פוילן און די רעוואלוציע אין רוסלאנד, איידער יאושזאן האט באשלאסן אראפ-צווארפן דאס היטעלע און די לאנגע קאפאטע. און מאדנע: דווקא נאכ-דעם ווי יאושזאן האט זיך אנגעטון א קאפעלוש און א קורץ רעקל, מעשה „דייטש", איז ער געווארן גאנצער, פרומער, אן אומקאמפראמיסלעכער קעמפער פאר טראדיציאנעלער יידישקייט, ווי א קאמפענסאציע פאר דעם אוועקגעווארפענעם היטעלע און „געהאקטער שפאיזע". די אמאליקע ספקות און יאוש זענען פון אים אויסגערונען. בלויז אין נאמען איז ער געבליבן יאושזאן.

זינט אונדזער ערשטער באגעגעניש אין דעם בוכהאנדל איז אריבער א קנאפ יאר, ווען מיר האבן זיך ווידער געטראפן. אנהייב נאוועמבער פון יאר 1910 אין דער פריוואטער דירה פון מ. טארטאצקי, דאכט זיך, אז אויף דזשיקע נומער 5, ווו עס איז צוגעגרייט געווארן דער ערשטער נומער „מאמענט". טארטאצקים קינדער, וואס זיי האבן שפעטער אין אמעריקע פארקירצט דעם נאמען אויף טארט, זענען ארומגעלאפן באר-

וועסע איבער דער שטוב און אנגעמאכט א שרעקלעכן טומל. אבער ביי א גרויסן טיש זענען געזעסן די מיטארבעטער און דער רעדאקטאר און געשריבן, ווי נישט זיי מיינט מען דאס. יאושזאן האט זיך ארייגגע-שטעלט א שעמעוודיקער און אויף מיר, דעם סעקרעטאר, איז אויסגעפאלן די אויפגאבע אים פארצושטעלן פארן רעדאקטאר.

יאושזאן איז געווארן א מיטארבעטער פון „מאמענט", איך בין נישט זיכער צי ביים סאמע אנהייב טאקע, אדער שפעטער. צבי פרי-לוצקי האט נישט געהאט קיין שטארקן צוטרוי צו די זשורנאליסטישע פעאיקייטן פון דעם חסידיש-געקליידטן יונגנמאן, דאך האט ער אים גע-געבן א „שאנס". ס'האט נישט גענומען לאנג און יאושזאן איז געווארן דער פאפולערסטער פעליעטאניסט, נישט בלויז אין „מאמענט", נאר אין דער גאנצער יידישער פרעסע פון פוילן, איבערהויפט זינט ער האט אנ-געהויבן פארעפנטלעכן זיינע וועכנטלעכע פאליטישע פעליעטאנען. יאצ-קאן האט געווארפן אן אויג אויף אים, בפרט, אז ער איז געווען זיין ערשטער רעדאקטאר, דרוקנדיק זיינע זאכעלעך אין א וואכנבלאט, וואס ער האט רעדאגירט. א צייט לאנג האט כמעט יעדער געהאלטן, אז אט-אט גייט יאושזאן אריבער צום „היינט" און דער אלטער פרילוצקי פלעגט פארציטערט ווערן און די „מאמענט"-ארויסגעבער האבן אים כסדר גע-העכערט די שכירות... באלד איז יאושזאן געווען אויך דער בעסט-באַ-צאלטער יידישער צייטונגס-שרייבער אין פוילן (אין די שפעטערדיקע יארן איז ער טאקע אריבער צום „היינט").

ווי גרויס זיין פאפולאריטעט איז געווען, איז צו זען פון אזא כאַ-ראקטעריסטישן פאל: אין א פעליעטאן האט יאושזאן איינמאל געשיל-דערט ווי ער הייבט זיך אויף אינדערפרי און קריכט אריין אין די פיינע פאנטאפל, וואס ער האט נעכטן ערשט געקויפט ביי — — — און דא האט ער אנגעגעבן דעם אקוראטן נאמען און אדרעס פון דעם ארט, ווו ער האט די פאנטאפל איינגעהאנדלט. ארום 11 אזייגער אינדערפרי האט יאושזאנען אנגערופן זיינס א ברודער, דער פאבריקאנט, אדער דער פאר-קויפער פון די פאנטאפל, און אים דערציילט, אז דאס הויז איז אזוי באַ-לאגערט פון יידן, וואס זענען געקומען קויפן פאנטאפל, אז מ'מוז פשוט

ארויסרופן פאליציי... ווו, האט ער געפרעגט כמעט פארצווייפלט, זאל איך נעמען אזוי פיל פאנטאפל?

דער אלטער פרילוצקי האט שטארק עגמת־נפש געהאט דערפון און אויך יאושזאן האט זיך געערגערט, פארשטאנען, אז ער האט אפגעטאן א נישט שיינע זאך, אויסנוצנדיק די צייטונג פאר זיין ברודערס געשעפט. אבער מיר דאכט זיך, אז אין הארץ האט ביידן הנאה געטאן די השפעה פון „מאמענט", פון געדרוקטן ווארט — זאל זיין אויפן פארקויף פון פאנטאפל, אבער די פאנטאפל זענען דאך יא, אייגנטלעך סימבאליש פאר דער אלגעמיינער השפעה פון דער יידישער צייטונג.

אין אנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז מיר אנגעקומען א געדיכט־פארשריבן קארטל פון יאושזאנען — פון ארץ ישראל. אין די קליינע, דראבנע שורהלעך האט געציטערט פרייד, וואס ענדלעך איז ער אין ארץ־אבות, אבער פון דער פרייד האט ארויסגעוויינט דער טרויער אויפן גרויסן יידישן קיבוץ אין פוילן, וואס איז געבליבן ביי היטלערן אין די הענט. יאושזאן דריקט דערביי אוים זיין ווונטש צו באזוכן אמע־ריקע און זיך באקענען מיט דעם גרויסן יידישן קיבוץ אין דער נייער וועלט. אפשר קאן איך עפעס אויפטאן פאר אים? אבער איז א שטיקל צייט שפעטער איז אנגעקומען די ידיעה פון זיין טויט.

XXIX

די ערשטע טעג אין דער נייער וועלט

שווער, זייער שווער איז געווען דאָס שיידן זיך מיט ווארשע. אָבער דער פּריזיוו האָט זיך אָנגערוקט און דינען „פּאָניען" האָט זיך נישט גע־וואָלט. דער טאָג פון אָפּפאָר ווערט אַלץ נענטער. אין לאָקאַל פון „הזמיר" ווערט איינגעאָרדנט אַן אָפּשיידס-אָוונט פאַר מיר. עס טרעטן אַרויס הלל צייטלין, יוסף טונקל, א. מ. ווייסענבערג און אַנדערע. איך פיל זיך ווי אַ פאַרמשפּטער אין די לעצטע שעהען פון לעבן... ס'שלעפּן זיך טעג אין דריקנדיקן אומעט... דאַן — דער ווינער וואָקזאַל. אַלע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון „מאָמענט", משפּחה, פריינט, די עלטערן. דער „מאָמענט"-אַרויסגעבער פּרושאַנסקי האַלט די אָרדע־נונג. טרערן, קושן... עטלעכע מומעס זינגען „אַ ברייוועלע דער מאַמען"... דער דריטער קלונג. די באַן רירט זיך. דוד דרוק שרייט מיר נאָך: „זעט, אַז מען זאָל אייך קידנעפּן!"...

איך פאָר קיין אַמעריקע, פיר מיט זיך בריוו פון פּרץ און דינעזאָן צו א. ש. זאקס, יהואש, לואי מילער, רעדאַקטאָר פון דער „ווארהייט", וואָס מיט אים האָט זיך פּרץ נאָך פריער איבערגעשריבן וועגן מיר. פון דער שיף שיק איך טעלעגראַמען צו מיינע פריינט מאַרק שווייד, וועלכער איז שוין געווען אין אַמעריקע, און מ. י. שעלובסקי, אַז זיי זאָלן מיך אָפּוואַרטן, אָבער ווען די שיף קומט-אָן קיין ניו־יאָרק איז קיינער נישטאָ,

קיינער וואָרט נישט אויף מיר. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז שווייד און שעלובסקי זענען געגאַנגען צו דער דריטער קלאַס און מיך געזוכט. אַז איך וועל קומען מיט דער צווייטער קלאַס, דאָס איז זיי נישט איינגעפאַלן.

אַזוי ווי איך בין יונג און אַביסל געלט האָב איך, מאַכט מען מיר נישט קיין שום שוועריקייטן. מען לאָזט מיך אַליין אַראָפּ. איך זוך נאָך אַלץ, דריי זיך אין אַלע זייטן, אפשר וועל איך דערזען שווײדן, שע־לובסקין, נאָר — נישטאָ זיי. ערשט דאַן באַשליס איך, זיך אַליין צו לאָזן אין שטאָט אַריין. וווּהין? אויף איסט-בראָדוויי, ווו די יידישע רע־דאַקציעס זענען. איך דערשלעפּ זיך אַהין. לאָז זיך מיטן טשעמאָדאַן צו דער „וואָרהייט", פרעג אויף מילערן, איז ער נישטאָ. לאָז איך זיך צום „טאָגעבלאַט". די אַרויסגעבער שרהזאָן און קאַמייקי נעמען מיך וואַרעם אויף. איך ווייז זיי די בריוו פון פרצן צו לואי מילערן... קאַמייקי שמייכלט. שרהזאָן פּאָרעט זיך צווישן צייטונגען, זאָגט, אַז ער האָט מיך געלייענט אין „מאָמענט", אפילו אויסגעשניטן מיינע „פּאָוסטאַניע"־מעשיות, גרייט זיי איבערצודרוקן, נאָר איצט, אַז איך אַליין בין דאָ, איז שוין עפּעס אַנדערש. זיי דאַרפן יונג בלוט. אין דער ערשטער שעה אין אַמעריקע קריג איך אַ שטעלע. איך לאָז דאָרט איבער מיין טשעמאָדאַן און עמיצער פירט מיך צו צום ליטעראַטן-קלוב אויף הענרי סטריט. דאָרט באַפּט זיך יואל סלאָנים מיט מיר אַרום. איך גיי דאַן צוריק צום „טאָגעבלאַט". די אַרויסגעבער שטעלן מיך פאָר פאַר דעם רעדאַקטאָר, לעאָן זאָלאָטקאָף.

דאָס אַלץ קומט פאָר אַזוי שנעל, אַז איך בין צעטומלט. אין קאָפּ רווישט מיר. עס זעט מיר אויס, ווי אַ חלום.

***

אויף דער שיף „קראָנלאַנד", וועלכע האָט מיך געפירט פון אַנט־ווערפּן קיין ניו־יאָרק, האָב איך אַ סך געשריבן — לידער, פעליעטאָנען און אַרטיקלען. איך האָב זאָלאָטקאָפן איבערגעגעבן אַ גאַנץ פּעקל כתבים און לעאָן קאַמייקי, איינער פון די „טאָגעבלאַט"־אַרויסגעבער, האָט מיר

דערנאָך געגעבן אַ טשעק — דעם ערשטן האָנאָראַר אין נייעם לאַנד.

אַזוי ווי ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז אַ שטיק צייט וועל איך זיין אַ דרויסנדיקער מיטאַרבעטער און איך וועל דאַרפן צושטעלן צוויי פעליעטאָנען און איין אַרטיקל אַ וואָך, האָב איך געהאַט גענוג צייט צו פּראַוועזן מיין „האָניק חודש" אין אַמעריקע. איך האָב אויפגעזוכט, לויט אַן אַלטן אַדרעס, מיינע שוועסטערקינדער מאַרים (משה מיכל) און ענני (חנה לאה) פיינזאַנד, די ליטמאַנס, וועלכע האָבן דעמאָלט געוווינט אין האַרלעם, דער איצטיקער נעגערישער קוואַרטאַל, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען לויטער יידיש — און איך האָב זיך ביי זיי צייטווייליק איינגעאָרדנט.

עטלעכע טעג האָב איך זיך געפרייט מיט משפחה און מיט אַלטע חברים און דאַן זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויף איסט-בראָדוויי.

אַט בין איך שוין ביי דער טיר פון דער „טאָגעבלאַט"-רעדאַקציע, ווען איך דערהער ווי עמיצער רופט הויך, אויפן קול, מיין נאָמען. איידער איך קוק זיך אַרום, וואַקסט נעבן מיר אויס יואל סלאָנים און אַ פאַרסאַפּעטער רופט ער אויס:

— ווו גייט איר? ס'איז דאָך אַ שטרייק!

— וואָס פאַרא שטרייק?

— די שרייבערס פון די יידישע צייטונגען שטרייקן שוין דעם דריטן טאָג. קומט אין שטרייק-לאָקאַל!

מיר האָט אַ ברען געטאָן: הייסט עס, אַז ס'איז נישט געווען אַזוי פּרעצעס בריוו צו מילערן אין דער „וואַרהייט", וואָס האָט גורם געווען, אַז דאָס „טאָגעבלאַט" זאָל מיך אַזוי שנעל אויסכאַפּן, נאָר דער עיקר דער דערוואַרטער שטרייק...

איך בין מיט סלאָנימען אַוועק אין שטרייק-לאָקאַל אויף הענרי-סטריט. פון דאָרט האָב איך אָנגערופן אויפן טעלעפאָן זאַלאַטאַקאָפן און געהאַט טענות צו אים, אָבער זאַלאַטקאָף האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ביז דער לעצטער מינוט איז ער זיכער געווען, אַז דער שטרייק וועט אויסגעמיטן ווערן. איך האָב אים דאַן געבעטן נישט צו דרוקן מיינע אַרטיקלען, ביז דער שטרייק וועט אַריבער. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט, אַז

א. אלמי

אין יאָר 1912
ערב זיין אָפּפאָר פון ווארשע

אין יאָר 1913
נאָך זיין אָנקומען קיין ניו־יאָרק

אויף די ארטיקלען, פאר וועלכע קאמייקי האט שוין באצאלט, האט ער קיין שליטה נישט...

אזוי האט פאסירט, אז דריי פון מיינע ארטיקלען זענען געדרוקט געווען בעתן שטרייק. א העברעאישער לערער — זעליגסאן האט ער, דאכט זיך, געהייסן — וואס ער פלעגט פון צייט צו צייט שרייבן קארעספאנדענציעס אין דער ווארשעווער „הצפירה", האט נישט געפונען פאר נייטיק חוקר ודורש צו זיין, נאר זעענדיק מיין נאמען אין „טאגע-בלאט", האט ער אוועקגעשיקט א קארעספאנדענץ צו דער „הצפירה", ווו ער דערציילט, אז צווישן די שטרייק-ברעכערס, וועמענס נעמען ער האט אויסגערעכנט, געפינט זיך דער נאר־וואס אריבערגעקומענער ווארשעווער פאעט און זשורנאליסט, א. ח. שעפס.

ווען די „הצפירה" מיט דער דאזיקער קארעספאנדענץ איז אנגעקו־מען קיין ניו-יארק, האב איך פארלאנגט פון דעם שרייבערישן שטרייק־קאמיטעט, אז ער זאל רעאגירן אויף דעם בלבול. צו דער „הצפירה" איז דאן צוגעשיקט געווארן אן הכחשה מיט די אונטערשריפטן פון פיליפ קראנץ, ד. מ. הערמאלין, יואל ענטין, ד. לאקסאן און לעאן עלבע (לייבע דער רויטער). צום בריוו איז אויך בייגעלייגט געווארן א נומער פון דעם שטרייקער־ביולעטין „די אידישע פרעסע", ווו אויף דער ערשטער זייט זענען אין א שווארץ קעסטעלע פארעפנטלעכט די נעמען פון אלע שטרייק-ברעכער. אזוי ווי מיין נאמען איז דארט נישט געווען, איז דאס געווען דער בעסטער באווייז, אז איך בין אומשולדיק.

די „הצפירה" האט די הכחשה אפגעדרוקט גאנץ פראמינענט. אבער דערווייל האב איך געקריגן בריוו פון קאלעגן און חברים אין ווארשע וועגן דעם אינצידענט. קיינער פון זיי האט נישט געגלויבט, אז איך זאל טאן אזא זאך, אבער זיי האבן געוואלט וויסן ווי אזוי עס קומט, אז אן אמעריקאנער קארעספאנדענט זאל מיך אזוי באשמוצן אין „הצפירה". צבי כהן האט מיר געשריבן, אז ווען ער האט געלייענט די קארעספאנ-דענץ אין „הצפירה", האט ער זיך געריסן די האר פון קאפ...

**
*

אין ווארשע איז הלל צייטלין ארויס מיט אן איכה-ארטיקל אין „מאמענט” אויף דער שטרייק-ברעכעריי פון פראפ. געצל זעליקאוויץ. מיט א צייט פריער האט הלל צייטלין פארעפנטלעכט — אין דעם זעלביקן „מאמענט” — א גרעסערע און באגייסטערטע אפהאנדלונג וועגן פראפ. זעליקאוויצעס העברעאישע כתבים. מיט באזונדערס־גרויסער התפעלות האט צייטלין גערעדט וועגן זעליקאוויצעס „מות פרא קטן” און אט ווערט צייטלין געוואויר, אז דער מחבר פון „מות פרא קטן” איז א שטרייק־ברע־כער... דאס האט צייטלין, כאטש אן ארטאדאקסישער ייד, פשוט נישט געקענט תופס זיין. זיין איכה־ארטיקל אויף זעליקאוויצעס שטרייק-ברע־כעריי איז געווען דורכגעזאפט פון טיפן צער און פארצווייפלונג.

זעליקאוויץ האט צוגעשיקט צום „מאמענט” אן ענטפער אויף צייט־לינס „איכה” — אן ענטפער, ווו ער באמיט זיך ריינצוואשן זיין שטרייק-ברעכעריי, פארזיכערנדיק, אז זיין געוויסן איז ריין ווי „די טרער פון אן אומשולדיקער יתומה”... זיין תשובה האט געמאכט א שווערן איינדרוק. ווען דער „מאמענט” מיט זיין ענטפער איז אנגעקומען קיין ניו־יארק, איז שוין געווען נאכן שטרייק. זעליקאוויץ האט זיך ארומגעטראגן מיט דעם נומער „מאמענט”, ווו זיין ענטפער איז געדרוקט געווען און איינמאל קומט ער צו אין שלומס קאפע און פרעגט מיך, אויב איך האב געלייענט זיין תשובה. ווען איך האב אים געזאגט, אז יא, האט ער מיט נצחון אויסגערופן:

— זעט איר שוין, ווען איך וויל, קאן איך שרייבן אן אייראפעאישן יידיש...

***

אן אומגעהייער-שווערן רושם אויף די שטרייקנדיקע יידישע שריי־בערס האט געמאכט א לייט-ארטיקל, וואס ראובן ברייינין האט בעתן שטרייק פארעפנטלעכט אין „קענעדער אדלער”, פון וועלכן ער איז דע־מאלט געווען דער רעדאקטאר. אין דעם לייט-ארטיקל, אונטערגעשריבן מיט זיין נאמען, איז ברייינין שארף ארויסגעטרעטן קעגן די יידישע שריי־בער-שטרייקערס. „שרייבערס — האט ער געשריבן — זענען כהנים. און

ווי קומט צו כהנים — שטרייק?". לואי מילער, דער רעדאקטאר פון „וואר־הייט", א לאנג־יאריקער סאציאל־דעמאקראט, האט איבערגעדרוקט בריי־נינס מאמר אויף דעם פראמינענטסטן ארט אין זיין צייטונג. זינט דע־מאלט זענען אין דער „ווארהייט" אפט דערשינען בריינינס ארטיקלען.

איך האב געקוקט אויף די כהנים, וועלכע האבן געשוויצט אין די רעדאקציעס פאר קלעגלעכע שכירות און נישט געקענט פארשטיין בריי־נינס האנדלונג. א סך פון די שרייבערס האבן אין יענע יארן געמוזט האבן זייטיקע פרנסות, כדי צו קענען מפרנס זיין זיך און זייערע פאמי־ליעס — אזוי ווייניק האט דאן א יידישע „צייטונגס־האנט" פארדינט. איך געדענק, אז איין מיטארבעטער פון „מארגן זשורנאל" האט אויף א שטרייקער־מיטינג דערציילט, אז זיין זייטיקע פרנסה איז — טאנצן, ער איז, הייסט עס, געווען א טאנץ־מייסטער...

***

די יידישע שרייבערס האבן פארשפילט זייער שטרייק צוליב דעם פאראט פון די פירער פון דער „טיפאגראפיקאל יוניאן" (פראפעסיאנעלער פאראיין פון די זעצערס), אן וועלכער די יידישע שרייבערס זענען געווען אנגעשלאסן, איידער דער „י. ל. פרץ שרייבער־פאראיין" איז ארגאניזירט געווארן. לינטש, דער פרעזידענט פון דער „טיפאגראפיקאל יוניאן" און דער דייטש שלעזינגער, וועלכער איז געווען דער שרייבער־ארגאניזאטאר, האבן געהאט מבטיח געווען, אז זיי וועלן ארויסרופן די זעצערס פון די יידישע צייטונגען אין סאלידאריטעט־שטרייק, אבער זיי האבן דאס נישט געטאן — און, ווי מ'האט געזאגט, נישט אומזיסט... דער פאקט איז, אז אביסל שפעטער איז לינטש באשטימט געווארן אויף א וויכטיקן פאסטן אין וואשינגטאן און מ'האט פארזיכערט, אז דאס איז געווען צו פארדאנקען דער השפעה פון די יידישע צייטונגס־ארויסגעבערס, באזונ־דערס קאמייקין...

די שרייבערס האבן זיך צוריקגעקערט אין די רעדאקציעס דער־שלאגענע. אויף מיר האט קאמייקי אפילו נישט געוואלט קיין קוק טאן. ס'טייטש, ער איז אזוי גוט געווען צו מיר און א גרינעם, וואס איז נאר־

וואָס אַראָפּ פון שיף, געגעבן אַ שטעלע, נעם איך גאָר און שטיי־צו צו די שטרייקערס און שרייב נאָך פּעליעטאָנען אין די שטרייק־בולעטינען קעגן די יידישע צייטונגס־אַרויסגעבערס. די פּעליעטאָנדלעך האָב איך גע־שריבן אונטער אַ פּסעוודאָנים (עין) און פון וואַנען קאַמייקי האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס בין איך — איז פאַר מיר ביזן היינטיקן טאָג אַ סוד.

מיר איז אָבער געגאַנגען מזלדיק אין די ערשטע חדשים אין אַמע־ריקע. נאָכדעם ווי קאַמייקי האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דאָס „טאָגעבלאַט" איז פאַר מיר פאַרמאַכט, בין איך אַוועק אין שלומס קאַפע און דאָרט איז צו מיר צוגעקומען יעקב מארינאָוו און מיך איינגעלאַדן צו ווערן אַ מיט־אַרבעטער פון „קונדס"... אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ בריוו פון זאָלאָטקאָפּן, וועלכער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן מיר, ווו ער בעט מיך אים צו שיקן אַרטיקלען אונטער אַן אַנדער נאָמען... איך האָב אַ שטיק צייט דעריבער געשריבן אין „טאָגעבלאַט" אונטערן נאָמען אליהו זיידלער און אויף אָט דעם נאָמען האָב איך באַקומען טשעקן פון קאַמייקי און שרהזאָן... זאָלאָטקאָף האָט מיר אַזוי צוגעשאַרט די רעדאַקטאָרשאַפט פון „ברוקלין בראָנזוויל פּאָסט". מיט דער צייט האָבן די „טאָגעבלאַט"־אַרויסגעבערס זיך מיט מיר איבערגעבעטן און איך בין געוואָרן אַן אינע־וויניקסטער מיטאַרבעטער פון „טאָגעבלאַט".

אַזוי אַרום האָב איך אין מיין סאַמע „גרינסטער" צייט אין אַמע־ריקע געהאַט דריי שטעלעס: „טאָגעבלאַט", „ברוקלין בראָנזוויל פּאָסט" און „גרויסער קונדס". חוץ דעם האָב איך דעמאָלט פון צייט צו צייט גע־שריבן פאַר דעם ציוניסטישן אָרגאַן „דאָס אידישע פאָלק", ווי אויך אין פּועלי־ציוניסטישע און אין אַלגעמיין־ליטעראַרישע אויסגאַבן.

XXX

ווייבערישע פסעוודאָנימען

יעדער צייטונגס־שרייבער האָט אַ חוץ זיין אייגענעם נאָמען נאָך עטלעכע נעמען — פסעוודאָנימען, פען־נעמען. אַז מען שרייבט אַ סך און אָפט און מכוח פאַרשידענע ענינים, קאָן מען נישט אַלעמאָל באַנוצן דעם זעלביקן נאָמען. און איבערהויפּט, אַז עס קומט אַמאָל אויס אַ שרייבער צו האָבן צוויי אַרטיקלען אין דעם אייגענעם נומער פון דער צייטונג, קאָן ער דאָך זיכער נישט אַוועקשטעלן איבער ביידע אַרטיקלען איין נאָמען...

אין די פילע יאָרן, וואָס איך שרייב פאַר צייטונגען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע האָבן זיך ביי מיר אָנגעזאַמלט מער נעמען ווי יתרו האָט געהאַט. יתרו האָט פאַרמאָגט זיבן נעמען. איך קאָן אָנציילן אַ פינף און צוואַנציק, צווישן זיי עטלעכע ווייבערישע נעמען...

פון די ווייבערישע פסעוודאָנימען האָב איך געהאַט אַ סך שפּאַס, אָבער אויך אַ סך צרות. איך האָב דורכגעמאַכט אַזוי פיל „ווייבערישע דערפאַרונגען, אַז איך וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ בוך „דעראינערונגען פון אַ געוועזענער פרוי". דער פאַקט איז, אַז איך בין טאַקע פאַראייביקט געוואָרן אַלס פרוי — אויף אַלע דורות, ווי לאַנג די יידישע ליטעראַטור און קולטור וועלן עקזיסטירן.

„פאַראייביקט" בין איך גראַד געוואָרן אַלס דיכטערין — און דאָס

טוט מיר הנאה. אויב שוין א פרוי, איז שוין בעסער צו זיין א דיכטערין, איידער א פּראָסטע צייטונגס-שרייבערין... אויב די לייענער וועלן אריינקוקן אין דער ווייבערישער אַנטאָלאָגיע „אידישע דיכטערינס", וואָס דער דיכטער ע. קאָרמאַן האָט מיט יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, וועלן זיי דאָרט געפינען דעם נאָמען אסתר זיידלער — און אָט די אסתר זיידלער בין איך... דאָס איז, אגב, די איינציקע דיכטערין אין דער אַנטאָלאָגיע, וואָס אירע לידער זענען נישט באַצירט מיט איר ביאָגראַפיע און איר פאָטאָגראַפיע.

אין דער באַשאַפונג פון „אסתר זיידלער" האָט געהאַט א האַנט י. ל. פּרץ. די מעשה איז אַזוי געווען: אין יאָר 1909 האָט י. ל. פּרץ רעדאַגירט א זאַמלבוך „בוך און לעזער". ער האָט ביי מיר גענומען עטלעכע לידער פאַר דעם זאַמלבוך. איך האָב דעמאָלט אויך געהאַט אָנגעשריבן א סעריע לידער „מיידעלשע געזאַנגען", ווו איך האָב זיך פּראָבירט אריינלעבן אין דער נשמה פון א מיידל. פּרצן זענען די לידער שטאַרק געפעלן און ער האָט געוואָלט א טייל פון זיי אריינגעבן אין דעם זאַמלבוך, אָבער ס'וואָלט צוליב דעם שוין געווען צופיל א. ח. שעפּס אין איין זאַמלונג.

פּרץ האָט דאַן א זאָג געטאָן, אַז אפשר אָוועקשטעלן איבער די „מיידעלשע געזאַנגען" א מיידלשן נאָמען. מיר איז דאָס געפעלן. צווישן מיינע באַקאַנטע מיידלעך איז געווען אַן אסתר גאָטליב און א ראָזע זיידלער, האָב איך געמאַכט א קאָמבינאַציע פון ביידנס נעמען און אין א מזלדיקער שעה איז געבוירן געוואָרן אסתר זיידלער. פּרץ האָט זיך דערנאָך צוריקגעצויגן פון דעם זאַמלבוך, נישט אָנגעבנדיק זיין נאָמען פאַר רעדאַקטאָר, צוליב א סכסוך מיטן פאַרלעגער, אָבער אסתר זיידלער איז דאָרט געבליבן.

שפּעטער האָב איך נאָך עטלעכע לידער פון דער סעריע „מיידעלשע געזאַנגען" געגעבן שרה רייזענען און זי האָט זיי געשיקט צו איר ברודער, אברהם רייזען, אין ניו-יאָרק און ער האָט זיי אָפּגעדרוקט אין א זשורנאַל, וואָס ער האָט דאָ אַרויסגעגעבן. אָט פון דעם זשורנאַל האָט קאָרמאַן דאָס אַרויסגעכאַפּט אסתר זיידלערן און זי פאַראייביקט אין זיין ווייבערישער אַנטאָלאָגיע.

א קאמישער אינצידענט איז ארויסגעקומען מיט מיינס א ווייבע-רישן פסעוודאנים אין ווארשעווער „מאמענט". אונטער א רעפארטאזש האב איך אוועקגעשטעלט א ווייבערישן נאמען — איך געדענק שוין נישט געניי, וואס פארא נאמען דאס איז געווען, נאר מיר דאכט זיך, אז ס'איז געווען ביילע גערטנער. נאכדעם ווי דער נאמען איז עטלעכע מאל דער-שינען אין צייטונג, שטעלט זיך איינמאל אריין אין רעדאקציע א ייד פון דער פראווינץ און ער פרעגט זיך אויף ביילע גערטנער. מ'האט אים צו-געשיקט צו מיר, אז איך וועל אים זאגן ווו זי איז.

—קענט איר מיר געבן דעם אדרעס פון ביילע גערטנער? — פרעגט מיך דער ייד מיט אן אויפגערעגטער שטים.

— ווער זענט איר? — וויל איך וויסן — און נאך וואס דארפט איר ביילע גערטנערן?

— איך בין זעליג גערטנער און ביילע איז מיין טאכטער! — מעל-דעט מיר דער ייד — און אזוי ווי איך קוק אים אן דערשטוינט און פאר-לוירן, צעשרייט זיך דער ייד אויפן קול:

— איך וועל איר ווייזן, דער חצופה! א מיידל נעמט און אנטלויפט פון דער היים, און א „זיי געזונט"! ביי די צעפ וועל איך זי אהיים-שלעפן.

אינסטינקטיוו האב איך א פיר געטאן מיין האנט איבער מיין גרוי-סער, געדיכטער טשופרינע.

איך האב דעם ייד געקוקט גלייך אין די אויגן אריין און אים רואיק געזאגט:

— ר' ייד, איר האט א טעות! ביילע גערטנער איז א פסעוודאנים!

— א וואס איז זי דא געווארן? — האט זיך דער ייד דערשראקן, — וואס האט איר געזאגט אויף איר?

— איך האב גארנישט געזאגט אויף איר! — האב איך אים בארו-איקט, — ס'איז נישט אייער טאכטער! ס'איז א פסעוודאנים!

דער ייד איז שוין אין כעס געווארן:

— וואס דרייט עץ מיר א קאפ מיט א פסע — ווי הייסט עס דארט?

— איך וויל דעם אדרעס פון מיין טאכטער!

איך האָב אים נאָכאַמאָל געפּרוּווט דערקלערן דעם ענין פון א פּסעוו־דאָנים, אָבער ס'האָט זיך אים בשום אופן נישט געלייגט אויפן שכל און ער האָט אויסגעשריגן:

— מיך אַרט שוין נישט, וואָס זי טוט דאָ, אַבי פירט מיך צונויף מיט איר! שוין א האַלב יאָר ווי זי איז אַוועק פון דער היים. די מאַמע איז אַזש קראַנק פון צרות.

זעענדיק, אַז דער ייד וועט מיך בשום־אופן נישט פאַרשטיין, האָב איך אָנגעווענדט אַן אַנדער מעטאָדע:

— איר פאַרשטייט, ר' ייד, ביילע גערטנער קאָן נישט זיין אייער טאָכטער... אייער טאָכטער איז דאָך, ווי איר זאָגט, א יונג מיידל, א יאָ? נו, און ביילע גערטנער איז שוין אַן אַלטע יידענע, אַרום זיבעציק...

דאָס האָט שוין דער ייד פאַרשטאַנען און ער איז אַוועק פון רע־דאַקציע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, א פאַרטרויערטער, אַז עס האָט מיך אַזש געשניטן ביים האַרץ.

אין מיין קאַריערע אַלס „פּרויענצימער" איז מיר אויך באַשערט גע־ווען, אַז א לייענער זאָל זיך אין מיר „שטערבלעך פאַרליבן".

דאָס איז שוין געווען אין ניו־יאָרק, אין רעדאַקציע פון „טאָגעבלאַט". איך פלעג א שטיק צייט צושטעלן דער צייטונג צוויי „זאַכן" א טאָג. אויף דער עדיטאָריאַל־זייט — א פּובליציסטיש אַרטיקל, אָדער א פעליעטאָן, אָדער א ליד; אויף דער לעצטער זייט — א שמועס אין דעם ווילן נוסח פון די לעצט־זייטיקע לייטאַרטיקלען, וואָס ד. מ. הערמאַלין האָט איינ־געפירט אין דער „וואַרהייט" און וואָס אַנדערע צייטונגען האָבן אים נאָכגעטאָן.

אונטער די „שמועסן" אויף דער לעצטער זייט — שמועסן, וואָס האָבן אַנטהאַלטן סיי „לעבנס־פילאָזאָפיע", סיי עצות, — האָב איך זיך אונטערגעשריבן דבורה פייגין.

נעמט אַן אַלטער און רייכער בחור אין דער שטאָט ראָטשעסטער און „פאַראינטערעסירט" זיך אין מיר. פרעגט ער אָן אין רעדאַקציע, ווער איך בין, ווי אַלט איך בין און צי איך בין נאָך א מיידל, אָדער שוין א ווייבל. ענטפערט מען אים אין בריוו־קאַסטן, אַז דבורה פייגין — איך, הייסט עס

— בין נאָך אַ יונג מיידל און נאָך נישט פאַרהייראַט, „צום האָבן", הייסט עס...

איז דער אַלטער בחור אין ראַטשעסטער געוואַלדיק באַגייסטערט געוואָרן, וואָס אַ יונג מיידל שרייבט אַזעלכע טיפע חכמות, ווי איך וואָלט שוין געווען אַ יידענע פון כאָטש אַ יאָר אַכציק...

באַלד האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו צו מיר פון דעם ראַטשעסטער בחור — איין בריוו נאָכן אַנדערן און מיט יעדן בריוו איז זיין שפּראַך אַלץ וואַרימער געוואָרן; און כאָטש איך בין נישט געווען אין דער לאַגע אים צו ענטפערן, האָט ער נישט אויפגעהערט מיך צו באַוואַרפן מיט בריוו, ליבעס־בריוו, און צום סוף האָט ער מיר געמאַכט אַ הייראַטס־פאָרשלאַג, פאַרזיכערנדיק מיר, אַז ער וועט מיך גליקלעך מאַכן אויפן גאַנצן לעבן. איך וועל ווייטער קענען שרייבן. ער וועט מיר נישט שטערן, אָבער איך וועל זיך מוזן באַזעצן מיט אים אין ראַטשעסטער.

איך האָב, נאַטירלעך, אויך דאָס מאָל נישט געענטפערט. דער אַלטער בחור האָט נאָך אַ שטיק צייט געשריבן, אָבער ענדלעך איז ער שטיל געוואָרן. ס'זענען אַריבער עטלעכע חדשים און איך האָב מער נישט געהערט פון אים.

איינמאָל שאַרט זיך אַריין אין רעדאַקציע אַ ייד אין אַ האַרטן קאַפּעלוש, אַ גלאַט־ראַזירטער, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ נידעריקער. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און דאַן פרעגט ער ביי איינעם פון די מיטאַרבעטער אויף דבורה פייגין.

יענער מיטאַרבעטער — דאַלידאַנסקי — האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט לאַכנדיקע אויגן. ער פרעגט דעם ייד, נאָך וואָס ער דאַרף מיך, און דער ייד דערציילט אים, אַז ער איז געקומען פון ראַטשעסטער ספּעציעל זיך צו באַקענען מיט מיר — מיט דבורה פייגין, הייסט עס...

איך האָב גוט באַטראַכט מיין „חתן" און געווונקען צו דאַלידאַנסקין, אַז ער זאָל אים זאָגן, וואָס נאָר ער וויל.

נו, האָט דאַלידאַנסקי אים אַ זאָג געטון, אַז ער קאָן נישט זען דבורה פייגין. פאַרוואָס? ווייל זי ליגט אין שפּיטאָל. אין וועלכן שפּיטאָל? אין קימפּעטאָרין־שפּיטאָל.

— אין קימפּעטאָרין־שפּיטאָל? — האָט דער בחור אַ שפּרונג געטון, — ווען האָט זי דען חתונה געהאַט?

דאַלידאַנסקי האָט אים דערקלערט, אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ צייט צוריק. ס'איז געווען אַ שטילע חתונה. אָבער איך האָב אַ ווילן מאַן — אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן!

דער אַלטער בחור האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטיין, ווי עס קומט, וואָס דבורה פייגינס אַרטיקלען דרוקן זיך נאָך יעדן טאָג, כאָטש זי געפינט זיך אין שפּיטאָל. האָט אים דאַלידאַנסקי אויפגעקלערט, אַז איך — דבורה פייגין, הייסט עס, — האָט אָנגעגרייט גענוג אַרטיקלען, איידער איך בין אַוועק אין שפּיטאָל אריין.

דער לעזער פון ראָטשעסטער האָט דווקא געוואָלט וויסן, אין וועלכן שפּיטאָל דבורה פייגין ליגט. ער וויל גיין צו איר און איר ברענגען מתנות. יאָ, שיער נישט פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דער דאָזיקער ייד פלעגט מיר פון ראָטשעסטער שיקן נישט נאָר ליבעס-בריוו, נאָר אויך מתנות — און, נאַטירלעך, אַזעלכע מתנות, וואָס מען שיקט מיידלעך... אמת, איך האָב אים „פאַרראַטן" און חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן און גרייט זיך צו האָבן אַ קינד, אָבער איך בין דאָך פאָרט דבורה פייגין, די גרויסע חכמה — ווי קאָן ער אין אַזאַ מאָמענט נישט באַווייזן מיר זיין פאַרערונג דורך אַ מתנה?

האָט אים ווייטער דאַלידאַנסקי דערקלערט, אַז צו מיר — צו דבורה פייגין, הייסט עס — אין שפּיטאָל, קאָן ער נישט און טאָר נישט גיין. פאַרוואָס נישט? דערפאַר, וואָס מיין מאַן איז זייער אייפערזיכטיק און אויב אַ פרעמדער מאַן זאָל קומען צו זיין ווייב אין שפּיטאָל, וועט געשען אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס מען קאָן גאָר פאַרן מויל נישט ברענגען!

אָבער דער ייד איז כסדר געקומען אין רעדאַקציע אַריין געוואָר ווערן וועגן דבורה פייגין. איינמאָל, בעת ער איז געשטאַנען איבער דאַלידאַנסקין, איז צוגעקומען תשר"ק און מיט אַ טרויעריקער מינע גיט ער אַ זאָג צו דאַלידאַנסקין:

— איר'ט געהערט פון דעם אומגליק? נאָר-וואָס האָט מען מיך אָנ-

נערופן פון שפיטאל, אז דבורה פייגין איז געשטאָרבן אין קימפעט. ברוך דיין אמת!

דאלידאנסקי האָט זיך קוים איינגעהאלטן פון ארויסשיסן א געלעכ־טער. דער הומאָריסט תשר"ק איז נאָך נישט פּארטיק געוואָרן. ער איז צו־געגאנגען צו מיר און הויך אויפן קול האָט ער מיר געזאָגט, אז מען זאָל גאָרנישט שרייבן וועגן איר טויט, ווייל דבורה פייגין האָט אן אלטע קראנקע מוטער אין אייראָפּע און יענע וועט עס זיכער נישט איבערטראָגן, ווען זי וועט זיך דערוויסן פון איר טאָכטערס טויט...

אָט אזוי בין איך געשטאָרבן אין קימפעט, אָן א קדיש, אָן א נעקראָ־לאָג אפילו אין צייטונג.

צוליב דעם ייד פון ראָטשעסטער האָב איך מער נישט געקענט באַ־נוצן דעם נאָמען דבורה פייגין און עס איז אויף איר אָרט געבוירן גע־וואָרן — אסתר מירקין...

אונטער דעם נייעם ווייבערישן נאָמען האָב איך דערנאָך געשריבן ארום א יאָר צייט, טאָג־איין און טאָג־אויס.

אָבער אין דער קורצער שרייבערישער קאריערע פון אסתר מירקין איז מיר אויך באשערט געווען איבערצולעבן א קאָמישע דערפאַרונג.

איך בין געפאָרן אויף וואקאציעס קיין קאָנעטיקוט, אין א האָטעל לעבן נאָרוויטש. האָט איינמאָל עמיצער פון דער „טאגעבלאט"־רעדאקציע — איך האָב קיינמאָל נישט געקענט אויסגעפינען, ווער דאָס איז געווען — מיר אָפּגעטון א שפּיצל און מיר צוגעשיקט א בריוו אויפן נאָמען פון אסתר מירקין...

ווען דער פארמער, דער באלעבאָס פון דעם האָטעל, האָט זיך ארומ־געטראָגן מיטן בריוו און געפרעגט זיינע ווייבערישע געסט, איבערהויפּט די ניי־אָנגעקומענע, ווער פון זיי עס איז אסתר מירקין, האָב איך נעבעך, געמוזט שווייגן. א שיין פּנים וואָלט איך געהאַט, ווען איך זאָג, אז איך, דער יונגער בחור, בין דאָס אסתר מירקין!...

דער פארמער האָט אוועקגעלייגט דעם בריוו. ער איז געווען א „טא־געבלאט"־לעזער, ווי דאָס זענען געווען א סך פון די ארומיקע יידישע פארמערס. און ער איז זיכער געווען, אז אסתר מירקין, די שרייבערין

פון „טאגעבלאט", געפינט זיך טאקע ביי אים, נאר זי באהאלט זיך אונ־טער אן אנדער נאמען, אדער צוליב דעם, וואס זי איז א באשיידענע, אדער צוליב דעם, וואס זי וויל, אז מען זאל זי לאזן צורו...

דער חשד איז געפאלן אויף א יונגער פרוי פון א יאר דרייסיק, וואס פלעגט זיך האלטן פונגוייטנס פון די אנדערע ווייבער און דערצו פלעגט זי א סך שרייבן. אויב זי שרייבט א סך, מוז זי דאך זיין א שרייבערין.

בקיצור, דער פארמער איז צו איר צוגעשטאנען, אז זי זאל זיך מודה זיין, אז זי איז אסתר מירקין. ער האט איר איבערגעגעבן דעם בריוו פון „טאגעבלאט" און כאטש זי האט דעם בריוו נישט געוואלט אנ־נעמען, האט ער איר איינגערוימט אין אויער אריין, אז ס'שאדט נישט, זאל זי נעמען דעם בריוו און ער וועט קיינעם נישט אויסזאגן, אז זי איז אסתר מירקין. האט זי גענומען דעם בריוו.

באלד האבן, נאטירלעך, אלע געוווּסט, אז אין האטעל געפינט זיך א שרייבערין, אסתר מירקין פון „טאגעבלאט".

דער סוף איז געווען, אז די יונגע פרוי האט זיך מודה געווען, אז זי איז דאס טאקע אסתר מירקין...

און זי האט געשפילט איר ראלע אויסגעצייכנט. זי האט מיך נישט פארשעמט. זי האט זיך געהאלטן זייער ווירדיק, שטאלץ. די ווייבערישע געסט און די ווייבער פון די ארומיקע יידישע פארמערס זענען געקומען צו איר נאך עצות, געלויבט אירע ארטיקלען אין „טאגעבלאט" — און איך האב ממש געקוואלן פון נחת, סיי דערפון, וואס איך בין אזא שיין ווייבל, סיי דערפון, וואס מען קעכלט מיך מיט די בעסטע עסנס, בעת די אנדערע געסט פטרט מען אפ מיט שה"י־פה"י.

אמת, נישט איך, נאר מיין פסעוודאנים, דאס שיינע ווייבל, האט הנאה געהאט פון די ספעציעלע מאכלים, אבער איך האב געפילט דעם טעם פון זיי — איז דאך אלץ צוליב מיינע ארטיקלען.

ווען אסתר מירקין — דאס שיינע ווייבל, הייסט עס, — האט אין עטלעכע טעג ארום געמאלדן, אז אויף מארגן אינדערפרי פארט זי שוין אוועק, צוריק אין שטאט אריין, האט מען אויף שנעל פאר איר איינגע־ארדנט א פיינעם אפשייד־אוונט.

דאַסמאָל האָב איך שוין אויך געגאַסן פון מיין פּסעוודאָנים, ווייל דער פּאַרמער האָט מיך, ווי די אַנדערע געסט, מכבד געווען מיט פיינעם שנאַפּס און געשמאַקע קיכלעך.

אויף מאָרגן האָט זי אונדז טאַקע פאַרלאָזן. אין עטלעכע טעג שפּע־טער בין איך צוריקגעפאָרן אין שטאָט אריין. אין א שטיקל צייט ארום האָבן אויפן נאָמען פון אסתר מירקין אָנגעהויבן אָנקומען אין „טאָגע־בלאַט" בריוו פון דעם פּאַרמער, ווו ער דערמאָנט מיך, אַז איך, אסתר מירקין, בין אים שולדיק געבליבן פּאָר צוויי וואָכן...

מען האָט דעם פּאַרמער געמוזט מודיע זיין, אַז אסתר מירקין איז קיינמאָל נישט געווען ביי אים אויף דער פאַרם און אַז יענע פרוי, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס מירקין, איז געווען א שווינדלערין. אי, דער בריוו פון „טאָגעבלאַט", צו אסתר מירקין, אַדרעסירט צו זיין פּאַרמערישן האָ־טעל — איז דאָס געווען א טעות.

צי דער פּאַרמער האָט געגלויבט, צי נישט — דאָס ווייס איך נישט. אָבער ער האָט אויפגעהערט צו מאָנען.

אין עטלעכע חדשים ארום האָט אַן אַנדער „טאָגעבלאַט"-מיטאַרבע־טער — מרדכי דאַנצים — איבערגענומען דעם „קאָלום" אויף דער לעצ־טער זייט — אויך אונטער א ווייבערישן פּסעוודאָנים. און פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך מער נישט באַנוצט מיט ווייבערישע פּסעוודאָנימען.

אוים פרוי!

XXXI

מאָרים ראָזענפעלד

מיט מאָרים ראָזענפעלדן האָב איך זיך באַקענט, ווי איך האָב שוין דערציילט אין אַ פריערדיק קאַפיטל, אין 1908, אין קראָקע, בימי טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָב איך אים ווידער באַגעגנט אין ווין, ווו ער האָט באַקומען ממש אַ קיניגלעכן קבלת־פּנים אין בורג־טעאַטער, ווו דער גרויסער דייטש־יידישער בינע־מייסטער, רודאָלף זאָנענטאַל, האָט פאָרגעלייענט זיינע לידער אין אַ דייטשער איבערזעצונג און ווו ראָזענפעלד אַליין האָט רעציטירט — אויף יידיש, נאַטירלעך, — זיינע אַרבעטער־לידער.

ביי אים אין האָטעל־צימער האָב איך געטראָפן דעם דעמאָלט יונגן דוד הערמאַן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע רעזשיסאָרן און נאָוואַטאָרס פון יידישן טעאַטער. ווייזט אויס, אַז ראָזענפעלד האָט מיך נישט דערקענט און אַפילו נישט געדענקט מיין נאָמען. נאָר ווען איך האָב אים געגעבן עטלעכע לידער איבערצולייענען, קוקט ער מיך נייגעריק אָן און רופט זיך אָן:

— טשיקאַווע, אין קראָקע האָב איך מיט עטלעכע וואָכן צוריק באַגעגנט אַ יונג בחורל, וואָס איז זייער ענלעך צו אייך און אויך זיינע לידער זענען ענלעך צו אייערע...

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז מיר באַשערט געווען צו אַרבעטן מיט אים פאַר דער זעלביקער צייטונג אין ניו־יאָרק — „דאָס יידישע טאָגע-בלאַט". צו מיר איז ער געווען אויסערגעווענלעך גוט צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך נישט גרופּירט מיט די „יונגע", ווי מיט קיין שום גרופּע נישט אין מיין גאַנץ לעבן, און נישט פּראָבירט זיי פאַרטיידיקן, ווען ראָזענפעלד האָט גערעדט וועגן זיי מיט ביטול, הגם איך בין מיט אים נישט מסכים געווען, וואָרום ראָזענפעלדס טעמפּעראַמענט איז מיר שוין גוט באַקאַנט געווען...

דער גרויסער און טראַגישער דיכטער איז געווען ביטער, גאַליק און ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די מינדסטע קריטיק. איינמאָל, ווען איך האָב אים זייער פאָרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס ער לייגט-אויס דעם נאָמען מאָרים מיט צוויי ריישן, האָט ער זיך פאַר מיין חוצפּה גע-וואָרפן אויף מיר מיט זיין שטעקן.

איינמאָל, ווען א. לוצקי — דעמאָלט נאָך אהרן צוקער — איז גע-קומען צו מיר אין רעדאַקציע פון „טאָגעבלאַט", האָב איך אים פאָרגע־שטעלט פאַר ראָזענפעלדן. לוצקי האָט אים געגעבן אַ פּעקל לידער צו לייענען.

איידער ער האָט זיך גענומען צום לייענען די לידער, האָט ער פאַר דעם יונגן דיכטער געהאַלטן אַ לעקציע וועגן דעם, אַז אַ יונגערמאַן, וואָס נעמט זיך שרייבן לידער, דאַרף פריער לייענען די לידער פון אַנדערע יידישע פּאָעטן.

— זיכער לייען איך! — האָט לוצקי אויסגערופן, — איך האָב גע-לייענט פרוגן, לעסינען, אבֿרהם רייזענען, יהואשן...

ראָזענפעלדן אַליין האָט ער, ווייזט אויס, פאַרגעסן...

ראָזענפעלד איז אַזוי אין כעס געוואָרן, אַז ער האָט אַ שמיץ געטאָן לוצקיס לידער און אויף זיי מער נישט געוואָלט קוקן.

נאָך דעם שרייבער־באַל, וואָס די ניי-געגרינדעטע יוניע פון די ניו-יאָרקער יידישע שרייבער — י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין — האָט איינ-געאָרדנט, פרעג איך ראָזענפעלדן, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען צום באַל.

— ווי קום איך צום באַל? — קוקט ער מיך אָן דערשטוינט.

— וואָס הייסט: ווי? איר זענט דאָך אַ יידישער שרייבער!

ער רוקט זיך אָפּ אויף הינטערוויילעכטס, קוקט אויף מיר שפּאָטיש און שיסט אַרויס מיט איינגעהאַלטענעם כעס:

— נו, אַז כלי זמרים מאַכן אַ באַל, דאַרף מישא עלמאַן קומען צו זיי!...

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פלעגט ער אָפּט איבערדרוקן אַלטע לידער זיינע. גדליה בובליק, דער רעדאַקטאָר פון „טאָגעבלאַט", האָט גע־וווּסט דערפון, נאָר זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט.

איינמאָל, ווען אין „טאָגעבלאַט" איז אָפּגעדרוקט געווען אַ ליד אונ־טער מאָרים ראָזענפעלדס נאָמען, קומט אַריין אין רעדאַקציע, צום רע־דאַקטאָר, דער יידיש-ענגלישער דיכטער פיליפּ מ. ראַסקין און טענהט, אַז דאָס ליד איז זיינס. זיין טענה באַקרעפטיקט ער מיט אַן אַלטן זשור־נאַל, וווּ דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט און אונטערגעשריבן זענען די איני־ציאַלן מ. ר. עס איז קלאָר געווען, אַז ווען מאָרים ראָזענפעלד האָט גע־בלעטערט אַלטע זשורנאַלן און אָנגעטראָפן אויף דעם ליד פון מ. ר., איז ער זיכער געווען, אַז דאָס איז מאָרים ראָזענפעלד.

ראָזענפעלד האָט אַריינגעמאַרשירט, קלאַפּנדיק, ווי געוויינלעך, מיט זיין שטעקן, מיט אַ שווערן טראָט, אַביסל איינגעבויגן פון עלטער און קראַנקהייט. בובליק שמייכלט פאַרלוירן און אויף אַ דיפּלאָמאַטישן אופן דערציילט ער אים וועגן פ. מ. ראַסקינס טענה.

ראָזענפעלד ענטפערט נישט. דאַן רוקט ער זיך הינטערוויילעכטס, ווי זיין טבע איז געווען, שטעלט-אָן זיין בליק אויף ראַסקינען, מעסט אים אָן פון אויבן ביז אַראָפּ און לאַכט מיט ביטערקייט אַרויס:

— הער נאָר, הער! אַ ייד אַ קבצן באַרימט זיך, אַז ראָקפעלער האָט ביי אים געגנבעט אַ ניקל (פינף סענט)!...

איינמאָל, אין אַ נאָכמיטאָג, לויפט ראָזענפעלד אַריין אין רעדאַקציע אַ פאַרסאַפּעטער, אַ צעפּראַלטער, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און דערזעענדיק מיך אין אַ ווינקל, ביי מיין שרייב-טיש, גיט ער זיך אַ לאָז

צו מיר, ליגט אוועק א האנט אויפן האלב-פארשריבענעם בלעטל פאפיר, וואס איז פאר מיר געלעגן, און רופט אוים באפעלעריש:

— לאזט אפ דאס שרייבן!

און איידער איך האב צייט אים איבערצופרעגן, וואס ס'האט אזוינס פאסירט, דערלאנגט ער א מאך מיט א צעעפנטן בריוו פאר מיינע אויגן:

— לייענט!

איך לייען און ראזענפעלד שטייט איבער מיר מיט א זיגערישן שמייכל און האלט אין איין איבערחזרן:

— זעט איר שוין!

דער בריוו איז געווען פון א ביכער־פארלאג אין ענגלאנד און דארט האט זיך געהאנדלט וועגן קריגן מאריס ראזענפעלדס דערלויבעניש אריינ־צונעמען זיינס אן ענגליש ליד אין אן אנטאלאגיע פון ענגלישער דיכטונג. די ערשטע שורה פון יענעם ליד איז מיר פארבליבן אין זכרון:

„ מיי הארט איז וויט אינגלענד אין אפריקא פאר" (מיין הארץ איז מיט ענגלאנד אין אפריקע ווייט).

דער „זעט איר שוין" האט געהאט א טאפלטן מיין. קודם-כל דער כבוד, וואס זיי, די אומות־העולם, גיבן אים, בעת ביי אונדז, אויף דער יידישער גאס, דערגייט מען אים די יארן, איבערהויפט די „יונגע"; דאן איז דאס געווען א דערמאנונג פון א דיספוט, אויב נישט טאקע א מח-לוקה, וואס מיר האבן געהאט מיט א שטיקל צייט פריער, טאקע צוליב דעם דאזיקן ליד.

דאס ליד, אן אומגעהויער לויב-געזאנג צו דער בריטישער אימפעריע, איז פריער אפגעדרוקט געווען אין אן ענגלישן זשורנאל, און מאריס רא־זענפעלד האט שטארק שטאלצירט דערמיט. מיך האט זיין געזאנג צו דער בריטישער אימפעריע שטארק שאקירט און איך האב אים געזאגט, אז א יידישער דיכטער, א דיכטער פון אן אונטערדריקט פאלק, האט בשום אופן נישט געטארט אנשרייבן אזא לויב-געזאנג צו אן אימפעריע, וואס אונטערדריקט שוואכע פעלקער.

ראזענפעלד האט זיך שטארק אויפגערעגט און מיר געווארפן אין

פנים אריין, אַז איך ווייס נישט און פאַרשטיי נישט ענגלאַנד, דעם ענ-גלישן גייסט; אַז ענגלאַנד אונטערדריקט נישט, נאָר באַפרייט...

ראָזענפעלד איז דעמאָלט אוועק פון מיר אַ ברוגזער. דערפאַר איז אַזוי גרויס געווען זיין נצחון, ווען ער האָט מיר געקענט ווייזן דעם בריוו פון דעם ענגלישן פאַרלעגער, אַז זיין ליד ווערט אריינגענומען אין אַן אַנטאָלאָגיע, צוזאַמען מיט די גרעסטע ענגלישע דיכטער.

איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז דאָס באַווייזט גאָרנישט... אַז ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַזאַ לויב-געזאַנג צו דער בריטישער אימפּעריע זאָל אריינגענומען ווערן אין אַ בריטישער אַנטאָלאָגיע, אָבער איך האָב באַשלאָסן בעסער צו שווייגן, נישט אויפצורעגן אים.

בין איך אָפּגעקומען מיט אַ שמייכל, ווי איך האָב אַלעמאָל גע-שמייכלט, ווען ראָזענפעלד פלעגט זיך באַווייזן מיט זיינע ענגלישע לי-דער. צו שרייבן אין ענגליש — דאָס איז געווען זיין שוואַכקייט. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד אין ענגליש, פלעגט ער זיך אַרומ-טראָגן דערמיט, ווי מיט אַן אבן-טוב, און ווען ס'איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַן ענגלישן זשורנאַל, האָט ער זיך געפרייט ווי אַ קינד.

צוליב נערעכטיקייט צום גרויסן דיכטער דאַרף באַמערקט ווערן, אַז ער פלעגט זיך אַרומטראָגן אויך מיט זיינע יידישע לידער, זיך צאַצקען מיט זיי, לייענען זיי פאַר יעדן, ס'האָט געמעגט זיין אין מיטן גאַס.

מיר דערמאָנט זיך, ווי איינמאָל האָט ער אין העסטער פּאַרק אָפּגעג-שטעלט מיך און נאָך צוויי יידישע שרייבער, מיט וועלכע איך האָב שפּאַצירט, און אונדז פאַרגעלייענט הויך אויפן קול אַ ניי ליד. אַרום אונדז האָט זיך אַרומגעקליבן אַן עולם פון נייגיריקע יידן און ווייבער, אָבער ראָזענפעלדן האָט דאָס נישט געאַרט. אדרבא, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס האָט אים גאָר הנאה געטאָן.

איינמאָל, אין דער צייט פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, איז מאָריס ראָזענפעלד אריינגעלאָפן אין רעדאַקציע, זיך אַ וואָרף געטאָן צום רעדאַקטאָר, גדליה בובליק, און אַ געשריי געטאָן:

— ס'איז אַ פּערל, אַ בריליאַנט, אַ דימענט!

דערביי האָט ער אַ וואָרף געטאָן אויפן שרייב-טיש אַ פאַרשריבע-

געם בויגן פּאַפּיר. בובליק האָט דאָס געוואָלט אויפהייבן און לייענען, אָבער ראָזענפעלד האָט אים פאַרשטעלט מיט דער האַנט און געשריגן:

— רירט נישט! ס'איז אַ פּערל, אַ בריליאַנט, אַ דימענט!

ערשט ווען ראָזענפעלד איז אַוועק, האָט בובליק אויפגעהויבן דעם בויגן פּאַפּיר און געלייענט. ס'איז באמת געווען אַ פּערל — אַ געזאַנג, אַ מעכטיק געזאַנג צו דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, צום נייעם, באַפרייטן רוסלאַנד.

אָבער, אַז ס'איז געקומען צו ענגליש, איז עס ביי ראָזענפעלדן אויך געווען אַ פראַגע פון טריאומף, פון אנערקענונג אין דער „ברייטער וועלט", אַ מין רייצן זיך מיט יענע לייט אויף דער יידישער גאַס, וואָס האָבן פאַרביטערט זיין לעבן.

ווייל איך דעריבער דאָ איבערגעבן נאָך אַן עפּיזאָד.

מאָריס ראָזענפעלד איז געקומען קיין מאָנטרעאָל (ווו איך האָב דער־מאָלט זיך געפונען), אויף דער איינלאַדונג פון דער דאָרטיקער י. ל. פּרץ שולע. ה. נאָוואַק, דער דעמאָלטיקער פּרינציפּאַל פון דער שולע, האָט דעם גרויסן דיכטער פאַרגעשטעלט פאַר די תּלמידים און תּלמידות.

אייניקע פון די שילער האָבן לכבוד דעם געהויבענעם גאַסט רעצי־טירט מאָריס ראָזענפעלדס לידער.

דער דיכטער האָט זיך צוגעהערט און פון זיינע אויגן האָבן זיך גע־גאָסן טרערן. ס'איז געווען אַ זייער פּאַטעטישע סצענע.

צום סוף האָט דער דיכטער געדאַרפט זאָגן עטלעכע ווערטער. אָבער ער האָט דערקלערט, אַז אנשטאט רעדן וועט ער בעסער פאַרלייענען נייע לידער. ער האָט פון בוזעם-קעשענע אַרויסגענומען אַ פּאַק פּאַפּירן, זיי אויסגעגלייכט צווישן זיינע ציטערדיקע פינגער און... דערציילנדיק די קינדער, אַז אין דער לעצטער צייט שרייבט ער ענגליש, האָט ער גע־לייענט פאַר זיי איין ענגליש ליד נאָכן אַנדערן...

צוויי שורות פון איין ליד, אַ באמת שיין ליד, געדענקען זיך מיר נאָך:

I raise my eyes upon the sky
The sky is blue — so am I.*)

*) איך הייב אויף מיינע אויגן צום הימל הויך,
פאַרכמאַרעט איז דער הימל — אַזוי בין איך אויך.

די קינדער און די לערער זענען געווען אַנטוישט. אָבער ראָזענפעלד האָט נישט געפילט, אַז ער איז באַגאַנגען אַן עוולה. ער האָט דאָך גע-מיינט גוט!...

און נאָך אַן עפּיזאָד אַ טראַגי-קאָמישער:

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען לואי מילער האָט אַרויסגע-געבן אַ וואָכנבלאַט — נאָך דעם ווי ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די „וואר-הייט". ראָזענפעלד פלעגט דאָרט מיטאַרבעטן.

איינמאָל, אַ פּריוויטיק פאַרנאַכט, רופט עמיצער אָן די רעדאַקציע פון „טאָגעבלאַט" און איז מודיע, אַז מאָרים ראָזענפעלד איז נאָר-וואָס גע-שטאָרבן אין רעדאַקציע פון מילערס וואָכנבלאַט.

איך בין געווען אַליין און בין באַלד אַוועקגעלאָפן צו מילערס רע-דאַקציע. אין ערשטן צימער איז אויף אַ שטול האַלב געלעגן, האַלב גע-זעסן מאָרים ראָזענפעלד, מיט אַ פאַרגליווערט פּנים און פאַרשלאָסענע אויגן.

קיינער איז נישט געווען נעבן אים. איך האָב אָבער געזען, אַז אין אַן אַנדער צימער זיצט לואי מילער רואיק ביים שרייב-טיש און קרעטש-מאַר-איזראַעלי, וועלכער איז געווען מיט-רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט, שפּאַנט אַהין און צוריק איבערן צימער און שמייכלט...

איך געפין אויס, אַז ראָזענפעלד איז אַזוי פּלוצלינג אַוועקגעפאַלן און עס האָט אויסגעזען, אַז ער איז טויט. דער דאָקטאָר דאַרף באַלד אָנ-קומען און מ'האָט שוין אויך טעלעפאָנירט ראָזענפעלדס פרוי, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן...

קרעטשמאַר-איזראַעלי האָט שוין, ווייזט אויס, געוווסט, אַז ס'איז גאָרנישט און דערפאַר אַזוי רואיק געשמייכלט.

ענדלעך איז ראָזענפעלד צו זיך געקומען. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר שוין שפּאַצירט אויף איסט בראָדוויי. איך האָב אים געפרעגט, וואָס מיט אים איז געווען; דערציילט אים פון דער שרעק, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און אַז זיין פרוי וועט מסתמא באַלד אָנקומען צוזונעמען

דעם „קערפער". ראזענפעלד האט זיך אנגעכאפט ביי א לאץ און קלאפנ־דיק מיטן שטעקן אין אספאלט פון טראטואר, האט ער געשריגן:

— מארים ראזענפעלד שטארבט נישט! מארים ראזענפעלד ווערט איצט ניי־געבוירן! — אין ענגליש! אט זעט!

און ער האט ארויסגעכאפט א פאק ענגלישע לידער און מיר דער־ציילט, אז ער גרייט זיך ארויסצוגעבן א באנד לידער אין ענגליש.

וואס פון מארים ראזענפעלדס ענגלישע לידער איז געווארן — דאס איז מיר, ליידער, נישט באקאנט.

***

מארים ראזענפעלדס פארביטערונג, זיין גאליקייט איז זיכער געווען דער פועל־יוצא פון זיין ביטער לעבן אין דער יוגנט — די ארימקייט אין סוואלק, פוילן, דערנאך אין לאנדאן און אין ניו־יארק, וווּ ער האט יארן־לאנג זיך געמאטערט אין די שניידער־ווארשטאטן, שרייבנדיק אין דער זעלבער זייט לידער.

דערנאך איז ער אריינגעפאלן אין די יידישע רעדאקציעס, ווו עס האט דעמאלט געהערשט דער זעלבער שוויץ־סיסטעם, וואס אין די פא־בריקן און ווארשטאטן. דערפאר האט ער אזוי געוויינט אויף זיין שריי־בערישן גורל:

איך האב געמיינט די שאפ איז שלעכט
און בעסער די רעדאקציע;
אצינד בין איך א פעדער־קנעכט —
א, שרעקלעכע רעדאקציע!

די פען, וואס האט ביי מיר געדינט,
מוז איך אליין איצט דינען;
איך וויין אויף יעדן טראפן טינט,
וואס איז פאראן דערינען.

באזונדערס האט גורם געווען צו זיין פארביטערטקייט די ביטערע באציאונג צו אים פון קאלעגן, ווי אויך פון די „יונגע", וואס האבן אים אויף טריט און שריט מבטל געווען. משה לייב האלפערן האט אמאל

פארעפנטלעכט אן ארטיקל, ווו ער ציט א פאראלעל צווישן ראָזענפעלדן און א דעמאָלט יונגען דיכטער, אן אָנהייבער — און ער „באַווייזט״, אז דער דאָזיקער אָנפאַנגער איז אן אמתער דיכטער, בעת ראָזענפעלד גיסט טינט.

אין דער שרייבערישער וועלט בכלל, איבערהויפּט אין דער באַלע־באַטישער פּרעסע, האָט מען אים כסדר גערופן „שניידערוק״, וואָס דאָס האָט ארויסגערופן זיין שאַרף־סאַטירישן ענטפער: „אַ שניידער בין איך און איך וועל שניידן״...

צווישן די, וואָס האָבן מבטל געווען מאָרים ראָזענפעלדן, איז אויך געווען פּרץ, אָבער איך בין מסופק, אויב דאָס איז געווען דער פּועל־יוצא, ווי מען האָט דאָס געוואָלט אויסטייטשן, פון דעם צוזאַמענשטויס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן פּרצן און ראָזענפעלדן אין טשערנאָוויץ, בעת, אָדער נאָך פאַר דער קאָנפערענץ. די סיבה פון יענעם קאָנפליקט ווייס איך נישט. אָבער איך קאָן זיך פאָרשטעלן, אז פּרצן, דעם ראַפינירטן, הויך־קולטורעלן דיכטער, איז דערווידער געווען ראָזענפעלדס אומגע־הובעלטקייט, וואָרום ראָזענפעלד איז געווען פּרימיטיווער ווילד־וואַלד, ווו די נאַטור־עלעמענטן האָבן פריי געבושעוועט.

דערפאַר מסתמא האָבן אויך ראָזענפעלדס לידער נישט געגרייכט פּרצעס האַרץ. אין אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער פּאָעזיע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ווארשע אַ שטיקל צייט נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפע־רענץ, האָט פּרץ דערמאָנט כמעט יעדן יידישן דיכטער, עלטערע און יינגערע, אפילו די סאַמע יינגסטע. אָבער ער האָט אינגאַנצן פאַרשוויגן ראָזענפעלדן. ווען איינער פון עולם האָט פּרצן דערויף אויפמערקזאַם גע־מאַכט, האָט פּרץ געענטפערט:

— איך פאַרשטיי זיך נישט אויף מוזיק. ראָזענפעלדן דאַרף מען זינגען!...

און ער האָט זיין ביטולדיקע מיינונג וועגן ראָזענפעלדס לידער אויך ארויסגעזאָגט אין שריפט. האָט מיר דעמאָלט שטאַרק ווײ געטאָן נחס צו־שאַרפער ענטפער פּרצן. כאָטש ער האָט פּרצן נישט אָנגערופן ביים נאָ־מען, האָבן אַלע געוווסט, וועמען ער האָט געמיינט, ווען ער האָט געשריבן,

אַז „ער וואָלט זיך פריער געדאַרפט די צונג אָפּבייסן״, איידער ער האָט אַרויסגעזאָגט אַזעלכע רייד וועגן מאָרים ראָזענפעלדן.

נחם ענטפער איז, דאַכט זיך, געדרוקט געווען אין דעם זאַמלבוך „גאָלדענע פונקען״. וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט. נח האָט ראָזענפעלדן געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן יידישן דיכטער.

XXXII

פּראָפ. געצל זעליקאָוויץ

פּראָפעסאָר געצל זעליקאָוויץ, דער העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער, דער ריטעווער עלוי, איז געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע טיפּן אויף דער יידישער גאַס, אַן עקזאָטישע פיגור, פול מיט ווידערשפּרוכן. דעם טיטל „פּראָפּעסאָר" האָט ער געירשנט פון דעם פּענסילווייניער אוניווערזיטעט, ווו ער האָט אַ שטיקל צייט רעפּערירט וועגן עגיפּטאָלאָגיע. פאַרוואָס ער האָט דאָרט געהאַט קורצע טעג, איז אַן ענין, וואָס איז איינגעהילט אין סודות. מעגלעך, אַז זיין עגיפּטאָלאָגיע האָט אונטערגעהונקען. אָבער אַז דער מענטש האָט פאַרמאָגט אַ סך וויסן, יידישע און וועלטלעכע און אַז ער האָט באַהערשט עטלעכע שפּראַכן, אייראָפּעאישע און סעמיטישע, צווישן זיי אַראַביש, אין דעם איז קיין ספק נישט.

ער איז געווען אַ געמיש פון קולטור און בטלנות. אָט האָט ער פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע מיט אַ ווערק פון גרויסן קינסטלערישן ווערט, ווי, למשל, זיין „מות פּרא קטן" (דער טויט פון אַ ווילד יינגל) און באַלד האָט ער אָנגעשריבן עפּעס אַ בטלנישע פּלוידעריי, אָדער עפּעס אַ גראַם־שטראָם, צי אַ שונד־ראָמאַן. ער האָט פאַרפאַסט אַן אַראַביש־העברעאישע גראַמאַטיק און — שמועסערייען פאַר ווייבער, אונטערן פּסעוודאָנים „די ליטווישע חכמנית". ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך וועגן בודיזם „תורת בודהא" און — אַ זאַמלונג פון תחינות פאַר ווייבער, פאַר פאַרשידענע געלעגנהייטן.

זיין יידיש און זיין העברעאיש זענען געווען רייך, זאַפטיק, קאָלירריך, אָבער נישט אַלעמאָל האָט ער זיין רייך לשון אויסגענוצט צום

גוטן... וואָס ס'איז שייך אַנדערע שפּראַכן, האָט ער טאַקע אַביסל מגזם געווען, כאָטש ער האָט, ווי געזאָגט, טאַקע געקענט אַ היפּש ביסל שפּראַכן. איינמאָל האָב איך געהאַט אַזאַ שפּאַס מיט אים: איך בין אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע פון „טאָגעבלאַט", וווּ איך האָב יאָרן־לאַנג מיט אים געאַרבעט, און געטראָפן דעם פּראָפעסאָר פאַרטיפט אין אַ כינעזישער צייטונג. איך האָב זיך אַריבערגעבויגן איבער זיין פּלייצע און אויסגערופן, טייטלענדיק אויף אַ געוויסן פּונקט אין דעם כינעזישן בלאַט:

— זעט נאָר, פּראָפעסאָר, וואָס פאַראַ שרעקלעכער גרייז!

— יאָ, טאַקע, טאַקע! — האָט דער פּראָפעסאָר זיך פאַרגעסן און מסכים געווען מיט מיר.

איך האָב זיך פונאַנדערגעלאַכט און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, נאָר ער האָט זיך נישט פאַרלוירן און שמייכלענדיק מיר געזאָגט:

— אַן אינטערעסאַנטע שפּראַך כינעזיש! איך לערן זי איצט! איר'ט זען, אַז איך וועל נאָך קענען כינעזיש ווי אַ כינעזער...

אויך וועגן זיין „תורת בודהא" צווייפל איך, צי ער האָט זי טאַקע איבערזעצט פון סאַנסקריטישן אָריגינאַל, ווי ער גיט עס אָן אויפן שערבלאַט. איך האָב מיין ספק דעם פּראָפעסאָר אָפן געזאָגט און אים געגעבן דריי טעמים פון מיין ספק: ערשטנס איז דער אָריגינאַל פון די בודיסטישע שריפטן נישט סאַנסקריט, נאָר פּאַלי, אַ פיל עלטערע שפּראַך פון סאַנסקריט; צווייטנס האָבן די בודיסטן נישט קיין קאַנאָניזירטע תורה, ווי יידן, קריסטן און מאַכמעדאַנער, נאָר זייערע הייליקע שריפטן פאַרנעמען ממש טויזנטער דיקע ביכער; דריטנס זענען די בודיסטישע שריפטן נישט אין ביבלישן סטיל, ווי דעם פּראָפעסאָר זעליקאָוויטשעס „תורת בודהא" איז געשריבן און וואָס הייבט זיך ביי אים אָן מיט „אלה תולדות בודהא"...

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז זיין „תורת בודהא" ברענגט אַרויס קלאָר און שאַרף, מיט אַ סך פאַרשטענדעניש, די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון בודיזם. דער פּראָפעסאָר האָט זייער שנעל באַנומען דעם שווערסטן ענין און אים געקענט צעלייגן אויף טעלערלעך, אַז אַפילו אַ קינד זאָל

אים פֿאַרשטיין. די צרה איז נאָר, וואָס טײַלמאָל פּלעגט ער צו ווײַט פֿאַרגיין — ווי צום בײַשפּיל אין זײַן אַרטיקל, וווּ ער האָט דווקא געוואָלט באַווײַזן, אַז פּראָפֿ. איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע געפֿינט זיך אין תּלמוד...

ער האָט אָבער אויפֿגענומען אַפֿילו די שאַרפֿסטע קריטיק מיט אַ שמייכל, זיך קיינמאָל נישט באַליידיקט און נישט בייז געוואָרן. ער איז געווען אַ ליבער, אַ פֿרײַנטלעכער מענטש, האָט פֿאַר אַלעמען געהאַט אַ גוט וואָרט און אַלע האָבן אים ליב געהאַט — און ליב געהאַט האָט מען אים מיט אַלע זײַנע חסרונות. מ׳האָט געוווּסט, אַז אַזוי איז פּראָפֿעסאָר זעליקאָוויטש און אַזוי דאַרף ער זײַן — אַ נישט וועט ער נישט זײַן פּראָפֿעסאָר זעליקאָוויטש...

צווישן די מעשׂיות, וואָס ער האָט ליב געהאַט דערציילן — מעשׂיות וועגן זײַנע רייזעס, ליבעס און אַוואַנטורעס — האָט ער מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ דערציילט ווי אַמאָל איז צוליב אים שיער נישט געקומען צו אַ מלחמה צווישן ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך און אַז דערפֿאַר קאָן ער זינט דעמאָלט נישט קומען קיין פֿראַנקרײַך און נישט קיין ענגלאַנד. מען וואָלט אים באַלד אַרעסטירט.

אַז איך האָב אים אַ זאָג געטאָן: „נו, פּראָפֿעסאָר, דאָס טרײַבט איר שוין אַביסעלע איבער!”, האָט ער מיך אַרײַנגעפֿירט אין דער ניו־יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעק, וווּ ער האָט אויפֿגעזוכט אַ בוך פֿון אַ פֿראַנצויזישן אַנטיסעמיט, וועמענס נאָמען איך האָב שוין, לײַדער, פֿאַרגעסן. יענער אַנטיסעמיט זידלט אין זײַן בוך דעם ייִד געצל זעליקאָוויטש, וואָס האָט צוליב זײַנע ליגנס שיער נישט דערפֿירט ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך צו אַ מלחמה.

ס׳איז כּדאַי דאָ איבערצודערציילן די מעשׂה:

אַרום דעם יאָר 1885 האָט דער „מאַדי” (רעליגיעזער פֿירער) פֿון כאַרטום, אין מצרים, אָרגאַניזירט אַן אויפֿשטאַנד קעגן די ענגלישע רעגירער. די ענגלישע רעגירונג האָט דאַן געשיקט קיין כאַרטום דעם באַרימטן לאָרד קיטשנער, אַז ער זאָל אונטערדריקן דעם אויפֿשטאַנד. לאָרד

קיטשנער האָט מיטגענומען געצל זעליקאָוויצן פאַר זיין אַראַבישן אינ־טערפּרעטער. דערביי האָט שוין לאָרד קיטשנער געמאַכט זעליקאָוויצן פאַר זיין אַראַבישן לערער. דער באַרימטער ענגלישער שטאַטסמאַן איז אַזוי אַרום געוואָרן דעם ריטעוווער עלוים תּלמיד.

ס'וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען דאָ זיך אַריינצולאָזן אין אַ באַשרייבונג וועגן דער קאָנקורענץ, וואָס ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן צווישן זיך געפירט אין עגיפּטן. דער עיקר איז דאָ, אַז פּראָפעסאָר זעליקאָוויץ האָט אַוועקגעשיקט אַ קאָרעספּאָנדענץ צו אַ צייטונג אין פּאַריז, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון ראשעפאַר. אין זיין קאָרעספּאָנדענץ האָט אונדזער פּראָפעסאָר דערציילט, אַז ער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי ענגלישע סאָלדאַטן האָבן איבערגעגעבן פיר פראַנצויזישע קאָרעספּאָנדענטן צום עגיפּטישן המון אין די הענט אַריין, אַז מען זאָל זיי דערהרגענען. און די עגיפּטער האָבן טאַקע צוויי קאָרעספּאָנדענטן דערהרגעט.

זעליקאָוויצעס קאָרעספּאָנדענץ האָט אויפגעהויבן אַ שטורעם אין פראַנקרייך. פון אַלע זייטן האָט מען געפאָדערט שטרענגע שריט קעגן די ענגלענדער. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט געשיקט אַ שאַרפע נאָטע קיין לאָנדאָן. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אָנגעפרעגט וועגן דעם ביי לאָרד קיטשנערן. לאָרד קיטשנער האָט געלייקנט די גאַנצע מעשה. ס'זענען געפלויגן נאָטעס אהין און צוריק צווישן לאָנדאָן און פּאַריז. ענדלעך האָבןביידע רעגירונגען באַשטימט אַ געמישטע קאָמיסיע, וואָס זאָל אויספאָרשן דעם ענין אויפן אָרט. זינט דעמאָלט האָט מען מער נישט געהערט וועגן דעם.

צי פּראָפעסאָר זעליקאָוויץ האָט אין זיין קאָרעספּאָנדענץ דערציילט דעם אמת, צי נישט — דאָס איז נישט באַקאַנט. אָבער זעליקאָוויץ האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט זיך אָפּטראָגן פון מצרים און אויסמיידן ענגלאַנד און פראַנקרייך...

צוליב זיין אומרואיקער נאַטור און זיין לוסט נאָך סענסאַציע און גוזמאות, האָט זעליקאָוויץ אפשר געפּטרט אַ גרויסע קאַריערע.

אָבער ער האָט דאָס קיינמאָל נישט באַדויערט. ער האָט דערפון אויך נישט געלערנט קיין לעקציע. ס'איז געווען אין זיין בלוט. ער האָט דאָס

ליב געהאַט. דאָס האָט אים געגעבן שטאָף אויף מעשיות, אויף פאַנטאַזיעס. און ס'איז געווען זיין גרעסטער פאַרגעניגן, ווען ער האָט דערציילט און מענטשן האָבן געהערט.

אַזוי האָט ער, למשל, ליב געהאַט כסדר צו לייקענען, אַז ער האָט זיך אַמאָל געשמדט, כאָטש קיינער האָט אים וועגן דעם נישט געפרעגט. דערביי פלעגט ער זאָגן: נו, אויף אַ מאַכמעדאַנער מעג מען זיך שמדן בעת אַ סכנה. דער רמב"ם אַליין האָט אַזוי געפּסקנט — און דאָס איז שוין אויסגעקומען כמעט ווי אַ מודה זיין זיך, אַז ער האָט אַמאָל אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן, כאָטש קיינער האָט אים אין דעם קיינמאָל נישט באַשולדיקט — און מיר מעגן צווייפלען אין דעם.

XXXIII

בראָנזוויל — אַ פּויליש שטעטל ביי ניו-יאָרק

אין מיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע האָב איך אַ שטיק צייט גע-וווינט אין בראָנזוויל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אידיליש יידיש שטעטל, אין ברוקלין, אַרומגערינגלט פון פעלדער און וועלדער און איז געווען באַרימט מיט אירע ציגן. יידישע הומאָריסטן האָבן דעריבער בראָנזוויל אַ נאָמען געגעבן „די ציגן־רעפּובליק". געוווינט האָב איך אין דעם שיינעם פּריוואַטן הייזל אויף בלעיק עוועניו — אויף דער גרענעץ צווישן בראָנזוויל און איסט ניו-יאָרק — וואָס האָט געהערט צו דעם זע־צער און קולטור־טוער מאיר קאסטאָף. די קאסטאָפס הויז האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט יידישער קולטור און פּועלי-ציוניזם. דאָרט פלעגן אַריינקומען יידישע שריפטשטעלער און פּועלי־ציוניסטישע פירער, סיי תושבים, סיי געסט פון אייראָפּע.

אין יענעם הויז האָב איך מיך געטראָפן מיט בער באָרוכאָוון, מיט ד"ר סירקין און מיט אַנדערע גדולים פון דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטי-שער באַוועגונג. צווישן די שטענדיקע אַריינגייער דאָרט זענען געווען יואל ענטין, משה נאַדיר, מיכל קאַפלאַן, דער פאָלקסטימלעכער יידישער דיכ-טער, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט אַן אַפּטייק אין יענער געגנט; י. אַד־לער (ב. קאָוונער) און נאָך און נאָך שריפטשטעלער, קולטור-טוער און דערציער. אַפילו די קינדער, די שילערס און שילערינס פון די „נאַציאָ-נאַל־ראַדיקאַלע שולעס", פלעגן די פריינטלעכע קאסטאָפס אָפּט איינלאַדן

צו זיך און דאָס יונגוואַרג פלעגט פאַרהילכן די געגנט מיטן געזאַנג פון יידישע לידער.

בראָנזוויל איז געווען פרום יידיש און אין אַ שבת, אָדער אַ יידישן יום-טוב, האָט מען זיך דאָרט געפילט ווי אין אַ שטעטל פון פוילן. פרייטיק-צו-נאַכט האָבן פון די פענצטער געלויכטן די ליכט און יידישע געשעפטן זענען געווען געשלאָסן. אפילו דער „ניו דזשוירסי עוועניו געריכט-הויז״, וואָס האָט אויסגעטיילט גערעכטיקייט פאַר בראָנזוויל און איסט ניו-יאָרק, איז שבת געווען געשלאָסן. דער ריכטער און דער הויפּט-קלערק זענען געווען יידישע יידן און אַז מען פלעגט שבת פאַרנאַכט פאַרבייגיין פאַרן געריכט-הויז, האָט זיך פון דאָרט געטראָגן אַ גמרא-ניגון... דאָס האָט דער ריכטער געלערנט גמרא מיט עטלעכע באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך אַהין אַריינגעכאַפּט. טיילמאָל פלעגט דאָרט אויך זיך אַריינכאַפּן דער יידישער פּאָליציי-קאַפּיטאַן פון בראָנזוויל, אייזיק פראַנק — און זיך צוהערן צום גמרא-ניגון, ווייל ער אַליין האָט קיין גמרא נישט געקענט.

מען פלעגט דערציילן, אַז אָפּטמאָל, ווען אין דעם „ניו דזשוירסי עוועניו געריכט״ פאַרציט זיך אַ פּראָצעס ביזן אָוונט אַריין, גיט דער ריכטער, אָדער דער הויפּט-קלערק אַ קלאַפּ אָן טיש: „לאָמיר דאַווענען מנחה!״ און דער גאַנצער עולם, דער ריכטער, די אָנגעקלאָגטע און די אָנקלאָגער, ווי אויך די עדות, האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק מנחה דאַווענען. מען האָט אויך דערציילט מעשיות, אַז ווען אַ פּאָליציאַנט האָט שבת דערזען אַ ייד רויכערן אַ ציגאַרעטל, האָט ער אים אויסגעמוסרט, אויב נישט אַרעסטירט. אָבער מיר אַליין איז דאָס נישט אויסגעקומען צו זען מיט די אייגענע אויגן, וועל איך פאַר דעם נישט קאַווירן. אָבער אַזעלכע מעשיות, אויב אפילו זיי זענען נישט אמת, באַווייזן פונדעסטוועגן ווי יידיש-פרום בראָנזוויל איז געווען אין יענע יאָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז כאָטש די מאַיאָריטעט פון בראָנזוויל און איסט-ניו-יאָרק, איז באַשטאַנען פון פרומע יידן, מיינט עס נישט, אַז טאַקע אַלע יידן דאָרט זענען געווען פרום. בראָנזוויל איז דעמאָלט אויך געווען אַ צענטער פון ראַדיקאַליזם, פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פון

אַנאַרכיזם. עס איז געגוג צו דערמאָנען שיפֿלאַקאַפּן און דעם „לייבאַר לייִ-סעאום” (אַרבעטער-ליצעאום), ווו עס האָט געשפּרודלט מיט טעטיקייט. יוראָק, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן איבער דער וועלט אַלס איינער פון די גרעסטע אימפּרעסאַריאָס און וואָס ער האָט אַריבערגע-בראַכט קיין אַמעריקע די גרעסטע פֿאַרשטייער פון די זיבן קונסטן, צווישן זיי שאַליאַפּין, מישאַ עלמאַן, די פּאַוולאָוואַ — ער, יוראָק, האָט דעמאָלט אָנגעפֿירט די פֿאַרשידענע אונטערנעמונגען פון בראַנזווילער „לייבאַר לייסעאום”.

בראַנזוויל האָט אַפּילו געהאַט איר אָפֿיציעלן שטאָט־אַפּיקורס. זיין לעצטער נאָמען איז געווען גאָלדבערג, אַן אַלטער אַנאַרכיסט און פֿאַנאַ־טישער אַטעאיסט. ער האָט שוין געמוזט זיין קרוב צו 70, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט — און ער האָט מיך תיכף מכבד געווען מיט טויטע קללות, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ מיטאַר-בעטער פון „טאָגבלאַט”. פון זיין מויל האָבן געגומען האָגלען שרעק־לעכע זידלערייען אויף די אָרטאָדאָקסישע יידן, דעם רבונו-של־עולם און רעליגיע אין אַלגעמיין.

דאָס איז געווען דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן ביי אים — שעלטן גאָט און רעליגיע. ער פֿלעגט אַרומגיין אין די גאַסן, אָפּגעריסן ווי אַ בעטלער און שעלטן רעליגיע. ער האָט ליב געהאַט אַריינצוקומען אין דער רעדאַק־ציע פון „ברוקלין בראַנזוויל פּאָסט” אויף פּיטקין עוועניו, ווו עס איז געווען אַ מין קיבעצאַרניע און — זידלען דעם רבונו-של-עולם... נייטען מיניץ, דער פֿאַרוואַלטער, און די אַנדערע יידן, וואָס זענען דאָרט שטענדיק געווען, האָבן כלומרשט אַפּעלירט צו דעם אַלטן גאָלדבערג, אַז ער זאָל אויף דער עלטער תשובה טאָן. נו, נו, האָט ער זיי דערלאַנגט אַ תשובה! איך האָב קיינמאָל פֿריער אין מיין לעבן נישט געהערט אַזוינע וויסטע קללות.

פונקט ווי ער האָט פיינט געהאַט פרומע יידן, רבנים, חזנים, די תורה און דעם רבונו־של־עולם, אַזוי האָט ער אויך פיינט געהאַט סאָציאַל-דעמאָקראַטן. ווען ער האָט געשאָלטן גאָט און רעליגיע, האָט ער שוין אין

איינוועגס אריינגעוואָרפן עטלעכע קללות אויך קאַרל מאַרקסן, ענגעלסן און — מאיר לאַנדאַנען; און ווען ער האָט געשאָלטן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, האָט ער אין איינוועגס אויך שוין אריינגעשאָלטן גאָט און רעליגיע. זיי זענען ביי אים שטענדיק געגאַנגען צוזאַמען און ער האָט זיי אויסגעמישט אין איין קאַשע.

פונדעסטוועגן פלעגט ער ביי די פרומע יידן נעמען שטיצע. טאַקע אין אָפּיס פון „ברוקלין בראַנזוויל פּאָסט” האָט מינץ נישט איינמאָל צוּנויפגעזאַמלט אונטערוועש, העמדער, אַ פּאָר הויזן, אַ רעקל און אביסל מזומן געלט פאַר דעם אַלטן אַנאַרכיסט. מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פאַרבלאָנדזשעטער נשמה און רחמנות געהאַט אויף אים. נאָר אפשר ביי יידן קאָן אַזוינס פּאַסירן. און דער אַלטער גאָלדבערג אַליין, וואָס האָט זיין אַנאַרכיזם און אַטעאיזם געבראַכט נאָך פון לאָנדאָן, ווו ער איז אין די יונגע יאָרן זייער טעטיק געווען, האָט צוגענומען די מתנות אָן אַ דאַנק; אדרבא, אָפּט האָט ער דערביי געשאָלטן די פרומאַקעס, די „פינצטערלינגע”. אַלס אַנאַרכיסט האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס, וואָס מען גיט אים, קומט אים.

אָבער אויך פאַר זיינע אייגענע אַנאַרכיסטן האָט ער קיין גוט וואָרט נישט געהאַט. ער פלעגט זיך זייער נישט שיין אויסדריקן וועגן עמאַ גאָלדמאַן און ש. יאַנאָווסקין האָט ער נישט ווייניקער געשאָלטן ווי דעם רבונו-של-עולם און קאַרל מאַרקסן. זיין כעס אויף די אַנאַרכיסטן איז אפשר געקומען דערפון, וואָס זיי האָבן אים פאַרנאַכלעסיקט, זיך נישט אומגעקוקט אויף אים און אים געלאָזט הונגערן. איך האָב אַמאָל גערעדט מיט אַנאַרכיסטן וועגן אים, האָבן זיי אים מבטל געווען ווי אַ צעדולטן, כאָטש זיי האָבן מודה געווען, אַז ער באַזיצט אַ געוויסע בילדונג און אַז אַמאָל, אין לאָנדאָן, איז ער געווען אַן אידעאַליסט, אָבער זיין פאַנאַטיזם און זיין טעמפּעראַמענט האָבן אים דערפירט צו אַ פּונקט, ווו ער קאָן מער נישט דיסקוטירן ווי אַ מענטש, נאָר שעלטן, וואַרפן מיט קללות.

קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו דער אַלטער גאָלדבערג וווינט און צי ער האָט ערגעץ קרובים, אַ פרוי, קינדער, אייגענע. פון זיך, פון זיין פערזענלעך לעבן האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט, אפילו נישט פון זיין

אַנאַרכיסטישער טעטיקייט אין לאָנדאָן. ער האָט בכלל נישט גערעדט, ווייל זיין מויל איז פול געווען מיט זידלעריי, מיט קללות. ס'איז געווען אַן עוולה פון יענע, וואָס האָבן אים גערייצט און אים פּראָוואָצירט צו קללות. איבערהויפּט פלעגט אים אויפרייצן, ווען עמיצער האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— נישט געזאָרגט, גענאָסע גאָלדבערג, גאָט וועט נאָך העלפן!

דער אַלטער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אונטערגעשאָסענער, אָנגעהויבן וואַרפן מיט דער תוכחה, אַ שפּיי געטאָן און אַנטלאָפן...

אָבער איינמאָל האָט מיך דער אַלטער גאָלדבערג איבערראַשט און מיך אַפילו צעטרייסלט — ווייל אַזוי אומגעריכט איז דאָס געווען פאַר מיר, אַזוי פּלוצים האָט ער זיך פאַר מיר אַ ווייז געטאָן אין אַן אַנדער ליכט, אַ מענטשלעך ליכט.

דאָס איז געווען שוין עטלעכע יאָר נאָכדעם ווי איך האָב זיך געהאַט אַרויסגעקליבן פון בראָנזוויל. איך בין אַראָפּגעקומען אַהין אויף אַ באַזוך צו פריינט און אָנגעטראָפן גאָלדבערגן אויף פּיטקין עוועניו.

ער האָט זיך שוין קוים געשלעפּט. און זיין הולך איז געווען שרעקלעך. די קליידער אויף אים זענען געווען ווי צעריסענע שמאַטעס און אויף די פיס האָט ער געטראָגן אַ פּאָר לאַפּטשעס, פון וועלכע די פינגער זענען אַרויסגעקראָכן.

ער האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן באַפעלעריש, אָבער מיט אַ שוואַכער שטים, אָן דער חוצפּה פון עטלעכע יאָר פריער:

— נו, נעם מיך אַריין ערגעץ אויף אַ טעפּעלע טיי!

איך בין מיט אים אַריין אין אַ רעסטאָראַן. ער האָט עפּעס אָפּגעגעסן, פאַרטרונקען מיט טיי. דערנאָך איז ער געבליבן זיצן שטיל, דאָס פּנים איינגעגראָבן אין די הענט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער בוזעם-קעשענע און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ גאַנצן פּאַק שמוציקע פּאַפּירלעך, צייטונגס-אויסשניטן, בריוו אין קאָנווערטן און אָן קאָנווערטן. פון זיינע ציטערדיקע הענט איז עפּעס אַרויסגעפאַלן. ער האָט זיך איינגעבויגן, עס אויפגעהויבן — און איך

האָב באַמערקט אַ בילד, אַ בילד פון אַ פרוי. איך האָב קיין געלעגנהייט נישט געהאַט צו זען, צי דאָס איז אַ יונגע, אָדער אַן אַלטע — אָבער אַ פרוי איז דאָס געווען און פון איר אַלטמאָדישן הוט האָט אַרויסגעשפּיצט אַ לאַנגע פעדער.

דער אַלטער גאָלדבערג האָט זיך פאַרקוקט אויפן בילד. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיר און זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דעם בילד, געקוקט און געקוקט... איך האָב נאָכגעפאָלגט זיין יעדע באַוועגונג... און מיטאַמאָל האָבן זיך פון זיינע אויגן גענומען קייקלען טרערן, ווי קעגן זיין ווילן, אָן זיין וויסן, וואָרום ערשט, ווען די טרערן זענען געפאַלן אויף זיין ציטערדיקער האַנט, האָט ער זיך, ווייזט אויס, געכאַפּט, אַז ער וויינט. ווי מיט שרעק האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער באַנעצטער האַנט, דערנאָך אויפגעהויבן זיין בליק אויף מיר, ווי ער וואָלט מיך נאָרוואָס דערזען, זיך אַ שטעל געטאָן, זיך מיט אַלע כוחות אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר און ווען ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, האָט ער אַ שפּיי געטאָן:

— טפו זאָל עס ווערן!

אויף וועמענס קאָפּ דער „טפו" האָט געדאַרפט פאַלן, צי אויף דער פרוי אויפן בילד, צי אויף זיך אַליין, צי אויף עמיצן אַנדערש — דאָס ווייס איך נישט. אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטן גאָלדבערג, וואָס ער איז אין אַ יאָר אַרום (נאָך דער באַשריבענער סצענע) געשטאָרבן, האָב איך געטראַכט צו זיך אַליין:

ווער קאָן, אייגנטלעך, וויסן די סיבה פון זיינע שטענדיקע קללות? קאָן זיין, אַז בעת ער האָט געשאָלטן גאָט, רעליגיע, רבנים, חזנים, קאַרל מאַרקסן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָט ער דאָס אַלץ געמיינט, אויב נישט באַוווסטזיניק, איז אונטערבאַוווסטזיניק, יענע פרוי — יענע פרוי, וואָס האָט אים אפשר אַזוי ביטער אַנטוישט, אַז זיין גאַנץ לעבן איז אַראָפּ פון די רעלסן.

פאַרפּלאָנטערט זענען דאָך די וועגן פון דער מענטשלעכער נשמה.

XXXIV

אַמעריקאַנער מנחם מענדלס

טאַקע אין יענער צייט — אַרום אַ האַלב יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און די ערשטע צוויי יאָר פֿון דער מלחמה — האָבן עטלעכע בראָנזווילער יידן זיך פֿאַרלייגט אויף מיר, אַז איך זאָל ווערן אַ מיליאָנער; טאָג-איין און טאָג-אויס זענען זיי צוגעשטאַנען צו מיר מיט תחנונים, אַז איך זאָל זיי טאָן אַ טובה און ווערן אַ מיליאָנער, אַ ראָטשילד, אָדער אַ ראָקעפעלער, נאָר איך האָב זיך געראַנגלט קעגן זיי. איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט ווערן קיין מיליאָנער און איך האָב, ברוך-השם, אויסגעפירט — איך בין נישט געוואָרן קיין מיליאָנער.

אמת, ווען איך ווער דעמאָלט אַ בראָנזווילער מיליאָנער, וואָלט איך שוין איצינד מסתמא ווידער געווען אַ קבצן, ווי דאָס זענען געוואָרן אַ סך פֿון די דעמאָלטיקע בראָנזווילער מיליאָנערן, וואָרום זייער געלט האָבן זיי אַריינגעקריגן פֿון האַנדל מיט „ריעל עסטייט" — דאָס הייסט: פֿון ערד, און זיי האָבן דאָס דערוואָרבענע געלט צוריק באַגראָבן אין דער ערד. ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, איז שוין דער גרויסער בראָנזווילער טומל מיט באָדן-שפּעקולאַציע געווען אַריבער, אָבער עס האָט זיך נאָך אַלץ געזונג „געבומט" און געזשומט. בראָנזוויל און איסט־ניו-יאָרק זענען איבער נאַכט געוואַקסן און יידן זענען רייך געוואָרן און אָרעם געוואָרן איבער נאַכט.

מ'האָט געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט און ווידער געקויפֿט — סיי לייַדיקע

פּלעצער, סיי הייזער, מען האָט אַראָפּגעריסן אַלטע הייזקעס, אויסגעריסן וועלדער און אויפגעשטעלט גרויסע געביידעס. ס'האָט זיך געטאָן. אין לאָקאַל פון דער „ברוקלין בראָנזוויל פּאָסט", אין דיסקינס רעסטאָראַן אויף פּיטקין עוועניו, אין פאַרשידענע אַנדערע רעסטאָראַנען, אפילו אין מיטן גאַס האָט מען כסדר געהערט „ריעל עסטייט". צווישן די, וואָס האָבן טאַקע געקויפט און געקויפט און געהאַנדלט, האָבן זיך אויך גע־פונען מנחם-מענדלס, וואָס האָבן זיך סתם געטומלט, געדרייט זיך, גע-מאַכט מיט די הענט און, ווייזט אויס, זיך אַליין איינגערעדט, אַז זיי טוען ביזנעס, בעת אין אמתן האָבן אַנדערע געטאָן און זיי, די מנחם-מענדלס, זענען אָפּגעקומען מיט רעדן.

האָט מען מיך אויך געוואָלט אַריינשלעפּן אין דעם „בום". נייטען מינץ, דער פאַרוואַלטער פון דער „ברוקלין בראָנזוויל פּאָסט", האָט כסדר אין מיר אַריינגעטענהט, אַז איך זאָל קויפן באָדן — איך וועל דאָך מתעשר ווערן, איך וועל גיין אין די מיליאָנען. „אַזאַ יונגערמאַנטשיק, ווי איר, האָט ער מיר געזאָגט — וואָס פאַרא תּכלית איז פאַר אייך שרייבעריי? פריער ווערט רייך, וועט איר דערנאָך קענען שרייבן, וואָס אייער האַרץ גלוסט." און ער האָט מיר געמאַכט אַ חשבון, אַז איך דאַרף אפילו גאָר־נישט אַריינלייגן אין דעם געשעפט. ער וועט מיר אַראָפּנעמען יעדע וואָך פון מיין געהאַלט און דערמיט אויסצאָלן פאַר דעם באָדן. „איר האָט דאָך אַ געהאַלט פון „טאָגעבלאַט" און פון „קונדס" פאַרדינט איר אויך, — האָט ער ווייטער אַרגומענטירט — וועלן אייך די עטלעכע דאָלער אַ וואָך, וואָס איך וועל אַראָפּנעמען, אייך זיכער נישט אויספעלן!"

אָבער איך האָב נישט געוואָלט הערן דערפון. נישט נאָר האָב איך נישט געוואוסט, מיט וואָס מען עסט דאָס, וואָס ביזנעס איז בכלל — און איך וויים עס נאָך איצט אויך נישט — נאָר אפילו די טערמינאָלאָגיע פון „ריעל עסטייט" און געשעפט האָט אין מיינע אויערן געקלונגען ווילד און פרעמד. אָבער נייטען מינץ האָט עס געמיינט ערנסט — און טאַקע מיין טובה, ווארום סיי ער, סיי די אַלע יידן, וואָס זענען געקומען צו אים, האָבן געפילט אַ געוויסע וואַרימקייט צו מיר, דעם יונגן שרייבער, וואָס איז נישט לאַנג פון אייראָפּע, פון פּוילן. האָבן די אַלע יידן גע־

אַרבעט איבער מיר, מיך דווקא געוואָלט מאַכן פאַר אַ מיליאָנער, נאָר, ווי געזאָגט, האָב איך אויסגעפּירט.

איינער פון די יידן, אַ מנחם-מענדל, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויף מיר אָנגעזעצט, אַז איך זאָל קויפן לאַנד און צום סוף זיך מיאש געווען דערפון, איז דאַן צו מיר צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל זיך ביי אים פאַר־זיכערן דאָס לעבן — פאַרסטראַכירן זיך. האָב איך אים דערקלערט, אַז איך דאַרף דאָס נישט. „נאָך וואָס טויג עס מיר, אַז איך בין אַליין. וואָס איז? איך דאַרף פאַרזאָרגן אַ ווייב מיט קינדער?"

— איך האָב עס! — האָט דער ייד אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, — איצט פאַרשטיי איך... אַז ס'איז נישטאָ קיין פונדאַמענט, בויט מען נישט קיין הויז. פריער מוז זיין דער פונדאַמענט, דער יסוד — און דער פונדאַמענט איז אַ פאַמיליען-לעבן... אויב אַזוי, האָב איך פאַר אייך אַ מיידל, אַ גאָלד! איר פאָטער איז טאַקע אין די גאָלדענע ביזנעס... ער האָט אַ יוועליר-געשעפט, טאַקע ביי אונדז, אין בראָנזוויל, נישט ווייט פון דאַנען. איר'ט זען, אַז נאָכדעם ווי איר וועט האָבן אַן אייגענע היים, וועט איר קויפן לאַנד און איר וועט זיך פאַרסטראַכירן און איר וועט זיין אָלרייט!...

איך האָב קוים אָפּגעשטעלט דעם יידנס מבול פון רייד און אים בנעימות געלאָזט וויסן, אַז איך האַלט נאָך נישט ביי חתונה האָבן. איך האָב נאָך געגוג צייט.

אָבער חדשים-לאַנג איז מיר דער ייד נאָכגעלאָפן און מיך נאָר גע־וואָלט שלעפּן צו כלות.

אַנדערע יידן ווידער האָבן געמיינט, אַז איך וויל נישט קויפן קיין לאַנד, ווייל איך בין אַן אידעאַליסט, אַ פּאָעט, אַ טרוימער, נישט דאָ גע־דאַכט — און דערפאַר וויל איך זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע ענינים ווי „ריעל עסטייט", מיליאָנען, האָט מיר איינער פון זיי אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

אדרבא, גיט אַ קוק אויף אונדזער ד"ר מייקל קאָהן, אַן אַנאַרכיסט, אַ קעמפער קעגן קאַפּיטאַל — איז הלוואי זאָלט איר עס פאַרמאָגן אין צען

יאָר אַרום, וואָס אַט דער אַנאַרכיסט האָט שוין אָנגעקליבן אין קאַפּיטאַל פון „ריעל עסטייט".

נייטען מינץ און די אַנדערע יידן האָבן אים אונטערגעהאַלפן:

— טאַקע, טאַקע — ד"ר מייקל קאָהן!

דעם ד"ר מייקל (מיכאל) קאָהן, דעם אַנאַרכיסטישן שריפטשטעלער און קעמפער, האָב איך דעמאָלט נאָך ווייניק געקענט. ער איז עטלעכע מאָל געווען אין רעדאַקציע פון דער „ברוקלין בראָנזוויל פּאָסט", וווהין מינץ האָט אים אַריינגערופן, בעת ער איז פאַרבייגעגאַנגען מיט זיין דאָקטאָרסקען רענצל. מ'האָט מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און איך האָב זיך צוגעהערט ווי די יידן, איבערהויפּט מינץ, קיבעצן אים מיט זיין אַנאַר־כיזם און „ריעל עסטייט" און ווי ער קיבעצט זיי צוריק.

פאַר מיר איז ד"ר קאָהנס אַנאַרכיזם און באָדן־שפּעקולאַציעס אויך געווען אַ שטאַרקע רעטעניש. ווי פּאַרט זיך דאָס? דערפאַר האָב איך אויסגענוצט די ערשטע בעסטע געלעגנהייט אים אַליין צו פרעגן וועגן דעם.

דאָס איז געווען אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען איך האָב זיך עפּעס געפילט „נישט מיט אַלעמען", האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צו ד"ר מיכאל קאָהן. ער האָט מיך באַטראַכט, אָבער באַלד פאַרגעסן אָן דער מעדיצי־נישער וויסנשאַפט און זיך אַריינגעלאָזט מיט מיר אין אַ שמועס וועגן דער יידישער ליטעראַטור, מיך אויסגעפרעגט וועגן וואַרשע, פּרץ און אַנ־דערע שריפטשטעלער, און אַזוי ביסלעכווייז אַריבערגעגאַנגען צו זיין אייגן לעבן.

ער האָט מיר דערציילט פון זיין יוגנט אין מאַקאָווע, לאָמזער גובער־ניע, אין פּוילן, ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, ווי ער איז שיער נישט געוואָרן אַ רב און ווי ער האָט פּלוצלינג אַריינגעקריגן עפּעס אַ טרייף־פּסול און געוואָרן „אויפגעקלערט"; ער האָט מיר אויך דער־ציילט ווי נחום סאָקאָלאָוו האָט שפּעטער געלערנט מיט אים און אַנדערע ישיבה־בחורים גמרא — און אַזוי כסדר ביז ער איז געקומען קיין אַמע־ריקע, צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, זיך שרעקלעך

געמוטשעט, געהונגערט, אפילו צוויי מאל ארעסטירט געוואָרן און אפגע־זעסן „טערמינען".

ביי דעם פונקט האָב איך אים א פרעג געטאָן וועגן דער שייכות פון באָדן-שפעקולאַציע צום אַנאַרכיזם...

ד"ר קאָהן האָט זיך אויף קיין האָר נישט פארלוירן. רואיק און זאַכ־לעך האָט ער געזומען באַוויזן, אַז כאָטש עס וואָלט בעסער און גלייכער געווען, אַז די אַלע איבלען פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם זאָלן אפגע־שאַפט ווערן, איז עס אָבער קיין עוולה נישט, אויב מען קאָן כאָטש די איבלען אויסנוצן פאַר דער טובה פון דער מענטשהייט. דאָס געלט, הייסט עס, וואָס ער מאַכט פון דער באָדן-שפעקולאַציע, גיט אים די מעגלעכקייט נישט צו זיין אָפּהענגיק פון זיין מעדיצינישער פּראַקטיק און צו קענען געבן אומזיסטע מעדיצינישע הילף אָרימע מענטשן; חוץ דעם גיט עס אים אויך די מעגלעכקייט צו שטיצן פינאַנציעל די אַנאַרכיסטישע באַ־וועגונג.

צי איינער איז מסכים מיט אַזאַ שטאַנדפּונקט, אָדער נישט — אויף מיר האָט ד"ר מיכאל קאָהן געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן ערנסטן, אויפריכטיקן מענטש, פון אַ ריינעם אידעאַליסט, נישט געקוקט אויף די אַלע ציניש̇ע — און אָפט בייזע — באַמערקונגען, וואָס איך האָב וועגן אים געהערט סיי פון באַלעבאַטישע יידן, סיי פון מאַנכע פון זיינע איי־גענע אַנאַרכיסטן.

נאָכדעם ווי איך בין אַוועק פון בראָנזוויל, האָב איך ד"ר קאָהנען נאָך באַגעגנט אפשר אַ צוויי, אָדער דריי מאָל — און דאָס צופעליק. איך האָב אָבער געהערט פון אים גריסן, אַז ער איז אַלץ רייכער געוואָרן, האָט שפעקולירט אין וואָל סטריט, שוין פאַרמאָגט אַ האַלבן מיליאָן דאָלער, אָבער אין דעם גרויסן קראַך אין 1929 האָט ער כמעט זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַרלוירן.

מיטאַמאָל, אין 1941, קריג איך פלוצים אַ בריוו פון אים, פון קאַ־ליפאָרניע — און דער בריוו, וואָס ער האָט מיר געשיקט אויפן אַדרעס פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע", איז געווען אַ מאָדנער, אַ משיגאַ־ווער ביז גאָר. אין דעם בריוו פרעגט ער מיך אָן, ווו ער קאָן קריגן מיין

בוך „די צווייטע עקזיסטענץ”, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ספּיריטואַליזם, און אַנדערע ספּיריטואַליסטישע ביכער. ער איז זייער פאַראינטערעסירט, — שרייבט ער מיר, — אין השארת-הנפש, אין אַ לעבן נאָכן טויט...

דער בריוו האָט מיך איבערראַשט און טיף גערירט. איך האָב אים באַלד געענטפערט, געבנדיק אים די פאַרלאַנגטע אינפאָרמאַציע. אָבער אין געציילטע טעג אַרום האָב איך דערזען אין די צייטונגען אַ ידיעה פון קאַליפאָרניע, אַז ד״ר מייקל קאָהן איז געשטאָרבן...

איך ווייס אפילו נישט, צי ער האָט נאָך באַקומען מיין ענטפער. איך האָב זיין בריוו דאַן איבערגעגעבן דער „פרייע אַרבעטער שטימע” אָפּ־צודרוקן ווי אַ טייל פון מיינס אַן אַרטיקל וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם. איך בין זיכער געווען, אַז איך אַנטדעק דערמיט עפּעס אַ נייעס פאַר זיינע חברים אַנאַרכיסטן, אָבער זיינע אַנאַרכיסטישע פריינט האָבן מיר גע־זאָגט, אַז זיי האָבן שוין אַ שטיק צייט געוווסט, אַז ד״ר מייקל קאָהן האָט זיך אין זיינע לעצטע יאָרן פאַראינטערעסירט אין השארת-הנפש, אין אַ לעבן אויף דער אַנדערער זייט פון קבר...

XXXV

פּיטאַגאָראַס אין וואַרשע און ניו-יאָרק

אַ זייער טשיקאַווער טיפּ פון אַן אַנאַרכיסט אין דעמאָלטיקן בראָנזוויל איז געווען נטע שקלאַווער. אויסער אַנאַרכיסט איז ער אויך געווען אַ שטרענגער וועגעטאַריער און מיר דאַכט זיך, אַז דעם וועגעטאַריזם איז ער אַ סך איבערגעגעבענער געווען ווי דעם אַנאַרכיזם. אַ סימן האָב איך, וואָס דעם וועגעטאַריזם איז ער פאַרבליבן געטריי ביזן היינטיקן טאָג, בעת דעם אַנאַרכיזם האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן, אָבער צו דעם וועל איך שפּעטער קומען.

שקלאַווער האָט געהאַט אַ קליינעם וועגעטאַרישן רעסטאָראַן אויף וואַטקינס סטריט, מיט אַ שותּף, וויקטאָר. די אויפזיכט איבער דער קיך האָט געהאַט אַ יונג מיידל, מאָרגענשטערן, אַ שטילע, אַ שעמעוודיקע. איך פלעג דאָרט עסן כמעט יעדן טאָג, ווייל איך אַליין בין אויך געווען „געבאַפּט אין דער מעשה" — אַ וועגעטאַריער, הייסט עס. אָבער מיין וועגעטאַריזם איז געווען גיכער אַן עסטעטישער ווי אַן עטישער, כאָטש אויך די עטישע זייט איז מיר נישט פרעמד. די וועגעטאַרישע רעוואָלוציע אין מיר האָט זיך אָנגעהויבן, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונג בחורל אין וואַרשע. איינמאָל, ווען מיין מוטער האָט געבראַכט פלייש פון יאַטקע און איך האָב דערזען ווי דאָס בלוט קאַפּעט אַראָפּ, האָב איך לאַנגע יאָרן מער נישט געקענט קוקן אויף פלייש.

אָבער ביז איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך זיך נישט באַ-

געגנט מיט קיין וועגעטאַריער און נישט געוווסט, אַז ס'איז דאָ אַ וועגע־טאַרישע באַוועגונג. יאָ, איין וועגעטאַריער האָב איך יאָ געקענט אין וואַרשע, דאָס איז געווען חיים גילדין, וועלכער האָט געשריבן לידער און זיי מיר געבראַכט אויף מבינות. איך האָב עטלעכע פון זיינע לידער אויס־געבעסערט און זיי אָפּגעדרוקט אין „מאָמענט", אָדער אין די פאַרשידענע יום-טוב-בלעטלעך, וואָס איך פלעג אַרויסגעבן.

אָט דער חיים גילדין, וואָס איז אונטער די באָלשעוויקעס אַ סך יאָרן געווען דער אומגעקרוינטער לאַוראַט פון די יידיש-פּראָלעטאַרישע דיכ־טער אין סאָוויעט-רוסלאַנד און אַ ממונה אויף כשרות איבער דער סאָוויע־טיש-יידישער ליטעראַטור, איז דעמאָלט געווען אַ שוסטער, אַ געזונטער יונג. ער האָט ניט געגעסן קיין פלייש, פיש, אָדער הערינג, נאָר אַזוי ווי גרינצייג און פרוכט איז געווען אַ צו טייערער ביסן פאַר אַ פּראָלעטאַריער, האָט ער געלעבט אויף שוואַרץ ברויט מיט פּוטער, קעז און ציבעלע. מיר איז געווען אַ וווּנדער ווי אַזוי ער קאָן זיין אַזוי שטאַרק אויף אַזאַ דיעטע.

ווייטער האָב איך נאָך אין וואַרשע געוווסט, אַז דער „פאָטער פון וועגעטאַריזם" איז געווען דער גריכישער פילאָסאָף פּיטאַגאָראַס און אַז טאָלסטאָי איז אַ שטרענגער וועגעטאַריער, ווי אויך אַז דער יונג־פאַר־שטאָרבענער העברעאישער שרייבער מ. ז. פייערבערג, אַ יוגנט-חבר און לאַנדסמאַן פון ש. צ. זעצער, איז געווען אַ וועגעטאַריער און איז אַזוי אַרום געקומען אין קאָנפליקט מיט זיין פאָטער, דעם שוחט.

אָבער ערשט דאָ, אין אַמעריקע, האָב איך זיך דערוווסט, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסע וועגעטאַרישע באַוועגונג. אויף איסט-בראָדוויי האָט דער אייגנטימער פון אַ וועגעטאַרישן רעסטאָראַן, שילדקרויט, געקעמפט פאַרן וועגעטאַריזם און אָפט זענען אויף ראָטגערס סקווער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָפענע וועגעטאַרישע פאַרזאַמלונגען, וואָס אויף זיי זענען אַרויסגעטרעטן פאַרשידענע רעדנער; מ'האָט פאַרטיילט וועגעטאַרישע ליטעראַטור צווישן עולם. דער עולם האָט געשטעלט פראַגן, געקיבעצט די רעדנער — און ס'האָט זיך געטומלט.

עס זענען אַפילו געווען אַזעלכע וועגעטאַריער, וואָס האָבן געהאַלטן פון טעראָר... איך האָב אַליין געהערט ווי איינער פון זיי, אַ וועגעטאַריער,

אַן אַנאַרכיסט און אַ שטרענגער יידישיסט, האָט אַמאָל זיך געקאָכט און געשריגן, אַז מ'דאַרף אַריינוואַרפן באָמבעס אין די שלאַכט־הייזער, הרגע־נען די שוחטים און אויפרייסן די יאַטקעס מיט דינאַמיט.

דער שענסטער טיפּ וועגעטאַריער איז געווען — און איז נאָך איצט — משה יצחק ליטויער, וואָס איז גוט באַקאַנט די איסט־סיידער און ניו־יאָרקער בכלל, באַזונדערס די יידישע שרייבערס, מיט זיינע לאַנגע בלאָנ־דע לאָקן און בלאָנדער באָרד, וואָס זענען שוין איצט היפּש גרוי, מיט זיין לייוונטענעם אנצוג. ליטויער איז אַ העכסט־געבילדעטער מענטש און זיי־נע עסייען וועגן עמערסאָן און דייוויד טהאָרא, וואָס ער האָט פאַרעפנט־לעכט, קענען פאַרעכנט ווערן צווישן די בעסטע אַרבעטן וועגן די צוויי דערמאָנטע אַמעריקאַנער דענקער.

ליטויער האָט עטלעכע מאָל אָנגעפירט קליינע וועגעטאַרישע רעס־טאָראַנען און די ווענט פון זיינע רעסטאָראַנען זענען פאַרשריבן געווען מיט פּסוקים פון דער ביבל, פון תלמוד, דער עיקר פון הלל הזקן, פון פּי־טאַגאָראַס, טאָלסטאָי און אויך פון יידישע שרייבערס. ער האַלט נישט פון דער טעכנישער ציוויליזאַציע און פאָרט קיינמאָל נישט מיט דער באַן. ער גייט שטענדיק צופוס.

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ הויכער געזונטער שייגעץ האָט לי־טויערן אַ ציי געטאָן ביי דער באָרד און ביי זיינע לאָקן. ער האָט זיך אויס־געדרייט, דעם שייגעץ געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און — אים דער־לאַנגט זיין וויזיט־קאַרטע... דער שייגעץ איז צעמישט געוואָרן פון לי־טויערס מאָדנער האַנדלונג און ער איז שפּעטער טאַקע אַוועק אין רעס־טאָראַן פון דעם מאָדנעם מענטש מיט די לאַנגע האָר. נאָכדעם ווי ליטויער האָט מיט זיין אָנפּאַלער געהאַט אַ קורצן שמועס, האָט זיך דער שייגעץ פונאַנדערגעוויינט און זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין נאַרישער און מיאוסער האַנדלונג. מיט דער צייט איז ער געוואָרן איינער פון ליטויערס הייסטע חסידים און פלעגט אָפּלינן גאַנצע טעג און נעכט אין ליטויערס רעסטאָראַן.

אין יענע יאָרן איז אויך אַראָפּגעקומען פון אַרגענטינע אַ וועגעטאַ־רישער גאַסט: קאַמינעצקי. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי ליטויער, אין

א ווייסן לייוונטענעם אנצוג און אין לייוונטענע סאנדאלן אויף די פיס. ער האט אויך געהאט א היפשע באָרד און לאנגע האָר, נאָר טונקעלע. אַט דער קאַמינעצקי האט דורכגעוואנדערט די גאנצע וועלט צופוס און מען האט וועגן אים דערציילט, אַז בעת ער האט געוואנדערט איבער איטאליע, אין די פאַרוואָרפענע דערפער, האָבן די פרימיטיווע איינוווינער געמיינט, אַז דאָס איז יעזוס אויפגעשטאנען תחית־המתים און זיי זענען פאַר אים געפאַלן אויף די קני.

מיט דעם קאַמינעצקי האָבן די וועגעטאַריער אָרגאַנזירט גרויסע פאַרזאַמלונגען און די פראָפאַגאַנדע פאַרן וועגעטאַריזם האט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט. אָבער די היגע וועגעטאַריער זענען שנעל אַנטוישט געוואָרן אין זייער גאַסט, ווייל ער האט צופיל פאָזירט, צופיל זיך גע־שטופט און כסדר געזוכט „פובליסיטי". דער סוף איז געווען, אַז קאַמי־נעצקי, וועלכער איז, דאַכט זיך, געווען א רוסישער ייד, איז צוריק אַוועק קיין ארגענטינע, אָבער נישט צופוס, נאָר מיט דער שיף — א פּראָדוקט פון דער טעכנישער ציוויליזאַציע...

נטע שקלאָווער האט גיכער געהערט צו דעם ליטויער־טיפ — ערנסט, שטיל, באַשיידן, הלל הזקנדיק, — ווי צו די טומלדיקע וועגעטאַריער. ער איז אָבער געווען פּאָליטיש־ראַדיקאַלער ווי ליטויער און איינער פון זיינע ראַדיקאַלע פּרינציפּן האט זיך אויסגעדריקט אין פולשטענדיקער גלייכ־הייט צווישן מאַן און פרוי, נישט נאָר אין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכט, נאָר אויך — אין דער שפּראַך... ער האָט, למשל, נישט געהאַלטן פון באַזונדערע באַצייכענונגען אין פריינטשאַפט פאַר מאַן און פרוי — „פריינד" פאַרן מאַן און „פריינדין" פאַר דער פרוי. ביידע זענען „פריינד". אין ענגליש איז עס סיי־ווי אַזוי, אָבער אין יידיש איז דאָס געווען א „רעוואָלוציע".

דערמאָנט זיך מיר אַזאַ קאָמישער עפּיזאָד:

שקלאָווער האט זיך עטלעכע טעג נישט געוויזן אין רעסטאָראַן, פרעג איך זיך אויף אים נאָך און מען זאָגט מיר, אַז ער ליגט קראַנק. אַנ־טראַכט איך: אַן עלנטער מענטש, דאַרף מען אים מבקר־חולה זיין. אַנ־

געקומען אין זיין קליינער וווינונג אין א בראָנזווילער טענעמענט-הויז, געפין איך אים אין א גרויס, ברייט בעט. פרעג איך אים:

— וואָס טויג אייך אַזאַ גרויס בעט?

און ער ענטפערט מיר, אַז ער שלאָפט מיט אַ פריינד. זאָג איך אים אפילו, אַז איך האָב פיינט שלאָפן מיט אַ פריינד, נאָר אַז אים אַרט נישט, זאָל אים ווויל באַקומען.

אין אַ צוויי טעג אַרום איז שקלאַווער צוריקגעקומען אין רעסטאָראַן אַריין. אַזוי זענען אַריבער עטלעכע חדשים. פלוצלינג פאַרשווינדט ער ווידער אויף עטלעכע טעג. דאָסמאָל איז מיר שוין נישט אויסגעקומען אים מבקר-חולה צו זיין, נאָר ווען ער איז צוריקגעקומען, פרעג איך אים, צי ער איז ווידער קראַנק געווען.

— ניין, — ענטפערט ער מיר רואיק, — איך בין נישט קראַנק געווען. נאָר... מיין פריינד האָט געהאַט אַ קינד...

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זיין פריינד איז טאַקע די מיס מאָרגנשטערן, וואָס זי האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער קיך.

מיט יאָרן שפּעטער איז אין דעם אַנאַרכיסט און אָנהענגער פון „פרייע ליבע", נטע שקלאַווער, פאָרגעקומען אַ גרויסע איבערקערעניש: ער איז געוואָרן אַ פרומער ייד, שטרענג אָרטאָדאָקסיש. אַזוי אויך זיין פרוי.

קודם האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין „פריינד" כדת משה וישראל. דערנאָך האָט ער געלאָזט מלה-זיין דעם זון זיינעם, וועלכער איז שוין געווען אַ בר־מצוה-בחור.

די שקלאַווערס האָבן זיך דאַן באַזעצט אויף אַ פערמע אין ניו-דזשוירסי, ווו זיי האָבן יאָרן-לאַנג — ביז זייער צוריקקומען קיין ניו־יאָרק — געפירט אַן אמת אידיליש און פרום-יידיש לעבן. וועגעטאַריער זענען זיי אָבער פאַרבליבן און קיין פלייש און פיש קומט נישט צו זיי אין הויז אַריין.

דאָס איז איינע פון די שענסטע עטישע פאַמיליעס, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען.

XXXVI

די ווייסל ביים האָדסאָן

אין אַ הייסן יוני־פאַרנאַכט פון יאָר 1943 בין איך געזעסן אין דוד דרוקס ציכטיקער דירה אויף ריווערסייד־דרייוו אין ניו־יאָרק. דורכן פענצ־טער האָט זיך געזען דער האָדסאָן־טייך. די זון האָט זיך געזעצט אין רויטן גאָלד און פון צייט צו צייט האָט אַ שיף זיך פאַרבייגעגליטשט, ווי אַ חלום. אַ געזאַנג האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם צימער, וווּ אין בעט איז געלעגן דוד דרוק, כמעט אַ סקעלעט שוין, אויפגעפרעסן פון ראַק. ס'איז פאַר אים קיין סוד נישט געווען, אַז זיין סוף איז נאָענט, אַ ליאַדע טאָג, — האָט ער געשוויגן. נאָר פון צייט צו צייט האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן דעם אַמאָל — וואַרשע, רעדאַקציע „מאָמענט". דער האָד־סאָן האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין דער ווייסל. ס'איז נישט מער ניו־יאָרק, נישט ריווערסייד־דרייוו, נאָר וואַרשע, אויף נאַלעווקי 38.

אַמאָל און איצט האָבן ווי געקעמפט צווישן זיך. אָבער די רעאַלי־טעט איז פאַרט גובר. צווישן דעם אַמאָל און איצט שטייט דער טויט, דער טויט פון מיליאָנען יידן און דער טויט דאָ אין צימער, ביי דוד דרוקן.

ביים פאַרמשפּטן צום טויט, וואָס זיצט אין תפיסה און וואַרט אויף דער לעצטער שעה, טליעט נאָך פונדעסטוועגן ווי אַ באַהאַלטענע האָפע־נונג אויף באַגנעדיקונג. דוד דרוק, דער שטילער, איידעלער מענטש און חכם, האָט אַזאַ פונק פון האָפענונג נישט געהאַט. באַלד ווי ער האָט פון דאָקטאָר אַרויסגענאַרט דעם שרעקלעכן סוד, אַז ער ליידט פון אַ ראַק אין

מאָגן און אַז מען קאָן פאַר אים גאָרנישט טאָן, איז ער אוועק אין זיין קליינער דירה אויף ריווערסייד־דרייוו און — געוואַרט אויפן טויט. פאַר די פריינט, וואָס האָבן אים באַזוכט, איז עס געווען אַ פיינלעכער מאָ־מענט. מען האָט געקוקט אויף דעם קליינעם, אויסגעצערטן גוף פון דעם חולה, אויף זיין אויסגעצויגן פּנים און אויף זיינע האָר, וואָס האָבן אָנ־געגומען אַן אַש־קאָליר, און נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן, ווי זיך צו האַלטן.

איך האָב אים געפּרוּווט טרייסטן, אַז דאָקטוירים זענען זיך אַמאָל טועה, אָבער דרוק איז צו קלוג געווען אָנצונעמען אַזאַ טרייסט. זיין מח האָט געאַרבעט נאָרמאַל ביז דער סאַמע לעצטער מינוט. ער האָט געלייענט צייטונגען, אויסגעפרעגט זיך וועגן פריינט, באַקאַנטע און אַפילו פון צייט צו צייט אַ שמייכל געטאָן. אַכט אַזייגער אין אָוונט איז די קראַנקן־שוועס־טער אוועק און אַלע באַזוכער האָבן אים געמוזט איבערלאָזן אַליין — אין זיין הילפלאָזן עלנט, דעם צום טויט פאַרמשפטן. דאָס האַרץ האָט געוויינט פון צער. אָבער טאָן האָט מען גאָרנישט געקענט. ווי הילפלאָז דער מענטש איז!

איך האָב דוד דרוקן געקענט עטלעכע און דרייסיק יאָר — פון דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז געקומען קיין וואַרשע און געוואָרן אַ מיטאַר־בעטער פון דעם טאָג־בלאַט „דער וועג". שפּעטער, ווען דער „מאָמענט" איז געגרינדעט געוואָרן, האָבן מיר דאָרט ביידע געאַרבעט פון ערשטן טאָג אָן. מיר פלעגן אים רופן „דער ענגלענדער", סיי צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך שטענדיק געקליידט אין „ענגלישע אַנצוגן", סיי צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן אַן ענגלישן נאָמען פאַר זיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַרטיקלען — ד. מאַרשאַל. ער האָט זיך טאַקע גע־לערנט ענגליש אויך. אָבער מיט וועמען קאָן ער רעדן ענגליש אין וואַר־שע? האָט זיך דעמאָלט געפּנט אין וואַרשע די טעריטאָריאַליסטישע ביו־ראָ, ווו י. ז. שובין איז געווען דער דירעקטאָר. אַזוי ווי שובין האָט זיך פאַרנומען מיט יידישער עמיגראַציע קיין גאַלוועסטאָן, האָט ער זיך פאַר־שאַפט אַן ענגליש ווערטערבוך, אויך איך האָב דעמאָלט אָפט אַריינגע־

קוקט אין אַן ענגליש ווערטערבוך, ווייל מיין פֿאָטער איז דעמאָלט געווען אין אַמעריקע און איך אַליין האָב זיך געקליבן אַהין, פּלעגן מיר דריי זיך אויסטוישן מיט אונדזער ענגליש... ס'איז געווען שוין איינמאָל אַן ענגליש! — און מיר פּלעגן דערפֿון האָבן אַ סך שפּאַס.

מאַרשאַל-דרוקס פּאָליטיש-סאָציאַלע אַרטיקלען פּלעגן זיך דרוקן אויף דער ערשטער זייט — אַ קאָלום. און זיי האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם מיט זייער זאַכלעכקייט און קענטעניש. דער רעדאַקטאָר, צבי פּרילוצקי, וועלכער פּלעגט יעדן טאָג שרייבן אַ פּאָליטישן איבערבליק איבער דער וועלט-לאַגע אינעווייניק, אין צייטונג, ווו אין דער היגער פּרעסע וווערן געדרוקט די „עדיטאָריעלס", איז נישט איינמאָל אייפערזיכטיק געווען אויף דרוקן. אָבער דרוקס אַרטיקלען זענען צו גוט און צו דערפאָלגרייך געווען, אַז דער רעדאַקטאָר זאָל זיי מבטל זיין, אָדער אָפּשאַפֿן, האָט ער עס אויסגעלאָזט צו דרוקס האַנטשריפט — פּרילוצקי פּלעגט עס רופן „רש"י-כתב", און דער קורצזיכטיקער פּרילוצקי האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר מיר און פֿאַר די אַנדערע מיטאַרבעטער, אַז דרוקס האַנטשריפט וועט אים אינגאַנצן בלינד מאַכן...

אַ שטילער, אַ באַשיידענער, פּלעגט דוד דרוק קיינמאָל נישט רעדן וועגן זיך און אַפּילו זיינע נאָענטע פֿריינט האָבן גאָרנישט געוווּסט נישט נאָר עפּעס וועגן דרוקס פּריוואַטן לעבן, נאָר אויך נישט וועגן זיינע קענטענישן. ערשט, ווען דרוק האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע גרעסערע אַרבעטן, ווי „צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער פּרעסע" און דער עיקר זיין צווייבענדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן „די מפרשים פֿון דער תורה", איז מען געוווּיר געוואָרן, וואָס פֿאַר אַ ברייט און טיף-יידיש און וועלטלעך וויסן און וואָס פֿאַר אַ קריטיש-אַנאַליטישן פֿאַרשטאַנד דער מענטש פֿאַרמאָגט. ער איז געווען אַן ערודיט אין דעם שענסטן און פֿולסטן זינען פֿון דעם וואָרט. דערצו איז ער געווען אַן אמתער פֿיינשמעקער, ווען עס איז געקומען צו וועלכן ס'איז קינסטלערישן געביט.

איך געדענק, אַז בעת ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט, פֿריער אין „וועג", און דערנאָך אין „מאָמענט", עטלעכע אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס און אַנטפּלעקט אַ טיכטיקע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר ליטעראַטור, האָב

איך זיך גענומען צו אים, אַז ער זאָל ווערן אַ ליטעראַטור־קריטיקער. אָבער ער האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דערפֿון. אָבער מיט אַ שטיקל צייט צוריק זאָגט ער מיר מיט אַ שמייכל:

— איר האָט דאָך אַמאָל געוואָלט, אַז איך זאָל ווערן אַ ליטעראַטור־קריטיקער. נו, האָט איר אויסגעפֿירט. איך בין עס געוואָרן!

— ווו? ווען? — האָב איך אים פֿאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— איר ווייסט גאָרנישט? — האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו שמייכלען. — איך האָב דאָך אַרויסגעגעבן אַ ווערק אין צוויי בענד וועגן אונדזערע גרעסטע יידישע שריפֿטשטעלער — די מפרשים פֿון דער תורה...

דוד דרוק האָט שטענדיק געזוכט דאָס תוכיקע, דאָס פֿאַרוואָרצלטע — אין דער ליטעראַטור, ווי אין דער פּאָליטיק און אין דער סאָציאָלאָגיע.

ער האָט געלעבט שטיל, אָבער טיף. און שטיל איז ער געשטאָרבן — אין דער טיפֿער טויט־שטילקייט פֿון זיין קליינער דירה, נאָך אַ גסיסה, וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע חדשים.

נעמען-רעגיסטער

— א —

אדלער י. (ב. קאָוונער) 229.
אימבער ש. י. 103.
איינהאָרן דוד, 135.
אש שלום, 69, 102, 106, 107, 127, 136, 190, 191.

— ב —

בארוכאָוו ב. 229.
בובליק גדליה, 216, 218.
בין זבולן, 152.
בירנבוים נתן דר׳ 117.
בן עמי יעקב, 159.
בראָדאטי, 137.
בריינין ראובן, 202.
ברענער בערקע, 95.
ברעסלער אברהם, 57, 58.

— ג —

גאָטליב אסתר, 206.
גיטלין, 194.
גילדין חיים, 242.
גערטנער ביילע, 207.
גראָסמאַן וולאדימיר, 176.
גראָסמאַן מאיר, 138, 176.

— ד —

דאלידאַנסקי, 209, 210, 211.
דאנציס מרדכי, 213.
דאווידזאָן לייבוש, 152.
דובנאָוו שמעון, 39.
דע האאז, 68.
דינעזאָן יעקב, 135, 136, 137, 178, 179, 181, 182.
דרוק דוד, 146, 246, 247, 248, 249,

— ה —

האלפערן משה לייב, 221.
הירשהאָרן ש. 77.
הערמאלין ד. מ. 58, 201, 208.
הערצל דר׳ 69, 104.

— וו —

וואָלמאַן י. ל. 151.
וואָלמאַן מענדל 150.
ווייסבארד גדליה, 30, 130, 146.
ווייסענבערג א. מ. 183, 184, 185, 186, 187, 198.
וולאדעק ב. 135.
וועווירקע אברהם, 103, 153.

— ז —

זאנגוויל ישראל, 68.
זאנגאָראָדסקי י. ח. 116, 119, 146. 189.
זשיטלאָווסקי חיים, 139, 190.
זילבערבערג אליעזר, 146.
זאקס א. ש. 198.
זאָלאָטקאָף לעאָן, 199, 204.

זעליקאָוויץ, 202.
זיידלער אליהו, 204.
זיידלער אסתר 206.
זיידלער ראָזע, 206.
זאָנענטאַל אַדאָלף, 214.
זעליקאָוויטש נעצל, פּראָפ' 224, 228.
זעצער ש. צ. 242.

— ט —

טאָהן י. דר' 103, 106.
טונקעל יוסף 117, 118, 119, 198.
טאַרטאַצקי ס. 146, 195.
טייטש משה, 154.

— י —

יאושזאָן ב. 192, 197.
יאַנאָווסקי ש. 232.
יהואָש 198, 215.
יוראָק 231.

— כ —

כּאַדאַק (צענזאָר) 120.
כהן צבי, 144.

— ל —

לידסקי, 57.
לעווי יוסף הלל, 101, 102, 103. 104 105.
ליאַכאָוועד פישל, 144.
לאַנגזאַם אהרן, 144.
לייזעראָוויטש י. א. (איזידאָר לאַזאר) 146, 147.
ליעסין א. 215.
לעווערטאָוו, 188, 191.
לאַקסאָן ד. 201.
לוצקי א. 215.
לאַנדאָן מאיר, 232.
ליטוויער משה יצחק, 243.

— מ —

מילטאָן יודל, 67, 69, 70.
מילטאָן מענדל, 67, 70.
מילך יעקב, 68.
מוקדוני י. דר' 94, 117.
מיפּעלעוו נ. 103.
מייערן מאָרים, 105.
מענדעלע מוכר ספרים, 135, 179.
מילער לואי, 198, 199, 203, 220.
מאַרינאָוו יעקב, 204.
מירקין אסתר, 212, 213, 221.
מינץ גייטען, 231, 232 236.
מאַרקס קאַרל, 232.

— נ —

נאָמבערג ה. ד. 25, 102, 117, 131, 193.
נאָוואַק ה. 219.
נאַדיר משה, 229.

— ס —

סלאָנימסקי ח. ז. 57, 58.
סאַפּאַד פּסח, 68.
סירקין נ. דר' 68, 229.
ספּעקטאָר מרדכי, 115, 117, 119, 127, 146, 158, 178, 179, 180, 181.
סאָקאָלאָוו נחום, 135, 189.
סלאָנים יואל, 199.

— ע —

ערליך מ. (יושר) 103.
עסטרין פרל' 159.
עלמאָן מישא, 180, 231.

ענטין יואל, 201, 229.
עלבע לעאָן, 201.
ענגעלס, 232.

— פּ —

פּערלע יהושע 30, 104, 130, 185, 186, 187.
פּרילוצקי נח 32, 77, 92, 115, 117, 118, 119, 120, 121, 126, 127, 156, 185.
פּרילוצקי נחמן, 32, 115, 146.
פּרילוצקי צבי, 115, 116, 118, 127, 138, 143, 147, 196, 197, 248.
פּרץ י. ל. 60, 102, 103, 114, 118, 127, 129, 139, 155, 156, 159, 176, 178, 179, 189, 194, 198, 206, 222.
פּאָזנאַנסקי יאָזעף דר' 68.
פּאטעק סטאַניסלאוו, 153.
פּויזנער י. י. 146.
פּרילוצקי פּאולא 92, 146.
פּרושאנסקי חיים 146, 198.
פּרושאנסקי לאה, 146, 147.
פּראָפּוס י. י. 148.

— פֿ —

פֿוקס א. מ. 105.
פֿייגענבוים בנימין, 58, 68.
פֿייגין דבורה, 209, 210, 211.
פֿייערבערג מ. ז. 242.
פֿעלדמאַן פּראָפּ' 179, 180.
פֿרוג שמעון, 215.
פֿרישמאַן דוד, 189, 190, 191, 193.

— צ —

צייטלין הלל, 119, 127, 140, 148, 198, 202.
צייטלין אהרן, 144.

— ק —

קאָהן מייקל דר' 237, 238, 239, 240.
קאָנסטאַנטינאָוו (פּריסטאוו) 97.
קאָרמאַן ע. 206.
קאָרנבייסער שרה, 185.
קאַגאַנאָווסקי אפרים 176.
קאַהאַן אב. 184.
קאַהאַן לאזאר, 127.
קאמייקי לעאָן, 199, 204.
קאַמינסקי הירש 68.
קאַמינעצקי 243, 244.
קאַפּלאַן מיכל, 229.
קארני י. 190.
קיטשנער לאָרד, 226, 227.
קענער יעקב, 102, 103.
קראָפּאָטקין פּיאָטר, 150.
קרינסקי מ. 25, 102, 146.
קרעטשמאר־איזראעלי, 220.

— ר —

רייזען אברהם, 57, 100, 101, 102, 103, 104, 111, 114, 117, 153, 206, 215.
ראָזענפעלד מאָריס, 102, 103, 146, 214, 223.
ראָזענפעלד יוסף, 130, 154.
ריקליס י. (ליריק) 149.
רייזען שרה, 206.
ראַסקין פּיליפּ מ. 216.

— ש —

שפּיגלגלאס כ. 33, 34, 93.
שאבאשעוויטש ז. 42, 43, 46.
שלום עליכם, 70, 117, 119, 135, 179.
שלייפשטיין משה, 96, 98.

שולמאן ברוך, 97, 98.
שווייד מארק, 104, 159, 199.
שאצקי יעקב, 184.
שעלובסקי י. מ. 198, 199.
שרה זאן, 199, 204.
שיפלאקאפאן 231.
שקלאָווער נטע, 241, 244, 245.
שובין י. ז. 247.

— ת —

תשר'ק 210, 211.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע“ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן - נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פאוויאק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
הערשעלע: שבת אויפן טראקט
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאָר
עוזרווארשאווסקי: שמוגלארס
ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)
מנשה אונגער: פשיסכע און קאצק
ד״ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פארביי...
לייב ראָכמאַן: מענטשן אין קברים
מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פלוינע.

עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אקרוטני: אין קלעם
רחל אויערבאך: מאטעריאלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: ארישע פאפירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאוויע
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
מ. קאָסטרינסקי: פינסק
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
ד״ר יצחק שיפער: קאפיטלען געשיכטע
ל. שפיזמאן: די חלוצישע באוועגונג אין פוילן
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
קאדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
אברהם זאק: יאָרן אין וואנדער

Este libro terminó de imprimirse el día 9 de octubre de 1948, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes 1976, Buenos Aires, Rep. Argentina